STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10029

MOSHEH RABEYNE'S LEBN UN SHAFUNG

Aharon Rozmarin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה רבינו׳ס לעבן און שאפונג

לויט תלמוד, מדרש, אגדה, זהר,
קבלה ליטעראַטור, ראשונים און אחרונים

פון

הרב דר. אהרן ראָזמאַרין

•

אום פּאַבלישינג קאָ.

ניו יאָרק, נ. י.

תשכ״ה

Copyright 1965, *by*
OM PUBLISHING COMPANY
and
AARON ROSMARIN

All rights are reserved — No part of this book may be reproduced in any form and language whatsoever without permission in writing from the publishers.

איבערדרוקן אָדער איבערזעצן דאָס בוך אין גאַנצן אָדער אַ טייל
אָהן דער שריפטלעכער דערלויבעניש פון די אַרויסגיבערס איז פאַרבאָטן.

OM PUBLISHING COMPANY
22 Ludlow Street
New York 2, N. Y.

Printed in the United States of America by
BALSHON PRINTING AND OFFSET CO.

א מתנה מיינזון
משה נר"ו
יג' שבט תשכה

אינהאלט

עטליכע ווערטער וועגן דעם פּערפאַסער .... ט
די וויכטיקייט פון שבת .... יז
דער שבת בריוו .... כד
אגרת שבת .... כה
פאָרוואָרט .... כו
קוועלעס .... כז
אַ מאָלערס פאָרטרעט פון משה רבינו .... כט
מאמרי חז״ל, מאמרים פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה .... לא
אין קורצן .... לב

משה׳ס פערזענלעכקייט .... לב
יעקב אבינו׳ס פטירה .... לב
די אידנס לאַגע אין מצרים .... לב
משה׳ס אָפּשטאַם .... לב
משה׳ס געבורט .... לב
משה׳ס קינדהייט .... לג
משה׳ס יוגנד .... לג
משה און קיקאַנוס .... לג
משה קעניג פון עטיאָפּיע .... לג
משה אין טורמע .... לג
משה׳ס פאַמיליע .... לג
דער שטעקן .... לג
דער קרעציגער פרעה .... לג
נייער פרעה איז גרויזאַמער .... לד
דער געטרייער פאַסטעך .... לד
משה ציט קיין מצרים .... לד
משה און אהרן ביי פרעה׳ן .... לד
די מכות .... לד
דער ערשטער פסח .... לד
די צענטע מכה .... לד
פרעה פאַלט צו משה׳ס פיס .... לה
זכות׳ן פאַר יציאת מצרים .... לה
דער אַרויס צוג פון מצרים .... לה
די שפּאַלטונג פון ים סוף .... לה
משה, די אידן זינגען שירה .... לה
דאָס וואַסער איז ביטער .... לה

דער מן, מאַנגל אין וואַסער .... לה
די מלחמה מיט עמלק׳ן .... לה
משה׳ס פאַמיליע אין מדבר .... לו
משה לערנט תורה .... לו
דער גאָלדענער קאַלב .... לו
משה צעברעכט די לוחות .... לו
משה פאַרברענט דעם קאַלב .... לו
די צווייטע לוחות .... לו
דער באַרג סיני .... לו
די תורה .... לו
פעלקער ווילן קיין תורה .... לו
די בערג ווילן דעם כבוד .... לז
מלאכים געגן מתן תורה .... לז
דאָס גיבן די תורה .... לז
דער משכן .... לז
דאָס פאָלק פאָדערט פלייש .... לז
מרים ווערט באַשטראָפט .... לז
די מרגלים, אויסקוקערס .... לח
קרח׳ס אויף שטאַנד .... לח
מרים שטאַרבט, קיין וואַסער .... לח
אהרן׳ס פטירה .... לח
משה באַזיגט פילע קעניגס .... לח
בלק און בלעם .... לח
משה ווערט זיך געגן טויט .... לח
משה און דער מלאך המות .... לט
משה׳ס לעצטע מינוט .... לט

איינליידונג .... מא
משה פאַרקערפּערט אין זיך אַלע אייגנשאַפטן
וועלכע אַלע תנ״כ פערזענלעכקייטן באַזיצן .... מא
געוויסע תנ״כ פערזענלעכקייטן באַזיצן
מאַנכע אייגנשאַפטן פונקט ווי משה .... מד
אין מאַנכע אייגנשאַפטן שטייגן איבער
געוויסע תנ״כ פערזענלעכקייטן משה׳ן .... מו
פאַרגעשיכטע .... מח
פון יעקב׳ס פטירה ביז יוסף׳ס פטירה .... מח
די לאַגע פון די אידן אין מצרים ביז משה׳ס געבורט .... נא
„און עס איז אויף געשטאַנען אַ נייער מלך...״ .... נב

דער אַנהויב פון דער פערשקלאַפונג .... נד
פרעה׳ס עצה גיבער: יתרו, בלעם, איוב .... נו
משה׳ס אַפשטאַם .... ס
משה אין מצרים, ערשטער פעריאָד .... סב
געבורט .... סב
קינדהייט .... סד
יוגנד .... סז
משה אין קיקאַנוס׳עס לאַגער .... סט
משה אין עטיאָפּיע [אַבעסיניע] .... ע
משה קעניג פון עטיאָפּיע [אַבעסיניע] .... עא
משה אין מדין .... עב
אין טורמע .... עב
משה נעמט צפורה׳ן פאַר אַ ווייב .... עד
דער שטעקן .... עה
דער קרעציגער פרעה .... פב
נייער פרעה איז גרויזאַמער פון זיין פאָטער .... פג
דער געטרייער פאַסטעך .... פד
משה אויפן וועג קיין מצרים .... פו
משה אין מצרים, צווייטער פעריאָד .... פז
משה און אהרן ביי פרעה׳ן .... פז
די מכות .... פט
א) דם, בלוט .... פט
ב) צפרדע, פראָשן, זשאַבעס .... צ
ג) כנים, לייז .... צא
ד) ערוב, אַ געמיש פון ווילדע חיות .... צב
ה) דבר, אַ פעסט, אַ פלאָג .... צג
ו) שחין, געשווירן, פאַרך .... צג
ז) ברד, האָגל .... צד
ח) ארבה, הײשעריקן .... צה
ט) חושך, פינצטערניש .... צה
דער ערשטער פסח .... צח
י) מכת בכורות, דאָס דערשלאָגן די ערשטע געבאָרענע .... צט
פרעה פאַלט צו משה׳ס פיס .... ק
די זכות׳ן פאַר יציאת מצרים .... קג
אין דעם זכות פון קבלת התורה .... קג
דער כוח פון לערנען תורה
אין דעם זכות פון תפילה, דאַווענען .... קט
דער כוח פון תפילה, פון דאַווענען
אין דעם זכות פון תשובה .... קטו
דער כוח פון תשובה, אום קעהרן זיך צום אויבערשטן
אין דעם זכות פון רחמים, רחמנות .... קכ
דער כוח פון רחמים, באַרם האַרציקייט

אין דעם זכות פון קרבנות .... קכב
דער כוח פון קרבנות
אין דעם זכות פון מל זיין .... קכג
דער כוח פון ברית מילה
אין דעם זכות פון נישט רעדן לשון הרע .... קכז
די וויכטיקייט פון נישט רעדן לשון הרע
אין דעם זכות פון גמילות חסדים .... קל
דער כוח פון גמילות חסדים
און אין גאָך זכות׳ן .... קלב
יציאת מצרים, דער אַרויס צוג פון מצרים .... קלד
קריעת ים סוף, דאָס שפּאַלטן דעם ים סוף .... קלז
די זכות׳ן פאַר קריעת ים סוף .... קמ
משה און די אידן זינגען שירה, אַ לויב געזאַנג .... קמה
משה און די אידן אין דער מדבר .... קמח
דאָס וואַסער איז ביטער .... קמח
דער מן .... קמט
וואַסער .... קנא
די מלחמה מיט עמלק׳ן .... קנב
יתרו, צפורה, גרשם, אליעזר קומען צו משה׳ן .... קנג
דער אויבערשטער לערנט משה׳ן תורה .... קנד
דער גאָלדענער קאַלב .... קנה
משה צעברעכט די לוחות, פאַרברענט דעם קאַלב .... קנז
די צווייטע לוחות .... קנח
דער באַרג סיני .... קס
די תורה .... קסא
די פעלקער ווילן נישט אָן נעמען די תורה .... קסב
די בערג ווילן דעם כבוד .... קסג
די מלאכים זיינען געגן גיבן די תורה די אידן .... קסד
מתן תורה, דאָס גיבן די תורה די אידן .... קסה
דער משכן .... קע
דאָס פאָלק פאָדערט פלייש .... קעא
מרים ווערט באַשטראָפט פאַר רעדן לשון הרע .... קעא
משה שיקט אויס קוקן דאָס לאַנד כנען .... קעב
קרח׳ס אויף שטאַנד געגן משה׳ן .... קעג
מרים׳ס פטירה, אַ וואַסער פּראָבלעם .... קעה
אהרן׳ס פטירה .... קעו
משה באַזיגט פילע קעניגס און די קעניגס פון מדין .... קעז
בלק און בלעם .... קעט
משה ווערט זיך געגן טויט .... קפא
משה און דער מלאך המות סמאל .... קפו
משה׳ס לעצטע מינוט .... קפח
וועגן ספרים און ביכער .... קצב—קצו

עטלעכע ווערטער וועגן דעם פּראָפעסאָר *)

אין דער וועלט פון חכמת ישראל, פון אידישער וויסנשאַפט, פּונקט ווי אין אַנדערע וויסנשאַפטן, זיינען פאַראַן, אַזוי צו זאָגן, געוויסע ספּעציאַליסטן. אַ געלערנטער ווידמעט זיך אַ געוויסן געביט, און אויסער זיין „פעלד" אינטערעסירט אים כמעט גאָרניט. ער לעבט אין יענעם יאָרהונדערט מיט וועלכן זיין ספּעציעל געביט באַשעפטיקט זיך. און אַפילו אַקטועלע, אַלטעגלעכע פּראָבלעמען, אָדער גאָר מאָדערנע ליטעראַטור, אינטערעסירן אים ניט.

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ געוויסן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אַסיריש־באַבילאָנישער ליטעראַטור, צי ער לייענט אויך מאָדערנע ליטעראַטור, האָט ער געענטפערט: „געוויס, אָט האָב איך נאָר וואָס איבערגעלייענט יוזעפוס'עס געשיכטע פון די אידן".

פאַרשטייט זיך, אַז אין פאַרגלייך מיט דער זעהר אַלטער אַסיריש־באַבילאָנישער ליטעראַטור איז די קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר אַלטע געשיכטע פון יאָזעפוס אַ „מאָדערנע ווערק".

עס זיינען פאַראַן, אָבער, אידישע געלערנטע, ספּעציעל צווישן די אינגערע וועלכע, ניט קוקנדיק אויף זייערע ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע געביטן, אינטערעסירט זיי אַלץ וואָס עס קומט פאָר אינעם אידישן לעבן. זיי קאָנען זיך ניט באַנוגען מיט אָפּשליסן זיך אין די ביבליאָטעקן און אַרויסגעבן וויסנשאַפטלעכע ווערק, ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם אידישן פאָלק. זיי אינטערעסירט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אינעם אידישן לעבן, און זיי ווידמען צייט און ענערגיע צו העלפן מיט וואָרט און טאַט צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע לעבן. דער וואוילזיין פונעם אידישן פאָלק איז אַ שטיק פון זייער נשמה, און אַ חוץ זייערע וויסנשאַפטלעכע באַשעפטיקונ־גען, שטייען זיי געטריי אויף דער וואַך צו היטן און צו העלפן פאַר־שטאַרקן דעם וואוילזיין און די עקזיסטענץ פון אונזער געיאָגט און געפּלאָגט פאָלק. און איינער פון אָט דער דאָזיקער געציילטער קלאַס געלערנטע, וועלכער קעמפט אונערמידלעך פאַר חיזוק הדת

*) אויסצוגן פון אַן אַרטיקל וועגן ד"ר ראָזמאַרין וואָס איז דערשינען אין „אַמעריקאַנער", סעפּטעמבער 25, 1946.

והאמונה, פאַר אַ געזונט, פּאָזיטיוו אידיש רעליגיעז און נאַציאָנאַל לעבן איז הרב ד״ר אהרן ראָזמאַרין.

געבוירן אין אוסטילע, וואָלינער גובערניע, ביי אַ פּאָר־מעגלעכער חסידיש־לומדישער פאַמיליע, שטרעבט זיין פאָטער ר׳ משה ז״ל אַז ראָזמאַרין זאָל ווערן אַ רב, בעת זיין מוטער בראָנצי ע״ה, זעט אַז ער זאָל קריגן אַ גוטע וועלטלעכע בילדונג. שוין אין זיין פריסטער יוגנט צייכנט זיך ראָזמאַרין אוים מיט אַן אויסערגעוויינלעך גוטן זכרון און „תפיסה״. און דערצו איז ער נאָך געבענטשט מיט אַ געוואַלדיקער התמדה. שטייגט ער טאָקע פון טאָג צו טאָג, סיי אין לערנען, סיי אין וועלטלעכער בילדונג.

באַלד נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג טרעפט זיך ראָזמאַרין מיט זיין קאָזין פּראָפעסאָר ישראל פרידלענדער ז״ל, וועלכער איז דאַן געקומען פון אַמעריקע קיין אייראָפּע אַלס פאָרשטייער פון „דזשוינט דיסטריביושאָן קאָמיטע״, און ער באַשליסט צו פאָרן קיין אַמעריקע.

קומענדיק קיין אַמעריקע הויבט ער באַלד אָן פאָרצוזעצן זיין תלמוד׳ישן און אַלגעמיינעם שטודיום. ער שטודירט גלייכ־צייטיק אויך יוריספּרודענץ. און אין אַ קורצער צייט אַרום הויבט ער אָן דרוקן אַרטיקלען אין דער ענגליש־אידישער פּרעסע. ער מאַכט זיין „דעביוט״ אין ענגליש מיט אַ סעריע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, צווישן זיי: „די געשיכטע פון די כוזרים״; „די פאַלאַשן״ (שוואַרצע אידן פון אַביסיניע); „די ווייסע, שוואַרצע און ברוינע אידן פון וויטן מזרח״; „די געשיכטע פון די אידן אין מאַראָקאָ״. ד״ר י. פייטלאָוויטש, דער „טאַטע״ פון די פאַלאַשן, איז אַזוי באַגייסטערט פון ראָזמאַרין׳ס באַהערשן די געשיכטע פון די פאַלאַשן, אַז ער שלאָגט אים פאָר צו פאָרן קיין אַביסיניע און איבערנעמען זיין אַמט אַלס פירער פון די דאָרטיקע אידן. און עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין ד״ר עמנואל בערנפעלדס (דער זון פון דעם באַרימטן געלערנטן ד״ר שמעון בערנפעלד ע״ה) פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון פּראָפעסאָר מאַרטין פיליפּסאָן׳ס „נויסטע געשיכטע דעם יידישען פאָלקעס״, זיינען ראָזמאַרין׳ס וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אָנגעגעבן אַלס קוועלן־מאַטעריאַל.

נאָך עטלעכע יאָר אין אַמעריקע פאָרט ראָזמאַרין קיין דייטשלאַנד צו פאַרפולקאָמען דאָרט זיין שטודיום. אין יענער צייט ווען אַן אויסלענדער האָט געוואָלט אויפגענומען ווערן אַלס סטודענט אין דער בערלינער אוניווערזיטעט, האָט ער געמוזט דורכמאַכן אַ רייע שריפטלעכע עקזאַמענס, און אויב ער האָט אויסגעהאַלטן, האָט ער געמוזט דורכמאַכן אַ רייע מינדלעכע עקזאַמענס, און ערשט דאַן איז ער אָנגענומען געוואָרן. אָבער ראָזמאַרין׳ס שריפטלעכע

עקזאַמענס זיינען געווען אַזוי אויסגעצייכנט, אַז מען האָט אים אינגאַנצן באַפרייט פון די מינדלעכע עקזאַמענס — דער גרעסטער כבוד פאַר אַ סטודענט.

נאָך אַ פּאָר יאָר אין דער בערלינער אוניווערזיטעט זעצט ער פאָר זיין שטודיום אין דער ווירצבורגער אוניווערזיטעט, אָבער ניט אויף דעם חשבון פון אידישע לימודים, און באַקומט דעם טיטול „דאָקטאָר דער פילאָזאָפיע" מיט דער העכסטער אויסצייכענונג.

ד"ר ראָזמאַרין הויבט דאַן אָן זיך צו באַטייליקן מיט צענדליקער אַרטיקלען וועגן תנ"כ'ישע פּערזענלעכקייטן אין דעם ליכט פון דער אגדה'שער ליטעראַטור אין דעם נייעגטן און צענטן באַנד פון דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ", וואָס איז דערשינען אין בערלין. צו גלייכער צייט שרייבט ער אויך אַרטיקלען אין דער דייטש-אידישער פּרעסע.

אין צווישן דערשיינט ד"ר ראָזמאַרין'ס וויסנשאַפטלעך ווערק „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה", אַ ביאָגראַפיע פון משה רבינו, אין דייטש, באַזירט אויף תלמוד און מדרש. צענדליקער פּאַך-געלערנטע האָבן וועגן דעם בוך געשריבן מיט די גרעסטע לויב גזאַנגען. צווישן זיי:

פּראָפעסאָר בערנאַרד העלער פון בודאַפּעסט אין זיין רע־צענזיע אין דער „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע און וויסענשאַפט דעם יודענטומס", וואָס דער ברעסלויער ראַבינער סעמינאַר האָט אַרויסגעגעבן, שרייבט צווישן אַנדערעס: „. . . דורכאַאוס זעלבסט־שטענדיג, און פינדעט זעלבסט ביי (פּראָפעסאָר) לואיס גינצבורג מאַנכעס צו בעריכטיגען; איך האַבע איין דוצענד בעריכטונגען געציילט, די ער פאַרנעהמערוייזע נור אַלס פערבעסערונגען פאָן דרוקפעהלערן בעצייכנעט . . . "

פּראָפעסאָר שמואל קרויס וועלכער האָט געשריבן צוויי רעצענזיעס אין צוויי באַזונדערע וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן שרייבט אין Orientalni Ustav v Praze צווישן אַנדערעס, אין דייטש: „איינע ניצליכע אַרבייט געליסטעט . . . עררייכטע פאָלשטענדיג־קייט . . . פאָרציגליכעס סיסטעם . . . דער פערפאַסער פאַרשטעהט זיינע קוועלן פאָרציגליך".

פּראָפעסאָר פּאָל פיעביג אין Theologische Literature Zeitung שרייבט צווישן אַנדערעס: „ . . . איין בילד פאָן מאָזעס ענטשטאַנדען, דאַס פיעלעס אינטערעסאַנטע ביעטעט אונד איינע רייכע פונדגרובע דאַרשטעלט . . . "

דער איזראַעליט: „. . . אונגעהויערע פלייסיגע ארבייט . . . מאַן מוז דיעזעם שאַפען אַנערקענען . . . איינע אבגערונדעטע ביאָגראַפיע דעם מאָזעס . . .״

איזראַעליטישעס פאַמיליענבלאַט: „. . . די ווערטפולע אַרבייט גיבט איין וואונדערפאַל בילד פאָן מאָזעס . . .״

פראַנקפורטער איזראַעליטישעס געמיינדעבלאַט:
„. . . ערשטאַאונליכע פולע דעם מאַטעריאַלס . . . דאַס לעבען און שיקזאַל מאָזעס׳ איינדרוקספאַל געשילדערט . . .״

יידישע שולצייטונג: „. . . דער געלעהרטע פערפאַסער, שעפּפענד אַאוס אונענדליך פיעלען קוועלען, האַט אונז . . . איין קלאַרעס בילד דעם לעהרערס געגעבען. די שפּראַכע רעכט פליסיג״.

יידיש-ליבעראַלע צייטונג: „. . . מיט גרויסער געלעהר-זאַמקייט איזט אַלעס . . . איבער מאָזעס . . . צו איינער איינהייט-ליכען ערצעהלונג צוזאַמענגעפאַסט וואָרדען . . .״

פּראָפעסאָר טשאַרלס סי. טאָררי: „אַ פאַרזיכטיגע זאַמ-לונג . . . קלאָר און לייענבאַר . . . ניצליכע פוס-נאָטען . . . אַ פאָלשטענדיגע ביאָגראַפיע״.

פּראָפעסאָר ר. פּ. דאָהערטי: „זעהר פולשטענדיג . . . שטיצט די דיסקוסיעס און בעשלוסען מיט די ריכטיגע רעפערענצען״.

פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ (רב צעיר): אַ ווערטפולע לייסטונג.

פּראָפעסאָר משה שאָר, הויפּט ראַבינער פון ווארשע האָט געשריבן: „נמטיה אפריון לפועלא טבא״, *).

פּראָפעסאָר ישראל דאַווידזאָהן: . . . ערשעפּט אַלע קווע-לען אויף דעם געגענשטאַנד.

פּראָפעסאָר לואיס (לוי) גינצבורג: „. . . איר מאָזעס מאַכט אירעם דרוקער עהרע, אונד ווי איך אינען מינדליך זאַגטע ׳תוכו כברו . . .׳״

נחום סאָקאָלאָוו: אַ פיין בוך . . .

דר. סאַירעס (כורש) אַדלער: . . . אַ ווערטפול בוך.

דר. ה. ענעלאָו: . . . אַ וויסנשאַפטליכע לייסטונג . . . אינטערעסאַנט און אָנרייגענד.

---

*) זעט ענדע בבא מציעא.

פּראָפעסאָר ש. י. פייגין פון דער שיקאַגאָר אוניווערזיטעט האָט אָנגעוויזן אין „הדאר" אַז דאָס ווערק דאַרף איבערגעזעצט ווערן אויף העברעאיש און געלערנט ווערן אין די שולן.

י. י. וואָהל האָט אָנגעוויזן אין „צוקונפט" צווישן אַנדערעס אַז „סטיליסטיש שטייט עס העכער אַפילו פון עדמונד פלעג׳ס (באַוואוסטער פראַנצויזיש-אידישער שריפטשטעלער) בוך וועגן משה רבינו.

פּרץ ווירניק אין „מאָרגען זשורנאַל": „. . . אַ העכסט באַלערנד און אינטערעסאַנט אָנגעשריבן ווערק . . . "

דר. דזשאָרדזש אַלכסנדר קאָהוט: . . . אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. אויך סטיליסטיש איז עס אַ פיינער בייטראַג.

ענלעכע רעצענזיעס זיינען דערשינען אין: זונטיקדיקער ניו יאָרק טיימס, אַמעריקען דזשוירנעל אָף סעמיטיק לענגוויטשעס ענד ליטעראַטור, דהי דזשוירנעל אָף רעלידזשאָן, דזשואיש קראָניקל (לאָנדאָן, ענגלאַנד), אוצר החיים (פּראַג), און אין אַנדערע וויסנ-שאַפטלעכע און אַלגעמיינע זשורנאַלן.

צוריק-קומענדיק אין אַמעריקע לאַדט דזשייקאָב דע-האַאַז איין ראַזמאַרין׳ען אַלס מיטאַרבעטער פון דער „ענציקלאָפּעדיע אָף דזשואיש נאָלעדזש", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. צו גלייכער צייט הויבן אָן דערשיינען ד"ר ראַזמאַרין׳ס אַרטיקלען אין די אידישע טעגלעכע צייטונגען, וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע זשורנאַלן אין אַמעריקע, קאַנאַדע און זיד-אַמעריקע, אין מאַנכע העברעאישע אויסלענדישע צייטונגען, און אין כמעט אַלע ענגליש-אידישע זשורנאַלן. פילע פון זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט דעם באַרימטן קאָלום „פראַגן און ענטפערס", וואָס איז דערשינען יעדער טאָג אין „מאָרגען זשורנאַל", און מיט דעם וועכנטלעכן אַרטיקל „לכבוד שבת" אין „אַמעריקאַנער", אויף דער סדרה פון דער וואָך.

באַהערשנדיק דאָס געוואַלדיק ברייטע מדרש געביט, פאַר-ענדיקט ראַזמאַרין אינצווישן אַ ווערק אין העברעאיש, וואָס באַהאַנדלט יעדע תנ"כ׳ישע פּערזענלעכקייט, פּאַסירונג און מאָטיוו אין דעם ליכט פון דער אגדה-ליטעראַטור. דאָס איז אַ קאָלאָסאַל ווערק וואָס וועט אַנטהאַלטן פילע גרויסע בענדער. אויסער דעם האָט ער פאַרטיק אַן ענגלישע איבערזעצונג פון רש"י אויף תורה, וואָס אַנטהאַלט אויך פילע אייגענע חידושים, און נאָך אַנדערע וויסנשאַפטלעכע כתבי יד, מאַנוסקריפּטן.

ד״ר ראָזמאַרין, וועלכער איז אגב אַ מוסמך, אָבער וויל ניט אָננעמען אַ רבנישע שטעלע, איז ניט גלאַט אַ בוך־וואָרעם. ער איז נישט פון יענע געלערנטע וועלכע לעבן זיך אויס אין די אַלטע עפּאָכעס פון זייערע ספּעציעלע געביטן. זיין ספּעציאַליטעט איז טאַקע די אגדה׳שע ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז ממש פאַרליבט. ער איז איבערצייגט אַז ווען די ברייטע אידישע מאַסן זאָלן זיין באַקאַנט מיט אונזער מדרש־ליטעראַטור, באַזונדערס מיט איר עטישן טייל, וואָלטן פילע פון אונז היינט צו טאָג געווען שטאָלצערע אידן. אָבער אין דער זעלבער צייט נעמט ער אַן אַקטיוון אַנטייל אין די אידישע קעגנוואַרטיקע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

זייענדיק אַ הייסער אָנהענגער פון אַ רעליגיעז ארץ ישראל, האָט ער פאַרעפנטליכט אין דער ענגליש־אידישער פּרעסע „אַן אָפענעם בריוו צו ענגלאַנד״, ווען די פּיל־קאָמיסיע האָט פאָרגעשלאָגן איר טרויעריק באַרימטן חלוקה־פּלאַן. קיין קלענערע ווי לאָיד דזשאָרדזש, לאָרד מעלטשעט, לאָרד סעמועל, דער דעמאָלטיקער קאָלאָניאַל מיניסטער אָרמסבי גאָר, דער אַרטשבישאָפ פון קענטערבורי, דער סעקרעטאַר פון דער „ליג אָף ניישאָנס״, דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, און אַנדערע, האָבן אים געשריבן אַז זיי האָבן „שטודירט״ זיין אַרטיקל. מאַדאַם פּיל, די פרוי פון לאָרד פּיל, פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, האָט אים געשריבן, אַז דער לאָרד וועט שטודירן דעם אַרטיקל אַזוי שנעל ווי ער וועט אויפשטיין פונעם קראַנקן בעט, אָבער ווי באַוואוסט איז ער געשטאָרבן.

ד״ר ראָזמאַרין איז אַ הייסער קעמפער פאַר אַ שטאַרק רעליגיעז־נאַציאָנאַל אידישקייט. זיין איבערצייגונג איז אַז ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל פירן אַ שטרענג רעליגיעז לעבן פּראַקטיש, און זיין באַקאַנט מיט די רעליגיעזע לערעס פון דעם אידנטום, וואָלט דאָס געדינט אַלס בעסטער שוץ פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק און גלייכצייטיק אַלס שטאַרקסטע וואָפן קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען. זיין שיטה איז אַז אַ אידיש לעבן געבויט אויף אַ פּאָזיטיוון, רעליגיעזן פונדאַמענט איז דער שטאַרקסטער פּאַנצער קעגן אונזערע אינערע און אויסערע קעגנער. זיין אַנשויאונג איז, אַז אַ אידיש לעבן וואָס איז ניט דער רעזולטאַט פון דער נאָבעלער, פּאָזיטיווער אידעאָלאָגיע פון אידישקייט, אַ אידישקייט וואָס רוט בלויז אויף „קעגן־אַנטיסעמיטיזם״ אַנשטאָט אויף „פאַר־אידישקייט״, אַ אידישקייט וואָס שיילט זיך אַרויס פון פאַרפאָלגונגען, אַ אידישקייט וואָס איז אַ קינד פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַזאַ אידישקייט איז אַן אום־

נאָרמאַלע דערשיינונג, און איז במילא געפערלעך פאַר דער עקזיס־טענץ פון אונזער פאָלק אַלס אַ אידיש פאָלק.

אַט דאָס דערקלערט טאַקע פאַר וואָס ד״ר ראַזמאַרין איז פון די ערשטע קעגנער פון דער אַזוי־גערופענער „גוד־וויל״ באַוועגונג. זיין צוגאַנג איז אַ גאַנץ פשוט׳ער, אָבער אַ געזונט־לאָגישער. זיין אַרגומענט איז אַז ווען אַ ראַביי „פּרעדיגט״ אין אַ קלויסטער און לאַדט איין זיינע „צאן קדשים״ אים צו הערן, האָט ער ניט דעם מוט צו ריידן וועגן דער שיינקייט פון אידישקייט. אַנשטאָט דעם זינגט ער לויב־געזאַנגען, אַז דער „אותו האיש״ איז געווען אַזוינס און אַזעלכעס. שפּעטער לאַדט דער ראַביי איין דעם גלח צו ריידן אין זיין סינאַגאָג. און יענער, פאַרשטייט זיך, האַלט אין איין באַווייזן, אַז „אותו האיש״ איז געווען אַ גרויסער נביא און אַ איד דערצו. די „צאן קדשים״ הערן סיי פון זייער ראַביי און סיי פון דעם גלח אַז „אותו האיש״ איז געווען איינס אין דער וועלט, איז צו וואָס גלויבן אין תורת משה און ווערן געיאָגט און געפּלאָגט. עס איז דאָך שוין בעסער צו גלויבן אין אים און זיין אַ מענטש מיט לייטן גלייך.

ד״ר ראַזמאַרין׳ס מוטיקער קאַמף קעגן „גוד־וויל״ איז גענוג באַקאַנט פון זיין קאַמף קעגן שעכטערס סעמינאַר פאַר איינלאַדן „גוד־וויל״ גלחים און מיסיאָנערן. און ווען די סעמינאַר ראַביים האָבן אַרויסגעגעבן קעגן אים אַ פּאַמפלעט אין אידיש און העברעאיש, האָט, פאַרשטייט זיך, ראַזמאַרין געענטפערט מיט אַ פּאַמפלעט, וואָס ווימלט אַגב מיט בקיאות, און אָנגעוויזן אַז זיי שלאָגן ניט אָפּ אפילו איינע פון זיינע באַשולדיגונגען.

אַלס רעזולטאַט פון זיין איבערצייגונג אַז נאָר אַ פונדאַ־מענטאַל פּאָזיטיוו־רעליגיעז־נאַציאָנאַל לעבן איז דאָס איינציקע מיטל פאַר אַ געזונטע און דויערהאַפטע אידישע עקזיסטענץ, און דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך באַקענען זיך מיט דער אידישער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, האָט ד״ר ראַזמאַרין אויף זיך גענומען צו פאַרעפנטלעכן אַ רייע ביכער אין אידיש, העברעאיש און ענגליש, וועלכע וועלן העלפן דעם לייענער זיך באַקענען מיט דער שיינקייט פון דער אידישער לערע און עטיק, א).

א) לעצטנס זיינען דערשינען ראַזמאַרין׳ס ווערק: „די שענהקייט פון אידענטום״ אין אידיש, און Golden Rules אין ענגליש, וועלכע באַהאַנדלען אַזעלכע וויכטיקע טעמעס ווי: אמת און ליגן, אויפריכטיקייט און חנופה, לשון הרע, ליבשאַפט און פיינטשאַפט, רחמנות און גרויזאַמקייט, גמילות חסדים און פּראָצענט, צדקה, פאַרגינען און מקנא זיין, אַכטן און באַליידיגן, באַשיידנקייט און חוצפה, געדולד און אויפרעגונג,

און זאָל דאָ צוגעגעבן ווערן אַז אַ פאָלק וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַזאַ נאָבעלע, עטישע לערע נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען די היינטיקע אַזוי־גערופענע ציוויליזירטע פעלקער זיינען נאָך געווען ווילדע באַרבאַרן, אַזאַ פאָלק מוז און וועט ענדלעך זיגן איבער אַלע זיינע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. אַזאַ פאָלק, ווי ישראל סבא, וועט זיכער איבערלעבן זיינע איצטיקע שונאים, פונקט ווי עס האָט איבערגעלעבט זיינע המן׳ס, היטלערס. וואָרום, אַן אינטענסיוו־רעליגיעז אידיש לעבן, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, באַזירט אויף תורה, נביאים, תלמוד, מדרש, ראשונים און אחרונים און אידישער עטיק, איז די שטאַרקסטע און בעסטע גאַראַנטיע פאַר אַ געזונטע, דויערהאַפטע עקזיסטענץ פון דעם אידישן פאָלק אַלס אַ אידיש פאָלק.

איינהייט און צעשפּליטערטקייט, בילדונג און איגנאָראַנץ, לעדער און פּירער, אַרבעט, אַרבעטער און אַרבעטסגעבער, דער סטאַטוס פון דער אידישער פרוי, דעמאָקראַטיע, קריג און פרידן. „לכבוד שבת״; „געדאַנק און חכמה״; „אהרן ראָזמאַרין׳ס תנ״ך־ענציקלאָפּעדיע״, פּערזענלעכקייטן, באַנד א; “Do You Know This One?”. „אברהם אבינו׳ס לעבן און שאַפונג״, די סאַמע ערשטע און איינציגע פולשטענדיגע ביאָגראַפיע פון דעם פאָטער פון דעם אידישן פאָלק, און נאָך.

ד״ר ראָזמאַרין האָט געגרינדעט דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דזשואיש ספּעקטייטאָר״ וועלכן ער האָט רעדאַקטירט אַ צענדליק יאָר. ער האָט אויך געגרינדעט די וואָכנצייטונג „דער איד״ וועלכע איז באַרימט געוואָרן דורך זיין קעמפן פאַר אַ רעליגיעז אידיש לעבן אין אַמעריקא, און פאַר אַן ארץ ישראל על פּי תורת ישראל, זי רעדאַקטירט דריי יאָר, ביז זי איז איבער געגאַנגען אין אַנדערע הענט.

ד״ר ראָזמאַרין פירט אָן וועכנטלעך מיט אַ פראַגעס און ענטפערס פּראָגראַם אויף דער אידישער ראַדיאָ, WEVD און מיט דער „אום פּאָבלישינג קאָמפּאַני״ וועלכע האָט שוין אַרויס געגיבן עטליכע צענדליק וויכטיקע ספרים און ביכער.

די וויכטיקייט פון שבת

(צוליב דער וויכטיקייט פון שבת דרוק איך אין
מיינע אלע אידישע ביכער דעם דאזיקן ארטיקל)

פונקט ווי דאס סאציאלע לעבן פאדערט געוויסע פארמען פון עטיקעטע, געוויסע קאנווענציאנעלע אויפפירונגען, אזוי אויך פארמאגט אונזער רעליגיע א רייע פון מצוות מעשיות, מנהגים און רעליגיעזע צערעמאניעס וועלכע רעגולירן דאס אידישע רעליגיעזע און נאציאנאלע אלטעגלעכע לעבן. ווען א איד דאוונט, איז אפילו ווען ער פארגייט זיך אין העכסטער התלהבות, בלייבט עס דאך פאר אים בלויז אן אבסטראקטע פארמע פון רעליגיעזן אויסלעבן זיך. דאגעגן אבער ווען ער איז מקיים א מצוה, פירט דורך א רעליגיעזן מנהג, איז עס פאר אים א קאנקרעטע זאך. ער טאפט עס ממש אן מיט די הענט.

זייענדיק אן אלט פאלק, און די ערשטע וועלכע האבן פראקלאמירט דעם מאנאטעאיסטישן גלויבן, דעם גלויבן אין **אחד**, זיינען אונזערע מצוות שוין אלט טויזנטער יארן. און אונזערע מצוות מעשיות, מנהגים און רעליגיעזע צערעמאניעס זיינען ניט גלאט סימבאלן וועלכע דריקן בלויז אוים אונזערע רעליגיעזע געדאנקען און געפילן, נאר זיי העלפן אויך דעם מענטשן צו **לעבן** רעליגיעז. און שבת איז איינער פון די פונדאמענטאלע זיילן פון אונזער רעליגיעזן און נאציאנאלן לעבן. שבת איז איינער פון די שטארקסטע רינגען אין אידישקייט.

אויב מיר ווילן עקזיסטירן אלס א **אידיש** פאלק מוזן מיר אפהיטן שבת. אהן שבת קען קיין אידיש פאלק זיין, פונקט ווי עס קען ניט זיין א שבת אהן א אידיש פאלק. ווארום שבת איז דער צענטראלער פונקט פון דער גאנצער תורה, פון דעם גאנצן רעליגיעזן און נאציאנאלן לעבן. דער פאקט וואס „בשבת ניתנה תורה לישראל״ א), אז שבת איז די תורה געגעבן געווארן די אידן, באווייזט אז שבת איז דער עיקר פון אלע עיקרים אין דער אידישער רעליגיע.

שבת איז אזוי אלט ווי בריאת העולם, ווי דער וועלט-באשאף. און דער באשעפער פון דער וועלט איז געווען דער

א) שבת פו, ב.

ערשטער שומר שבת. דערציילט אונז דאָך די תורה, אַז אין זעקס טעג האָט דער אַלמעכטיקער באַשאַפן די וועלט, און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט ב). אַז דער אַלמעכטיקער האָט אַנערקענט שבת אַלס דעם טאָג פון רו, קען מען אויך זען דערפון וואָס שבת איז קיין מן אַרונטערגעפאַלן פונעם הימל ג). און ניט נאָר איז אָפּהיטן שבת איז שוין אויך אַזוי אַלט ווי דאָס אידישע פאָלק. האָט דאָך שוין אברהם אבינו מקיים געווען די גאַנצע תורה, אַפילו עירובי תבשילין און עירובי חצירות, און אַפילו אַ „מצוה קלה שבעל פה" ד), אַ לייכטע מצוה וואָס ווערט ניט אויסדריקלעך דערמאָנט אין דער תורה. זאָגן דאָך די חכמים ז"ל בפירוש אַז יעקב אבינו האָט אָפּגעהיט שבת „קודם שניתן" ה), נאָך איידער ער איז געגעבן געוואָרן. אויך די אידן אין מצרים האָבן אָפּגעהיט שבת. ווען משה, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין דעם עגיפּ־טישן קעניגס הויף, איז אונטערגעוואַקסן, און ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען ווי שווער די אידן שקלאַפן אין מצרים, האָט ער אָפּעלירט צו פּרעה'ן ער זאָל זיי באַוויליגן אַ רו־טאָג יעדע וואָך, און ער האָט באַשטימט שבת אַלס דעם טאָג פון רו ו).

נאָך מער, לויט די חכמים ז"ל איז די מצוה פון שבת געגעבן געוואָרן די אידן נאָך פאַר מתן תורה. ווען די אידן זיינען אַריבער דעם ים־סוף, האָבן מאַרשירט דריי טעג אין דער מדבר שור און זיינען אָנגעקומען קיין מרה, זיינען זיי דאָרט געבאָטן געוואָרן אָפּצוהיטן שבת ז). זיינען דאָך די הייליקייט פון שבת און די מצוה פון אָפּהיטן שבת פּראָקלאַמירט געוואָרן אין די עשרת הדברות ח). און ניט נאָר הייסט אונז די תורה רוען שבת, נאָר „שבת הוא לד' בכל מושבותיכם" ט), וואו אַ איד זאָל זיך געפינען דאַרף ער אָפּהיטן שבת. האַלט טאַקע די תורה אין איין וואָרענען: „את שבתותי תשמורו", מיינע שבתות

ב) בראשית ב, ב—ד; שמות לא, יז.

ג) שמות טז, כב—ל.

ד) יומא כח, ב; קידושין פב, א; תנחומא לך לך; בראשית רבה פרשיות מט, סד, צה.

ה) בראשית רבה פרשה עט.

ו) שמות רבה פרשה א, פרשה ה.

ז) זעט: שמות טו, כה און רש"י דאָרט; שבת פז, א—ב; סנהדרין נו, ב.

ח) שמות כ, ח—יב; דברים ה, יב.

ט) ויקרא כג, ג.

זאָלט איר אָפּהיטן, „ושמרתם את השבת" י), און היט אָפּ דעם שבת. און ניט נאָר טאָר מען שבת טאָן קיין מלאכה, נאָר אפילו דאָס בית המקדש מעג מען ניט בויען שבת כ). רוט דאָך אפילו דער סמבטיון שבת ל). שבת איז דער אייביקער אָפּמאַך אויף אַלע דורות, צווישן דעם וועלט-באַשעפער און ישראל סבא מ), דעם אַלטן ישראל. און פונקט ווי יום הכפורים, דער הייליקסטער און פאַרכטיקסטער טאָג פון יאָר, ווערט אויך שבת באַצייכנט אַלס „שבת שבתון" נ), דער שבת פון די שבת'ן.

פאַר אַזוי וויכטיק האָבן די אידן אין משך פון אַלע דורות באַטראַכט שבת, אַז אפילו די יעניגע וועלכע האָבן ניט אַזוי שטאַרק מדקדק געווען, זיינען ניט געווען אַזוי פּאַרטיקלעך, אין אָפּהיטן די פאַרשידענע אַנדערע מצוות, האָבן זיי דאָך ניט פאַרשוועכט שבת ס). דער נביא ירמיהו וואָרנט אַז דאָס פאַרשוועכן שבת וועט פירן דערצו אַז ירושלים וועט חרוב ווערן ע). און אונזערע חכמים ז"ל זאָגן טאַקע „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו בה את השבת" פ), אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן נאָר דערפאַר ווייל מען האָט דאָרט פאַרשוועכט דעם שבת. אָבער אַזוי ווי אונזער רעליגיע באַטראַכט דעם מענטשנס לעבן פאַר זעהר טייער, איז טאַקע „פקוח נפש דוחה שבת" צ). אינעם פאַל ווען אַ מענטש איז קריטיש קראַנק, מעג מען, אונטער געוויסע אומשטענדן, פרעגנדיק פריער אַ פרומען רב, מחלל שבת זיין.

די „קעניגין" און די „כלה" שבת ק) איז געגעבן געוואָרן די אידן אַלס „מתנה טובה". דער אַלגעגנוואַרטיקער האָט געזאָגט צו משה'ן: „מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש ליתנה לישראל, לך והודיעם" ר), איך האָב אין מיינע אוצרות אַ גוטע מתנה, איר נאָמען איז שבת, און איך וויל זי געבן דעם פאָלק ישראל, גיי און זאָג זיי. און געגעבן געוואָרן איז

י) זעט שמות לא, יג—יז.

כ) יבמות ו, א; זעט אויך שבת מט, ב.

ל) בראשית רבה פרשה יא.

מ) שמות לא יג—יז.

נ) שמות לא, טו; ויקרא כג, ג.

ס) זעט: ישעיה א, יג; עמוס ח, ה.

ע) ירמיה יז, כז; יחזקאל כ.

פ) שבת קיט, ב; זעט יחזקאל כב, כו.

צ) מכילתא תשא; יומא פה, א.

ק) שבת קיט, א.

ר) שבת י, ב; ביצה טז, א.

שבת „בצנעא", שטילערהייט, אָהן טאַראַראַם, אָהן „פּובליסיטי" ש).
און ווען שבת האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר ניט האָבן אַ בן-זוג, האָט דער אויבערשטער געענטפערט: „כנסת ישראל היא בן זוגך" ת), דאָס פאָלק ישראל איז דיין חתן.

אויסער דעם וואָס „שכל מי שמשמר את השבת מרוחק מן העבירה" א), אַז ווער עס היט אָפּ שבת ווערט דערווייטערט פון דער עבירה, פאַרמאָגט שבת אין זיך די אייגנשאַפט וואָס עס איז „מוספת קדושה על ישראל" ב), עס מאַכט אידן הייליקער. און געגעבן געוואָרן איז שבת בלויז צוליב דעם צוועק אַז מען זאָל פאַרברענגען דעם טאָג אין לערנען ג). און כאָטש דער צוועק פון שבת איז צוליב גייסטיקן פאַרגעניגן, דאַרף מען אָבער גלייכצייטיק ניט איגנאָרירן דעם פיזישן עונג שבת. אדרבה, מען דאַרף עסן און טרינקען פון דעם שענסטן און בעסטן ד), און וויין דאַרף אויך זיין דערביי ה). אָט זעען מיר, צום ביישפּיל, ווי קיין קלענערער ווי שמאי הזקן האָט שטאַרק מקפיד געווען צו קויפן דאָס בעסטע פלייש אויף שבת. „מצא בהמה נאה אומר זו לשבת, מצא אחרת נאה הימנה מניח את השניה ואוכל את הראשונה" ו), אַז ער האָט געפונען אַ שיינע קו, האָט ער זי געהאַלטן אויף שבת. האָט ער געפונען אַ שענערע פון איר, פלעגט ער איבערלאָזן די צווייטע אויף שבת און עסן די ערשטע.

און אַז עס לוינט זיך, קען מען זען פון פאָלגענדען: ר' חייא בר אבא האָט אַמאָל געהאַלטן שבת ביי אַ בעל הבית אין לודקיא. האָט מען סערווירט טייערע עסנס און געטראָגנקען אין קאָסטבאַרע, גאָלדענע און זילבערנע כלים. האָט ר' חייא אַ פרעג געטאָן: בני, במה זכית? „מיין קינד, פאַר וועלכע מעשים טובים האָסטו דאָס זוכה געווען?" האָט דער בעל הבית געענטפערט: „איך בין געווען אַ קצב, פלעג איך האַלטן די בעסטע בהמה אויף שבת" ז).

זיינען מיר דאָך געבענטשט שבת מיט אַ נשמה יתירה ח).

ש) ביצה טז, א.
ת) בראשית רבה פרשה יא.
א) מכילתא בשלח, הוצאת אום.
ב) מכילתא תשא.
ג) ירושלמי שבת פרק טו, הלכה ג; זעט פסיקתא רבתי סוף פיסקא כג.
ד) שבת קיח, ב; דברים רבה פרשה ג.
ה) פסחים קו, א.
ו) ביצה טז, א.
ז) שבת קיט, א.
ח) ביצה טז, א.

האָט טאַקע שבת דאָס עסן אַ גאַר באַזונדערן טעם. און עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז אַ קיסר האָט אַמאָל געפרעגט רבי יהושע בן חנניא: „מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף? אמר לו תבלין אחד יש לנו ושבת שמו, שאנו מטילין לתוכו וריחו נודף. אמר לו תן לנו הימנו, אמר לו כל המשמר את השבת מועיל לו ושאינו משמר את השבת אינו מועיל לו" ט) — פאַרוואָס האָט דאָס שבת'דיקע עסן אַזאַ באַזונדערן געשמאַק? האָט ער אים געענטפערט: מיר האָבן אַזאַ מין „פּאַטראַווע" וועלכע הייסט שבת, טוען מיר דאָס אַריין אין עסן, און דאָס גיט עס אַ ספּעציעלן געשמאַק. זאָגט ער צו אים: גיב אונז אַביסל דערפון. האָט ער אים געענטפערט, אַז ווער עס היט אָפּ שבת העלפט עס, און ווער עס היט ניט אָפּ שבת, העלפט עס ניט. נאָך מער, „כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול משלש פורעניות: מחבלו של משיח, ומדינה של גיהנום, וממלחמת גוג ומגוג" י). נעמלעך, ווער עס איז מקיים שבת די מצוה פון „שלוש סעודות", ווערט געראַטעוועט פון דריי אומגליקן: פון די משיח-ווייען, פון דעם גיהנום, און פון דער גוג ומגוג מלחמה.

שבת דאַרף מען זיך קליידן ריין און שיין כ). „צריך אדם להיות לו שני עטפים, אחד לחול ואחד לשבת" ל), אַ מענטש דאַרף האָבן צוויי גאַרניטורן, אַ וואָכעדיקן און אַ שבת'דיקן. זאָגן דאָך די חכמים ז"ל אַז „כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים, חוץ מהוצאת שבתות..." מ), דעם מענטשנס גאַנצע פּרנסה ווערט באַשטימט צווישן ראש השנה און יום הכפור, אויסער די אויסגאַבן וועלכע אַ מענטש דאַרף אויף שבת. נאָך מער, „כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלי מצרים" נ), „נותנין לו משאלות לבו" ס), ווער עס פאַרשאַפט דעם שבת פרייד, דעם גיט מען אומבאַשרענקט רייכקייט. מען גיט אים אַלץ וואָס זיין האַרץ פאַרלאַנגט. איז דאָך עונג שבת אַ זעכציקסטל פון עולם הבא ע).

וואָרום נאָר דאַן ווען מען היט אָפּ שבת ווי עס באַדאַרף

ט) שבת קיט, א.

י) שבת קיח, ב.

כ) שבת קיג, א; דברים רבה פרשה ג.

ל) רות רבה פרשה ה. פאַרגלייכט: ירושלמי פאה פרק ח, הלכה ז; תנחומא בראשית ב; פסיקתא דעשרת הדברות; שאילתות דרב אחאי גאון אָנהויב בראשית.

מ) ביצה טז, א.

נ) שבת קיח, א.

ס) שבת קיח, ב.

ע) ברכות נז, ב.

צו זיין, קען מען האָבן אַן אמת'ע גייסטיקע הנאה פון אידיש־קייט. און דער נביא שרייט אוים: „אם תשיב משבת רגלך, עשות חפציך ביום קדשי וקראת לשבת עונג... אז תתענג..." פ), אַז דו וועסט רוען שבת, פירן קיין געשעפטן, און פאַרוואַנדלען שבת אין אַן עונג שבת, דאַן וועסטו געפינען פרייד אין דעם אויבערשטן.

אַזוי גרוים און וויכטיק איז דער כוח פון שבת אַז „כל המשמר שבת כהלכתה, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו" צ), ווער עס היט אָפּ שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַפילו ווען ער איז זינדיק ווי דער דור אנוש, איז מען אים מוחל. נאָך מער, „אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן, מיד נגאלין" ק), ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל אָפּהיטן צוויי שבת'ן ווי' עס באַדאַרף צו זיין, וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן. און „אילו היו ישראל משמרין שבת אחת כתיקונה, מיד היה בן דוד בא" ר), ווען אידן זאָלן אָפּהיטן איין שבת ריכטיק, וואָלט משיח בן דוד געקומען. איז דאָך שבת גלייך צו אַלע מצוות ש). זאָגן דאָך אונזערע חכמים ז"ל אַז דער אויבערשטער זאָגט: „אם תזכו לשמור שבת, מעלה אני עליכם כאלו שמרתם כל המצוות שבתורה" ת), ווען איר זאָלט זוכה זיין אָפּצוהיטן שבת, וועל איך דאָס באַטראַכטן גלייך ווי איר וואָלט אָפּגעהיט אַלע מצוות פון דער תורה.

און וויל מען ווירקלעך פאַרשטיין די גרויסע באַדייטונג, די אומגעהויערע וויכטיקייט פון אָפּהיטן שבת, קען מען דאָס אפשר אָמבעסטן זען פון דעם שלאַגיקן זאָג פון אונזערע חכמים ז"ל, אַז ווער עס היט אָפּ שבת איז „כאילו עשה את השבת" א), איז גלייך ווי ער אַליין האָט באַשאַפן דעם שבת.

און טאַקע דערפאַר וואָס שבת איז אַזוי וויכטיק פאַר דעם פאָלק ישראל'ס אייביקער עקזיסטענץ אַלס אַ אידיש פאָלק, האָט שבת געהאַט אויסצושטיין ניט ווייניקער פאַרפאָלגונגען ווי דאָס אידישע פאָלק גופא. אומצייליקע מאָל האָבן די שונאי ישראל, די אידישע פיינט, פאַרבאָטן די אידן אָפּצוהיטן שבת ב). זייענדיק

פ) זעט ישעיה נח, יג—יד.

צ) שבת קיח, ב.

ק) שבת קיח, ב.

ר) ירושלמי תענית פרק א, הלכה א; שמות רבה פרשה כה.

ש) ירושלמי נדרים פרק ג, הלכה ט; שמות רבה פרשה כה.

ת) שמות רבה ענדע פרשה כה.

א) מכילתא תשא.

ב) זעט צום ביישפיל ראש השנה יט, א; מעילה יז, א.

אָבער, איבערצייגט אַז שבת און אידנטום זיינען נשמה און גוף, אַז אָהן שבת קען דאָס אידישע פאָלק ניט אָטעמען, האָבן אידן אין אַלע דורות ממש מקריב געווען, געאָפּפערט, זייערע לעבנס פאַר אָפּהיטן שבת.

אונזער רעליגיע איז דאָך דער איינציקער באַנד וועלכער האַלט צוזאַמען אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט. אַנדערע פעל־קער זיינען פאַרבונדן דורך זייער לאַנד, רעגירונג, שפּראַך. אָבער מיר אידן, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון דעם ערד קוגל, אומעטום אַ קליינע מינאָריטעט, זיינען ניט פאַרבונדן איינער מיט דעם אַנדערן דורך פיזישע מיטלען. מיר ריידן כמעט אַזויפיל שפּראַכן וויפל לענדער עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט. געאָגראַפיש זיינען מיר אויך ניט פאַרבונדן. רעליגיע איז דאָס איינציקע וואָס פאַרבינדט דאָס גאַנצע וועלט אידנטום. און שבת איז דער שטאַרקסטער רינג אין דער רעליגיע־קייט וועלכע פאַר־בינדט אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט, און דער שטאַרקסטער ווינקלשטיין אין דעם פונדאַמענט פון אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק.

און ווען אידן קומען פון שול, באַגלייט פון צוויי מלאכים ג), און אין הויז שמעקט דער שבת אַרום פון אַלע ווינקעלעך, איז עס באמת „בא שבת בא מנוחה" ד), אַ מאָדנע רואיקייט נעמט אַרום דעם אידן. אַלע זיינע דאגות פון דער גאַנצער וואָך ווערן אויסגעוועפּט און פאַרשוואונדן.

און אויב עס געפינען זיך אידן וועלכע זיינען מחללי שבת באונס, זיי ווילן אָפּהיטן שבת נאָר זיי זיינען נעבעך געצוואונגען דערצו דורך פאַרשידענע אומשטענדן, איז טאַקע אַ גרויסער רחמנות אויף זיי. אָבער די מחללי שבת במזיד, די וועלכע פאַר־שוועכן די טייערסטע און הייליקסטע אידישע מתנה ווייל אַזוי ווילט זיך זיי, זיי קען מען בלויז ענטפערן אַז דער פילע־טויזנטער־יאָר אַלטער שבת האָט שוין איבערגעלעבט פילע מחללי שבת פון דעם סאָרט, און וועט אויך זיי איבערלעבן. וואָרום די חכמים ז"ל האָבן שוין געזאָגט: „שאין שבת בטלה מישראל" ה), אַז שבת ביי אידן וועט קיינמאָל בטל ווערן. איז טאַקע ווינטשענס־ווערט אַז אַלע אידן זאָלן זיך אַ נעם טאָן אָפּהיטן שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין. און דאָס וועט זיין אַן אומגעהויערער ביישטראַג צו דער פאַרשטאַרקונג פון אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק.

ג) שבת קיט, ב.

ד) תוספות סנהדרין לח, א, ד"ה חצבה.

ה) מכילתא תשא.

דער שבת בריוו

דער בריוו וועלכן שבת האָט געשיקט צו ר׳ אברהם אבן עזרא קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד

איך, שבת, בין די קרוין פונעם אידישן גלויבן, דער פערטער פון די עשרת הדברות;
צווישן השם און זיינע קינדער בין איך אַ צייכן, דער אייביקער בונד אויף דור דורות;
אין מיר האָט דער באַשעפער געענדיקט אַלע זיינע שאַפונגען, און אַזוי איז געשריבן אין ספר בראשית;
שבת האָט קיין מן אַראָפּגענידערט, כדי איך זאָל זיין אויף דורות אַ מופת;
איך בין אַ פאַרגעניגן צו די לעבעדיגע אויף דער ערד, און אַ באַרואיגונג פאַר די טויטע;
איך בין אַ פרייד פאַר מענער און פרויען, עס פרייען זיך אין מיר יונגע און אַלטע;
און עס טרויערן אין מיר קיינע טרויערנדיקע, און מען באַקלאָגט ניט דעם טויט פון גערעכטע;
און רו געפינען קנעכט און דינסט, און אין די טויערן די פרעמדע.
עס רוען אַלע בהמות ביי יעדער מענטשן, אייזלען, אָקסן און פערד;
יעדער איינער מאַכט קידוש איבער וויין, און אויך הבדלה — ווי נזירים איז זייער ווערט;
יעדער טאָג געפינט מען טויערן פון פאַרשטאַנד, אין מיין טאָג הונדערט מאָל אַזוי פיל אָפן ווערט;
איך בין געערט מען זאָל ניט טאָן מאַטעריעלע זאַכן, ניט אַלע רייד זאָלן ווערן געהערט
און איך האָב דיך געהיט אַלע טעג, ווייל פון דער יוגנט אָן האָסטו זעהר אָבזערווירט;
אָבער אויף דיין עלטער איז ביי דיר אַן אומשולדיק אומרעכט געשען, מען האָט אין דיין הויז ספרים אַריינגעפירט;
און דאָרטן איז געשריבן מחלל צו זיין דעם זיבעטן טאָג (פרייטיק נאַכט) ווי זשע קאָנסטו שווייגן און ניט טאָן אַ נדר;
צו פאַרפאַסן אַ בריוו לויטן וועג פון אמונה, און שיקן אים צו אַלע אונזערע ברידער.

און עס איז געווען אין דעם יאָר פיר טויזנט נייען הונדערט ניינצן אין מיטן פרייטיק־צו־נאַכטס, פערצן טעג אין חודש טבת. און איך אברהם דער ספרדי, וועלכער ווערט אָנגערופן אבן עזרא, בין געווען אין איינער פון די שטעט פונעם אינזל וואָס ווערט אָנגערופן קצה הארץ [עק וועלט] און איז אין דער זיבעטער גרענעץ פון די גרענעצן פונעם באַזעצטן לאַנד, און איך בין געשלאָפן זעהר געשמאַק. און איך האָב געזען אין חלום ווי איינער [אַ מלאך], ווי דאָס געשטאַלט פון אַ מאַן, שטייט קעגנאיבער מיר, און ער האַלט אַ פאַרמאַכטן בריוו אין זיין האַנט. און ער האָט געזאָגט צו מיר: נעם דעם דאָזיקן בריוו וועלכן דער שבת האָט געשיקט צו דיר. איך האָב זיך פאַרנויגט און זיך געבוקט צו ה׳, און אים געבענטשט פאַר זיין אָנטאָן מיר דעם דאָזיקן גרויסן כבוד. איך האָב אים [דעם בריוו] אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, און מיינע הענט האָבן געטריפט מור און איך האָב אים געלייענט. איז צום אָנהויב איז ער געווען אין מיין מויל זיס ווי האָניק. אָבער לייענענדיק די לעצטע שורות האָט מיין האַרץ זיך צעהיצט אין מיר, און די נשמה איז כמעט אַרויס פון מיר. איך האָב געפרעגט דעם געשטאַנענעם קעגנאיבער מיר וואָס איז מיין פאַרברעכן און וואָס איז מיין זינד. וואָרום זינט מיר איז באַקאַנט געוואָרן דער פאַרערטער און פאַרכטיקער שם וועלכער האָט מיך באַשאַפן און איך האָב געלערנט זיינע מצוות, האָב איך שטענדיק ליב געהאַט דעם שבת. פאַר זיין אָנקומען בין איך געגאַנגען אים באַגעגענען מיט מיין גאַנצן האַרץ. אויך ביי זיין אַוועקגיין האָב איך אים באַגלייט מיט פרייד און מיט געזאַנג. און ווער צווישן זיינע דינערס איז אַזוי באַגלויבט ווי איך. פאַרוואָס זשע האָט ער מיר געשיקט דעם דאָזיקן בריוו?

האָט דער שליח פונעם שבת מיר געענטפערט און געזאָגט צו מיר: מען האָט דערציילט דעם שבת אַז דיינע תלמידים האָבן געבראַכט נעכטן אין דיין הויז אַריין ספרים וועלכע טייטשן אויס די תורה, און דאָרט איז געשריבן מחלל צו זיין דעם שבת [פרייטיק נאַכט]. זאָלסטו אָנגורטן דיינע לענדן פאַרן כבוד פונעם שבת צו קעמפן די מלחמה פאַר דער תורה קעגן די פיינט פונעם שבת, און דו זאָלסט שאַנעווען קיין מענטש. און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און מיין אָטעם האָט געקלאַפּט, און מיין געמיט איז געוואָרן זעהר צעמישט. איך האָב זיך אויפגעהויבן און מיין גרימצאָרן האָט געברענט אין מיר.

און איך האָב אָנגעטאָן מיינע קליידער, געוואַשן מיינע הענט, אַרויסגעטראָגן די ספרים אויף דער גאַס אין דער ליכטיקייט פון דער לבנה. און אָט דאָרט איז געשריבן אַז „ויהי ערב ויהי בקר" מיינט: ווען עס איז געווען דער פרימאָרגן פונעם צווייטן טאָג, איז עס דעמאָלט געוואָרן אַ גאַנצער טאָג, ווייל די נאַכט גייט נאָכן טאָג.

איך האָב כמעט צעריסן מיינע קליידער, און איך האָב צעריסן דעם פירוש. וואָרום איך האָב זיך געטראַכט בעסער מחלל זיין איין שבת, איידער אידן זאָלן מחלל זיין פילע שבתים [שבתות], אויב זיי וועלן זען דעם דאָזיקן שלעכטן [פאַלשן] פירוש. מיר אַלע וועלן זיין אויך צו געלעכטער און צו שפּאָט אין די אויגן פון די פעלקער. אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטן צוליב דעם כבוד פון שבת. און איך האָב געטאָן אַ נדר ניט צו לייגן זיך שלאָפן נאָכן אַוועקגיין פונעם הייליקן טאָג ביז איך וועל אָנשרייבן אַ לאַנגן בריוו צו דערקלערן דעם אָנהויב פונעם ערשטן טאָג פון דער תורה, צו אָפּראַמען אַ שטרויכלונג און באַזייטיקן אַ נעץ און אַ פּאַסטקע. וואָרום אַלע אידן, די פרושים און די צדוקים מיט זיי, ווייסן אַז די פרשה בראשית איז געשריבן געוואָרן צו דערציילן דעם באַשעפערס שאַפונגען יעדער טאָג בלויז צוליב דעם אַז די וועלכע היטן אָפּ די תורה זאָלן ווייסן ווי אַזוי אָפּצוהיטן שבת פונקט אַזוי ווי השם יתברך האָט גערוט, צו ציילן די טעג פון דער וואָך.

היינט, אויב דער סוף פונעם זעקסטן טאָג וואָלט געווען ביז דעם זיבעטן טאָג [שבת] אין דער פרי, וואָלטן מיר דאָך באַדאַרפט היטן די פאָלגענדיקע [שבת] נאַכט. וועט דאָך דער דאָזיקער פירוש פאַרפירן אַלע אידן אין מזרח און אין מערב, די נאָענטע און די ווייטע, די לעבעדיקע און די טויטע, א).

און דער וועלכער גלויבט אין דעם דאָזיקן פירוש, זאָל השם יתברך זיך נוקם זיין אין אים די נקמה פונעם שבת. און דער וועלכער לייענט אים אויף אַ הויך קול, זאָל זיין צונג ווערן צוגעקלעפּט צו זיין גומען. אויך דער שרייבער וועלכער שרייבט אים אין די פירושים אויף תורה, זאָל זיין האַנט [אָרעם] ווערן פאַרדאַרט, און זיין רעכט אויג זאָל ווערן טונקל. און צו אַלע אידן זאָל זיין ליכטיק.

א) זעט אבן עזרא בשלח טז, כה.

[איבערזעצט פון לשון הקודש אַזוי ווערטערלעך ווי מעגלעך, און אַזוי פריי ווי נויטיק, פון א. ר.].

אגרת השבת

אגרת ששלח השבת לרבי אברהם אבן עזרא, ז״ל

אני שבת, עטרת דת יקרים,
ובין השם ובין בניו אני אות
ובי כל מעשיו כלה אלקים
ולא ירד ביום השבת אזי מן,
אני עונג לחיים על האדמה,
אני חדות זכרים וגם נקבות,
ולא יתאבלו בי האבלים,
והשקט ימצאו עבד ואמה,
ינוחון כל בהמות הם ביד איש,
וכל משכיל בינו הוא מקדש
בכל יום ימצאו שערי תבונה,
מכובד מעשות דרך,
ושמרתיך בכל ימים,
בזקנותך שגגה נמצאה בך,
ושם כתוב לחלל (יום) ליל שביעי,
לחבר אגרת דרך האמונה,

רביעית בעשרת הדברים.
ברית עולם לכל דורים ודורים.
וכן כתוב בראשית הספרים.
למען אהיה מופת להורים, ב).
ומרגוע לעם שוכני קברים.
וששים בי זקנים עם נערים.
ובי לא יספדו על מות ישרים.
והגרים אשר הם בשערים.
כסוסים, כחמורים, כשורים.
וגם מבדיל, חשובים כנזירים.
ביומי נפתחים מאה שערים.
וכן מן מצוא חפץ ודבר כל דברים.
למען שמרתני מאד מימי נעורים.
אשר הובאו אל ביתך ספרים.
ואיך תחשה ולא תדור נדרים,
ותשלחה אל כל העברים.

ויהי בשנת ארבעת אלפים ותשע מאות ותשע עשרה שנה, בארבעה עשר יום לחודש טבת. ואני אברהם, הנקרא אבן עזרא, הייתי בעיר אחת מערי האי הנקרא קצה הארץ [הארגון] א), שהוא [שהיא] בגבול [גבול] השביעי מגבולות הארץ הנושבת. ואני הייתי ישן, ושנתי ערבה עלי. ואראה בחלום [מלאך] והנה עומד לנגדי כמראה גבר ובידו אגרת חתומה. ויען ויאמר אלי: קח זאת האגרת ששלחה אליך השבת. ואקוד ואשתחוה לה׳ ואברך את השם [אשר נתנה לנו ו]אשר כבדני זה הכבוד הגדול. ואתפשנה בשתי ידי. וידי נטפו מור ואקראנה, ותהי בראשיתה בפי כדבש למתוק. אך בקראי הטורים האחרונים, חם לבי בקרבי וכמעט יצאה נפשי. ואשאל את העומד לנגדי: מה פשעי ומה חטאתי, כי מיום אשר ידעתי את ה׳ הנכבד והנורא אשר בראני ולמדתי מצוותיו, לעולם אהבתי את השבת. ובטרם בואה הייתי יוצא לקראתה בכל לבי. גם בצאתה הייתי משלחה בשמחה ובשירים. ומי בכל עבדיה כמוני [נאמן] בארץ. ומדוע שלחה אלי זאת האגרת.

ויען, ויאמר אלי ציר השבת: הגד הוגד לה אשר הביאו תלמידיך אתמול אל ביתך ספרים פירושי התורה, ושם כתוב לחלל ליל שבת. ואתה תאזור מתניך בעבור כבוד השבת להלחם מלחמת התורה עם אויבי השבת ולא תשא פני איש. ואיקץ, ותתפעם רוחי עלי, ונפשי נבהלה מאד, וחמתי בערה בי.

ואלבש בגדי, וארחץ ידי ואוציא הספרים חוצה אל אור הלבנה. והנה כתוב שם פירוש [בפירוש] „ויהי ערב ויהי בוקר", והוא אומר: כי כאשר היה בוקר יום שני, אז עלה יום אחד שלם [אתמול], כי הלילה הולך אחר היום. וכמעט קט קרעתי בגדי, וגם קרעתי זה הפירוש. כי אמרתי טוב לחלל שבת אחד, ולא יחלל ישראל שבתות הרבה אם יראו זה הפירוש הרע. גם נהיה כולנו ללעג ולקלס בעיני הגוים. ואתאפק בעבור כבוד השבת. ואדור נדר אם אתן שנת לעיני אחר [אחרי] צאת יום הקדוש, עד שאכתוב אגרת ארוכה לבאר מתי ראשית יום התורה, להרים מכשול ולהסיר פח ומוקש. כי כל ישראל, הפרושים גם הצדוקים עמהם, יודעים כי לא נכתבה פרשת בראשית להגיד מעשי השם ב״ה בכל יום, רק בעבור שידעו שומרי התורה איך ישמרו השבת כאשר שבת השם הנכבד לספור ימי השבוע [ימי השבת, ימי בראשית].

והנה, אם היה סוף יום הששי עד בוקר יום השביעי, היה לנו לשמור [לספור] הלילה הבא. והנה זה הפירוש מתעה [מתעתע, מתמה] כל ישראל במזרח ובמערב, גם הקרובים, גם הרחוקים, גם החיים, גם המתים. והמאמין בפירוש הזה, השם ינקום נקמת השבת ממנו. והקורא אותו בקול גדול תדבק לשונו לחכו. גם הסופר הכותב אותו בפירושי התורה, ידו יבוש תיבש, ועין ימינו כהה תכהה. ולכל בני ישראל יהיה אור.

א) זעט: במדבר כא, יג; כב, לו; דברים ב, כד; ג, טז; יהושע קאפיטל יב; שופטים יא, יג-כג, און אלע מפרשים אויפן אָרט. ב) אפשר דאַרף שטייען לדורים.

פאַרגלייכט די נוסחאות אין: סוף שולחן ערוך פון האר״י ז״ל, פראַנקפורט אַם מאַין, תנ״א; מבחר המאמרים, ר׳ נתן בר׳ שמואל הרופא, ליורנו, תק״ץ; תענוג שבת, ניו יארק, תשט״ו; כרם חמד, באַנד 3, זייט 158, 1839; ספר השבת, דביר, תל־אביב, תשי״ב.

פאָרוואָרט

דער צוועק פון דעם דאָזיגן ספר איז צו פּרעזענטירן, גיבן, אַ כאַראַקטער בילד פון משה רבינו; אַ שילדערונג פון זיין לעבן, פון זיין שאַפן, פון זיינע מעשים, טאַטן, אין דעם ליכט, לויט דער אויף פאַסונג, פון תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, שפּעטערע קבלה ליטעראַטור, ראשונים און אחרונים.

פון דער קאָלאָסאַלער, ממש אום ענדליכער מאַסע פון דעם וואָגיגן און פאַרשידן אַרטיגן ברייט און טיף פערצווייגטן מאַטעריאַל וועלכער איז צעזייט און צעשפּרייט אויף פילע טויזנטער זייטן אין: תלמוד ירושלמי, תלמוד בבלי, אין די פילע מדרשים, אגדות, קבלה ליטעראַטור; אין די ענדלאָזע פּירושים, קאָמענטאַרן אויף תלמוד, מדרש, זהר, און אין די אום צאָליגע פּירושים אויף פּירושים אין פאַרלויף פון די לעצטע צווי טויזנט יאָר; אין די ראשונים און אין די אחרונים אין דער פאָרמע פון פראַגמענ־טאַרישע דערציילונגען, קורץ געפאַסטע באַמערקונגען, איזאָלירטע עפּיזאָדן, אָנדייטונגען, און אין דער רייך צעוואָקסענער חסיד׳ישער ליטעראַטור, האָב איך אויס געקליבן בלויז די יעניגע שטעלעס וועלכע באַציען זיך דירעקט אויף דעם כאַראַקטער און אויף דעם שאַפן פון דעם פענאָמענאַלסטן פענאָמען, פון דער גיגאַנטישסטער פּערזענליכקייט אין דער גאַנצער וועלט געשיכטע און וועלט ליטע־ראַטור: משה רבינו וועלכער האָט בעפרייט אָהן אַ מלחמה אַ קליין, וואָפענלאָז, פערשקלאַפט פאָלק פון די פערשקלאַפונגס קייטן פון דעם מעכטיגסטן פאָלק פון יענער צייט; גיבער פון דער תורה, דאָס הייליגסטע, וויכטיגסטע און גרעסטע ווערק אין דער גאַנצער וועלט און וועלאַכס איז אַנערקענט ביי די ציוויליזירטע פעלקער פון דעם גאַנצן ערד קוגל; און דער שאַפער פונעם אידישן פאָלק.

אברהם אבינו האָט געגיבן אונז דעם גלויבן אין אחדות הבורא, אין דער איינציקייט פון דעם אויבערשטן, מאָנאָטעאיזם. ער איז דער פּאָטער פון אונזער אמונה. משה רבינו איז דער רבי פון אונזער אמונה, דער פאָרמולירער פון אונזער פאָלקסקייט.

אַלץ וואָס איז רעקאָרדירט אין דעם דאָזיגן ספר איז באַ־זירט אויף די ווייטער דערמאָנטע קוועלעס, מקורים [מקורות].

ווער עס איז פאַראינטערעסירט אין דעם מקור אָדער מקורים פון וועלכער עס איז באַהויפּטונג אין דעם דאָזיגן ספר, מעג ווענדן זיך שריפטליך צו מיר, און איך וועל אם ירצה השם שטעהן צו דינסט מיט פאַרגעניגן.

א. ר.

קוועלעם

משה רבינו'ס לעבן און שאפונג

געבויט אויף פאלגענדיגע קוועלעם

•

תלמוד ירושלמי, שרידי הירושלמי, תלמוד בבלי, מגילת תענית, מסכתות זעירות, שבע מסכתות קטנות, פרקי רבי אליעזר, פרק האחרון מפרקי רבי אליעזר, שבעה פרקי רבי אליעזר (נספחים לסדר אליהו זוטא), משנת רבי אליעזר, תוספתא, סדר עולם רבה, מכילתא דרבי ישמעאל, מכילתא דרבי שמעון בן יוחאי, ספרא, ספרי, ספרי זוטא על ספר במדבר, מדרש רבה על התורה וחמש מגילות, מדרש תנחומא הקדום והישן, מדרש תנחומא, פרשיות ממדרש תנחומא, מדרש אגדה על התורה, ספר הישר על התורה, מדרש לקח טוב (פסיקתא זוטרתא) על התורה, מדרש הגדול על התורה, אגדת בראשית, מדרש שכל טוב על בראשית ושמות, ספר והזהיר לשמות ויקרא, מדרש תנאים על ספר דברים, ליקוטי בתר ליקוטי ממכילתא לספר דברים, אגדת התנאים, קובץ מעשי התנאים, מדרש ילמדנו על בראשית במדבר דברים, לקוטים ממדרש ילמדנו, קונדריס אחרון ממדרש ילמדנו, מדרש שמואל, ילקוט המכירי על ישעיהו, מדרש תהלים (שוחר טוב), מדרש שוחר טוב למזמורי תהלים, לקוטים ממדרש שוחר טוב, ילקוט המכירי על תהלים, מדרש משלי, ילקוט המכירי על משלי, מדרש שיר השירים בזהר חדש, מדרש שיר השירים במדרש זוטא, אגדת שיר השירים, מדרש רות בזהר חדש, מדרש קהלת זוטא, מדרש מגילת אסתר, אגדת אסתר, זהר על התורה, זהר חדש, פסיקתא רבתי, פסיקתא דרב כהנא, שלש פסיקתות, תנא דבי אליהו רבה, תנא דבי אליהו זוטא (סדר אליהו רבה וסדר אליהו זוטא), נספחים לסדר אליהו זוטא, לקוטים ממדרש אבכיר, ספרי דאגדתא, אלפא ביתא דבן סירא, אלפא ביתא דרבי עקיבא, מדרש אותיות דרבי עקיבא, ילקוט שמעוני על תנ"כ, ילקוט ספורים, ילקוט ראובני על התורה, ספר הלקוטים, בית המדרש, בתי מדרשות, אגדת אגדות, אוצר מדרשים, גנזי שעכטער, תרגומים אונקלוס יונתן בן עוזיאל ירושלמי על התורה, תרגום על מגילות אסתר שיר השירים רות איכה קהלת, תרגום שני על מגילת אסתר, נוסח השומרוני, פשיטא לבראשית שמות, על התרגום הירושלמי לתורה, משנה תורה להרמב"ם השגות הראב"ד, ספר חסידים, מנורת המאור, שלשלת הקבלה, סדר הדורות, מדרש תלפיות, ספר גדולת משה, ברייתא דמלאכת המשכן.

רש"י, דעת זקנים מבעלי התוספות, אבן עזרא, רשב"ם, רמב"ן, רלב"ג, בעל הטורים, ספורנו, אור החיים, כלי יקר, רד"ק, ביאור הגר"א, מלבי"ם, שפתי חכמים, מצודת דוד, מצודת ציון, תורה תמימה.

אברבנאל, אדרת אליהו, אהבת דוד, אהל יעקב, אהל תורה, אור האמת, אלשיך (תורת משה), ארץ החיים על תהלים, ארץ ישראל פירוש על ארץ החיים, באר מים חיים, בוצינא דנהורא, דגל מחנה אפרים, דרשות שם טוב, הדרש והעיון, הכתב והקבלה, חזקוני, חידושי הרי"מ, חפץ חיים, חצי מנשה, חתם סופר (תורת משה), ייטב לב, ילקוט אליעזר, יערות דבש, ישמח משה, כפלים לתשובה, כתב סופר, לקוטי תורה, מאור ושמש, מגד ירוחם, מגלה עמוקות, מגן אברהם על התורה, מדרשי התורה, מהרש"א, מטה אהרן, מנחה בלולה, מרגניתא דרב, משך חכמה, עבודת ישראל, עוללות אפרים, עמודי שש, עתים לבינה, פנים יפות, פרדס יוסף, פרח לבנון, פרשת דרכים, קהלת יצחק, רבינו בחיי, ריקאַנטי, שיח שרפי קודש, של"ה, שמחת ישראל, שפת אמת, שפתי צדיק, שתי ידות, תולדות יעקב יוסף, תורת שמעון, תעלת אליהו, תפארת צבי, תפארת שלמה.

תוספות, פירוש המשניות להרמב"ם, רבינו יונה על מסכת אבות, כסף משנה, נצוצי אורות על הזהר, ביאור הרד"ל על פרקי רבי אליעזר.

רש"י (?), מתנות כהונה, ידי משה, יפה תואר, יפה קול, חידושי הרד"ל, מהרז"ו, יפה ענף, חידושי הרש"ש, עץ יוסף, ענף יוסף, זית רענן.

מחזור ויטרי, אבודרהם, סידור בית יעקב עם יריעות שלמה, סדור אוצר התפילות, סידור של"ה, סידור הגר"א, סידור חמדת ישראל.

וזכר כולם לברכה

אַ מאַלערס פּאָרטרעט פון משה רבינו

עָס ווערט דערצעהלט, א):
ווען משה רבינו האָט געפירט אַרויס די אידן פון מצרים: „שמעו עמים ירגזון..." פעלקער האָבן געהערט, האָבן זיי געציטערט, אַ טרעסלען האָט אָן געכאַפּט די איין וואוינערס פון פלשת. און זיי האָבן געווינדערט זיך זעהר וועגן דער פּעוזאָן, וועגן דעם מענטשן משה, דורך וועמענס האַנד עס זיינען געשעהן די דאָזיגע אַלע מעכטיקייטן און ווינדערס.

דאָס האָט באַוואויגן אַן אַראַבישן קעניג צו שיקן אַ באַרימטן מאַלער ער זאָל מאָלן אַ פּאָרטרעט פון דעם באַרימטן פירער און ברייגגען איס צו אים. דער מאַלער האָט געמאָלן דעם פּאָר־טרעט, און ער האָט געבראַכט אים צו דעם קעניג.

דער קעניג האָט געשיקט רופן זיינע אַלע מייסטער מאַלערס, און ער האָט אויף געפאָדערט זיי צו גיבן, אויף דעם סמך פון דעם פּאָרטרעט, אַן אָפּ שאַצונג פון משה'ס כאַראַקטער, אייגנ־שאַפטן, און אין וואָס עס שטעקט זיין גרויסער כוח.

האָבן די עקספּערטן געזאָגט צו דעם קעניג: אורטיילנדיג לויט דעם געמאָל פון דעם פּנים פון דעם מענטש וועלכער איז באַרימט אַלס גרויסער מאַן, קאָנען מיר זאָגן אונזער האר אַז ער איז אַ שלעכטער, אַ שטאָלצער (בעל גאוה), אַ געלד גליסטיגער, אַן איין געשפּאַרטער (אַן עקשן), און אין אַלע חסרונות אין דער וועלט איז איין געטונקען דאָס וועזן פון דעם געהויבענעם מאַן.

האָט דער קעניג געצאָרנט שטאַרק, און ער האָט געזאָגט: וואָס מיינט דאָס, צי מאַכט איר חוזק פון מיר! פון אַלע זייטן האָב איך דאָך געהערט פונקט דעם הפך, דאָס פאַרקעהרטע וועגן דעם דאָזיגן גרויסן מאַן.

האָבן זיי אָן געהויבן צו ציטערן זעהר. מיט אַ נידעריג, בעטנדיג קול האָבן דער מאַלער און די עקספּערטן גערעכטפאַר־טיגט זיך. יעדער איינער האָט געוואָרפן אַרויף די שולד אויף דעם אַנדערן. דער מאַלער האָט געטענה'ט אַז ער האָט געמאָלן ריכטיג, נאָר די עקספּערטן האָבן געגרייזט אין זייער אָפּ שאַצונג. און די עקספּערטן, ווידער, האָבן געוואָרפן אַרויף די שולד אויף דעם מאַלער אַז ער האָט געמאָלן משה'ס געשטאַלט נישט ריכטיג.

אַזוי ווי דער קעניג האָט געגליסט צו וויסן ווער פון זיי עס איז גערעכט, איז ער געפאָרן אַוועק צו דעם אידישן לאַגער.

א) תפארת ישראל.

אָן קומענדיג אַהין האָט ער דערזעהן דעם הימלישן מאַן, משה׳ן, פון דער ווייטען. האָט ער גענומען אַרויס גיך דעם פּאָרטרעט פון זיין בוזים. ער האָט געקוקט, בעטראַכט און געזעהן אַז דער פּאָרטרעט איז געמאָלן אַקוראַט ווי משה׳ס אויסזעהן, אַ פול־שטענדיגע קאָפּיע. עס האָט נישט געפעהלט אַ האָר.

האָט דער קעניג געוואונדערט זיך שטאַרק. ער איז געגאַנגען אַליין אַריין אין דעם געצעלט פון דעם הימלישן מאַן. ער האָט געקניט און געבוקט זיך צו אים, און ער האָט דערצעהלט משה׳ן דעם גאַנצן ענין.

ער האָט אויך געזאָגט צו אים: איך בעט דיך מיין האַר, הימלישער מאַן, איידער איך האָב געזעהן דיין הימליש פּנים, האָב איך געטראַכט זיך אפשר האָט דער מאָלער געגרייזט אין זיין אַרבעט. ווייל מיינע קלוגע לייט זיינען בארימט אַלס עקספּערטן אין פיזיאָגנאָמיע, און עס איז נישט פאַראַן זייער גלייכן.

אָבער איצט, נאָך מיין זעהן אַז דיין געשטאַלט איז פּונקט ווי דעם מאָלערס פּאָרטרעט, בלייבט מיר צו זאָגן בלויז אַז מיינע חכמים האָבן געפעלשט אין מיר. אַז זיי זיינען ווערטלאָזע קלוגע. זיי עסן ביי מיין טיש און האָבן פאַרפירט מיך פון לאַנג אָן מיט זייערע נאַרישקייטן.

האָט משה, דער הימלישער מאַן, געזאָגט: דאָס איז נישט ריכטיג. סאַי דער מאָלער, סאַי דיינע קלוגע לייט זיינען וואונדער־ליך אין זייער וויסן און אין זייער קלוגשאַפט. אָבער דו זאָלסט וויסן אַז ווען איך זאָל זיין פון נאַטור אויס טאַקע לויט ווי דו האָסט געהערט וועגן מיינע מידות, אייגנשאַפטן, וואָלט איך נישט געווען בעסער פון אַ פערדאַרט שטיק האָלץ. וואָרום אויך דאָס באַזיצט נישט דעם מענטשנס אַלע חסרונות. איז אויב אַזוי, ווען איך דען צוליב דעם זיין אָן געזעהן אין דעם אויבערשטנס און אין דעם מענטשנס אויגן?

אין אמת׳ן איז עס אַזוי, מיין פריינד. איך וועל נישט שעהמען מיך צו זאָגן דיר אַז די אַלע חסרונות, פעהלערס וועלכע דיינע קלוגע לייט האָבן צו געשריבן מיר, זיינען צו געבונדן, באַהעפט צו מיר פון דער נאַטור אויס. און אפשר נאָך מעהר ווי דיינע קלוגע לייט האָבן אָפּ געשאַצט.

נאָר איך האָב געשטאַרקט מיך מיט מוטיגן כוח, אונטער יאָכט און באַזיגט זיי, ביז איך האָב ערוואָרבן מיר זייער הפך, זייער געגן טייל פאַר מיין צווייטע נאַטור.

און אַט דערפאַר, און צוליב דעם בין איך אָן געזעהן און ווער פאַרעהרט אין הימל אויבן, און אויף דער ערד אונטן.

מאמרי חז"ל א)

קוצותיו תלתלים (שיר השירים ה, יא)... מלמד שיש לדרוש על כל קוץ וקוץ תילי תילים של הלכות. (עירובין כא, ר')

אל יהי המשל הזה קל בעיניך שעל ידי המשל הזה אדם יכול לעמוד בדברי תורה.
(שיר השירים רבה, פרשה א)

דרוש וקבל שכר (סוטה מד, א)

לשעבר כשהיתה הפרוטה מצויה, היתה נפש האדם מתאוה לשמוע דבר הלכה, ועכשיו שאין הפרוטה מצויה, נפש האדם מתאוה לשמוע דבר אגדה. (סופרים פרק טז)

רצונך שתכיר מי שאמר והיה העולם, למוד הגדה שמתוך כך אתה מכיר את הקדוש ברוך הוא ומדבק בדרכיו.
(ספרי עקב, פיסקא מט)

א) חכמינו זכרונם לברכה.

אין קורצן

משה׳ה פערזענלעכקייט . . . . מא

משה פאַרקערפערט אין זיך אַלע אייגנשאַפטן וועלכע אַלע תנ״כ פערזענלעכקייטן באַזיצן; ער איז די גרעסטע וועלט פערזענלעכ־קייט, גרעסטער נביא, פאָטער פון די נביאים, גרעסטער חכם; ווערט באַצייכנט מיט מלאך, פאָטער פון די מלאכים, האַלבער גאָט, אַ גאָט איבער פרעה׳ן.

געוויסע איינציגע אייגנשאַפטן באַזיצן מאַנכע תנ״כ פערזענ־לעכקייטן פונקט ווי משה רבינו.

אין מאַנכע איינציגע אייגנשאַפטן שטייגן געוויסע תנ״כ פערזענ־לעכקייטן איבער אַפילו משה׳ן.

יעקב אבינו׳ס פטירה . . . . מח

יעקב ווערט נפטר, עשו וויל צוריק די מערת המכפלה וועל־כע יעקב האָט אָפּ געקויפט פון אים, ער לייקנט די טראַנזאַק־ציע, עס ענטשטעהט אַ שטרייט, יעקב׳ס אַן איניקל הרג׳עט עשו׳ן.

די אידנס לאַגע אין מצרים . . נא

נאָך לוי׳ס טויט הויבן אָן די מצריים צו פאַרפאָלגן די אידן, זיי פערדאַטן די אידן אין אַ מלחמה, די מצריים פורכטן די אידנס שטאַרקייט, די שקלאַפע־ריי הויבט אָן זיך, אויף איוב׳ס עצה באַפעהלט פרעה די אידישע באַבעס צו הרג׳ענען די ניי גע־בארענע אינגעלאַך, די באַבעס איגנאָרירן די גזירה, פרעה חלום׳ט אַ שלעכטן חלום, בלעם׳ס באַשייד שרעקט איבער פרעה׳ן, יתרו עצה׳ט פרעה׳ן צו לאָזן די אידן צורו, איוב׳ס עצה: טו ווי דו פאַרשטעהסט, אויף בלעם׳ס ראָט באַפעהלט דער גרויזאַמער פרעה צו דערטרענקן יעדער ניי געבאָרן אינגעלע.

משה׳ס אָפּשטאַם . . . . ס

יעקב ציט מיט זיין פאַמיליע קיין מצרים, זיין זון לוי׳ן ווערט געבאָרן אַ טאָכטער יוכבד פאַרן אַריין קומען אין מצרים׳ס הויפּט שטאָט, עמרם נעמט זיין מומע יוכבד פאַר אַ ווייב, זי האָט גע־באָרן אים אַ טאָכטער מרים און אַ זון אהרן, פרעה באַפעהלט צו דערטרענקן די ניי געבאָרענע אינגעלאַך, עמרם גט אָפּ יוכבד׳ן ניט צו ברייגגן קינדער אויף דער וועלט, מרים האָלט עמרם׳ס טאָט גרויזאַמער פון פרעה׳ס גזרה, עמרם נעמט צוריק יוכבד׳ן.

משה׳ס געבורט . . . . סב

יוכבד האָט געבאָרן אַ אינגעלע, זיינע עלטערן האָבן אַריין גע־לעגט אים אין אַ קעסטעלע, אַוועק געשטעלט עס ביי דעם ברעג פון דעם טייך נילוס, פרעה׳ס טאָכטער בתי־ה ראַטע־וועט דאָס אינגעלע, און זיין מוטער יוכבד ווערט זיין אַם.

משה'ס קינדהייט .... סד

די פּרינצעסין אַדאָפּטירט דאָס אינגעלע, רופט אים משה, ער האָט מעהרערע נעמען, איז אויסער געוויינלאַך שעהן און קרעפטיג, ער טוט אָן פּרעה'ס קרוין, דער קעניג ווערט צעשראָקן, בלעם עצה'ט צו הרג'ענען דאָס קינד, דער דימענט שטיין און די גליענדיגע קויל, משה בריט אָפּ די ליפּן, ווערט אַ שטאַמלער, בלעם האָט מורא פאַר משה'ן, ער אַנטלויפט פון מצרים קיין עטיאָפּיע, אַבעסיניע.

משה'ס יוגנד .... סז

משה גערירט פון די אידנס פערשקלאַפונג, זיין לעבנס ציל איז צו בעפרייען זיי, ער פירט איין שמירת שבת, זעענדיג אַ מצרי שלאָגן אַ אידן זאָגט ער אַרויס דעם שם המפורש [דעם אַלמעכטיגנס נאָמען וועלכן מע טאָר נישט אַרויס רעדן], און דער מצרי פאַלט אַ טויטער, דתן און אבירם מסר'ן משה'ן, פּרעה וויל הרג'ענען אים, אַ מלאך פירט אַוועק אים פערציג טעג רייזע פון דער עגיפּטישער גרענעץ.

משה און קיקאַנוס .... סט

קיקאַנוס פאַרלאָזט זיין לאַנד צו פירן מלחמה, בלעם פערכאַפּט דעם טראָן, משה ווערט קיקאַנוסעס ראַט גיבער, דער עטיאָפּישער קעניג קיקאַנוס שטאַרבט, משה אין עטיאָפּיע, אַבעסיניע.

משה קעניג פון עטיאָפּיע .. עא

משה באַזיגט בלעם'ן, די עטיאָפּיער פּראָקלאַמירן אים אַלס זייער קעניג, ער קיניגט פערציג יאָר, קיקאַנוסעס זון ווערט קעניג, משה קומט קיין מדין.

משה אין טורמע .... עב

משה ראַטעוועט יתרו'ס טעכטער פון די פּאַסטעכער ביי דעם ברונעם, ער שלאָגט פאָר צפורה'ן צו ווערן זיין ווייב, יתרו לאַדט אים איין צום עסן, זעצט איין אים אין טורמע, צפורה שפּייזט אים צען יאָר אין געהיים, ער ווערט בעפרייט.

משה'ס פאַמיליע .... עד

משה רייסט אַרויס דעם שטעקן אין יתרו'ס גאָרטן, יתרו גיט צפורה'ן אים פאַר אַ ווייב, זי האָט געבאָרן אים צוויי זין גרשם און אליעזר אין מדין.

דער שטעקן .... עה

דער שטעקן איז בעשאַפן געוואָרן ביי דעם וועלט בעשאַף, איז געוועזן פון ספּיר שטיין, ער איז איבער געגאַנגען פון אדם הראשון'ען צו פילע פערזענלעכקייטן ביז צו משה'ן, ער האָט געטון פילע גרויסע ווינדער און געשפּאַלטן דעם ים סוף מיט אים.

דער קרעציגער פּרעה .... פּב

פּרעה באַד זיך אין אידישע קינדערלאַכס בלוט צו היילן זיין קרעץ, יעדער טאָג ווערט געשחט'ן אַ אידיש קינד, ער פאַלט אַראָפּ פון פערד, זיינע ביינער ווערן צעבראָכן, זיינער אַ זון מיט דעם נאָמען אדוקס ווערט קעניג, ער איז אַ גרויזאַמער הערשער.

נייער פרעה איז גרויזאַמער , פג

אין גרויזאַמקייט האָט ער איבער געשטיגן אַלע זיינע פאָרגעגנערס, האָט באַשטימט סאַדיסטישע ברוטאַלע אַטונג גיבערס, ער האָט געפּאָדערט אַ געוויסע צאָל ציגל טעגליך, געפעהלטע ציגל זיינען געוואָרן ערזעצט מיט אי־דישע קינדערלאַכס קערפּערלאַך.

דער געטרייער פּאַסטעך . . . פּד

משה און דאָס דורשטיגע ציגע־לע, דער ברענענדיגער דאָרן בוים, דער אויבערשטער הייסט אים געהן קיין מצרים בעפרייען די אידן, ער וויל נישט פירן פירער ראָליע, שטימט ענדליך צו, נעמט יתרו׳ס ערלויבעניש.

משה ציט קיין מצרים . . . . פּו

משה ציט קיין מצרים מיט וויב און קינדער, אַ מלאך שלינגט איין אים פון קאָפּ ביז דיך פאַר נישט מל זיין אליעזר׳ן, צפורה מל׳ט אים, אהרן באַגעגנט זיי, משה שיקט צוריק פאַמיליע וועגן זי־כערקייט אויף אהרן׳ס פאָרשלאָג.

משה און אהרן ביי פרעה׳ן . פּז

זיי קומען צו דעם פּאַלאַץ טויער, משה הויבט אויף דעם שטעקן בעפרייט די צוויי לייבן פון די קייטן און זיי באַגלייטן אים און אהרן׳ען אין פּאַלאַץ אַריין, פרעה איז ערשטוינט, זיי פאָדערן צו בעפרייען די אידן, פרעה פאָ־דערט פון זיי וווּנדערס צו קאָנען גלויבן זייערע רייד, אהרן בע־וויזט וווּנדערס מיט זיין שטעקן,

פרעה׳ס כישוף מאַכערס בעוויזן דאָס זעלבע, ער איז איין גע־שפּאָרט, פערשקלאָפט די אידן נאָך פיל גרויזאַמער ווי פריער.

די מכות . . . . פּט

דריי מכות האָט אהרן געבראַכט, דריי משה, דריי דער אַלמעכ־טיגער, איינע אַלע צוזאַמען, פיר און צוואַנציג טעג נאָך אַנאַנד האָט משה געוואָרנט פרעה׳ן פאַר יעדער מכה, זיבן טעג האָט די מכה געבושעוועט, די מכות: דם בלוט, צפרדעה פראַשן, כנים לייז, ערוב געמיש פון ווילדע חיות, דבר פעסט, שחין געש־ווירן, ברד האָגל, ארבה היישע־ריקן, חושך פינצטערניש, פרעה איז שוין וויליג צו לאָזן די אידן געהן דינען דעם אויבערשטן אָבער זיי זאָלן איבער לאָזן זיי־ערע שאָף און רינדער, משה זאָגט אָפּ, פרעה פאַרבאָט משה׳ן צו קומען נאָך אַמאָל צו אים, משה ענטפערט דו וועסט שוין קומען צו מיר, ער גיט אים אַ פּאַטש, און ער געהט אַוועק.

דער ערשטער פסח . . . . . צח

די אידן פייערן דעם ערשטן פסח, בינדן צו שעפעלאַך [די מצריים׳ס גאָט] צו די פיסלאַך פון די בעטן, שחט׳ן דעם קרבן פסח, ריכטן אָפּ דעם סדר.

די צענטע מכה . . . . צט

דאָס הרג׳ענען די ערשטע גע־באָרענע, סיי פון מענטשן סיי פון בהמות, און עס האָט געפונען זיך קיין איין הויז אָהן אַ מת.

פּרעה פאַלט צו משה'ם פיס .. ק

פּרעה לויפט אַרום אין די גאַסן זוכן משה'ן, יאָמערט ביטער, פאַלט צו משה'ס פיס, נאָך דעם אָפּ ריכטן דעם סדר פאַרלאָזן די אידן דאָס לאַנד מצרים.

זכות'ן פאַר יציאת מצרים .. קג

אין זכות פון קבלת התורה קג
אין זכות פון תפילה . . . קט
אין זכות פון תשובה . . . קטו
אין זכות פון רחמים . . . קכ
אין זכות פון קרבנות . . קכב
אין זכות פון מל זיין . . קכג
אין זכות פון ניט רעדן לשון הרע . . . . קכז
אין זכות פון גמילות חסדים, קל
און אין נאָך זכות'ן . . . . קלב

דער אַרויס צוג פון מצרים .. קלד

יוסף האָט באַשוואָרן זיינע ברי־דער צו מיט נעמען זיין געביין ביים פאַרלאָזן מצרים, משה נעמט אַרויס זיי פון דעם טייך נילוס, זיי ציען אַרויס פון מצרים מיט גאָלד און זילבער, עהרן וואָלקנס באַשיצן זיי אויפן וועג.

די שפּאַלטונג פון ים סוף .. קלז

א מיליאָן קעפּיגע עגיפּטישע אַרמעי יאָגט נאָך די אידן, דער־גרייכט זיי ביים ים סוף, די לאַגע איז קריטיש, די אידן זיי־נען צעשראָקן, די אידן שפּרינ־גען אַריין אין ים סוף, זיי שטעהען שוין אין וואַסער ביז צו דעם האַלז, דער ים סוף וויל ניט שפּאַלטן זיך, שפּאַלט זיך ענדליך אין פאַרשידענע זכות'ן, שפּאַלט זיך צוויי מאָל, די אידן געהען אַריבער אין טריקעניש, אַלע מצריים ווערן דערטרענקט, אַ מלאך ראַטעוועט פּרעה'ן, דער ים סוף שפּייט אויס די מצריים די אידן זאָלן זעהן זיי טויטע.

משה, די אידן זינגען שירה .. קמח

משה און די אידן לויבן דעם אַלמעכטיגן פאַר די פילע נסים, מרים זינגט שירה מיט די פרויען.

דאָס וואַסער איז ביטער .. קמח

די אידן נעמען אַוועק דאָס צי־רונג מיט וועלכן די מצריים [עגיפּטער] האָבן באַפּוצט זייערע פערד, זיי קומען קיין מרה, דאָס וואַסער איז ביטער, זיי בייזערן זיך אויף משה'ן, ער וואַרפט אַריין אַ בוים אין וואַסער און דאָס גאַנצע וואַסער ווערט זיס.

דער מן, מאַנגל אין וואַסער, קמט

אין מצרים האָבן די אידן גע־האָט גוט עסן און איבער גענוג, זיי הונגערן אין דער מדבר, זיי באַקלאָגן זיך, מן פאַלט אַראָפּ פון דעם הימל אַלע וואָכן טעג, ער האָט אַלערליי טעמים, ער איז אויך דער וועג ווייזער צו פסק'ענען אַ דין, צו אַרויס גיבן אַ גע־רעכטן אורטייל, עס איז אַ מאַנגל אין וואַסער, אויף דעם אוי־בערשטנס באַפעהל שלאָגט משה דעם פעלז, עס פליסט וואַסער.

די מלחמה מיט עמלק'ן .. קנב

עשו'ס אייניקל עמלק אַטאַקירט די אידן, דעם אויבערשטן איז נישט געפעלן משה'ס אָפּלעגן די מלחמה אויף דעם צווייטן טאָג, די אידן האָבן באַזיגט עמלק'ן.

משה'ס פאַמיליע אין מדבר, קנג

יתרו און משה'ס ווייב און קינ־
דער קומען צו משה'ן, דאָס גאַנ־
צע פאָלק איז געגאַנגען אַנטקעגן
זיי, יתרו איז מגייר זיך, בלייבט
אַ לענגערע צייט, גיט משה'ן
גוטע עצות, ער געהט צוריק
אַהיים צו מגייר זיין דאָרט זיין
פאַמיליע און זיינע לאַנדס לייט.

משה לערנט תורה . . . . . . קנד

משה איז פערציג מעת לעת
[מעסלעס] אויפן באַרג, דער
אויבערשטער לערנט אים תורה,
ער פאַרשפעטיגט צו קומען
אַראָפּ, די אידן פאָדערן אַ גאָט.

דער גאָלדענער קאַלב . . . קנה

חור שרייט אָן אויף זיי, זיי
דער'הרג'ענען חור'ן, צווינגען
אהרן'ען צו מאַכן אַ גאָט, ער
וואַרפט זייער צירונג אין פייער,
עס קומט אַרויס אַ גאָלדענער
קאַלב, דער אויבערשטער צערנט.

משה צעברעכט די לוחות, קנז

עס געלינגט משה'ן צו איבער
בעטן אים, ער קומט אַראָפּ מיט
די לוחות, דערזעהענדיג דעם
גאָלדענעם קאַלב ווערט ער אין
כעס און ער צעברעכט די לוחות.

משה פאַרברענט דעם קאַלב, קנז

דער אויבערשטער שטימט איין
מיט משה'ן אין דעם, משה פאַר־
ברענט דעם קאַלב, ער האָט
באַפעהלט און די לויים האָבן
גע'הרג'עט אַלע קאַלב דינערס
אַן ערך פון דריי טויזנט לייט.

די צווייטע לוחות . . . . . קנח

משה קעהרט אום זיך צום אויי־
בערשטן, בעט מחילה פאַר די
אידן, דער אויבערשטער הייסט
אים מאַכן צווייטע לוחות, נאָך
פערציג מעת לעת [מעסלעס] ני־
דערט משה אַראָפּ מיט די צוויי־
טע לוחות, ער טיילט מיט דעם
פאָלק דעם אויבערשטנס רייד.

דער באַרג סיני . . . . קס

יעקב אבינו האָט געזעהן אים
אין חלום, משה האָט דערשפירט
זיין הייליקייט פאַשענדיג די שאָף
דאָרט, ער איז הייליג ווייל די
תורה איז געגיבן געוואָרן אויף
אים, ער איז אַן אייביגער סימ־
באָל פון באַשיידענקייט, עניוות.

די תורה . . . . קסא

איז בעשאַפן געוואָרן פאַרן וועלט
בעשאַף, דער בעשאַפער האָט
גענוצט זי אַלס צייכנונג פלאַן
[„בליו פרינט"] צו בעשאַפן די
וועלט, ער האָט געקוקט אין דער
תורה און האָט בעשאַפן די וועלט.

פעלקער ווילן קיין תורה . . קסב

זי איז געליגן ניין הונדערט און
פיר און זיבעציג דורות פאַר
דעם וועלט בעשאַף און זעקס
און צוואַנציג דורות פון אדם
הראשון'ען ביז משה רבינו, דער
אויבערשטער שלאָגט פאַר עשו'ס
קינדער עמון'ס קינדער ישמע־
אל'ס קינדער און אַלע אַנדערע
פעלקער צו מקבל זיין די תורה,
זיי ווילן נישט אַן נעמען זי.

די בערג ווילן דעם כבוד .. קסג

די גרויסע, „הויכע" בערג רייסן זיך אַרום, יעדערער וויל אַז דער הייליגסטער וועלט אַקט זאָל אָפּ שפּילן זיך אויף אים, דעם אַל־מעכטיגן געפעלט די באַשיידענ־קייט פונם „נידעריגן" באַרג סיני.

מלאכים געגן מתן תורה . . קסד

זיי זיינען געגן גיבן די תורה צו בלוט און פליש, דער אוי־בערשטער הייסט משה'ן ענט־פערן, ער בעוויזט אַז די תורה איז פאַר מענטשן נישט פאַר מלאכים, און די מלאכים זעהען ענדליך איין זיין גערעכטיקייט.

דאָס גיבן די תורה . . . . קסה

דער בעשאַפער מאַכט שטורמען די וועלט, די פעלקער ציטערן, בלעם באַרואיגט זיי, דער אוי־בערשטער הענגט אויף דעם באַרג סיני איבער די אידן, ער זאָגט זיי די תורה ענטהאַלט זעקס הונדערט דרייצן מצוות, זיי זאָגן „נעשה ונשמע" מיר וועלן טון און מיר וועלן הערן, די הימלען זיינען אָפן, דער שפּיץ באַרג איז אין הימל, דער אַלמעכטיגער זיצט אויפן כסא הכבוד עהרן טראָן, הונדערטער טויזנטער מלאכים מיט פייערדיגע קרוינען זיינען אַרום אים, די זויגלינגע און די קינדערלאַך אין מוטערס טראַכטן גאַראַנטירן אַז די אידן וועלן אָפּ היטן די תורה, די מתים זיינען געוואָרן לעבעדיג, און אַלע מענטשן וועלכע וועלן ווערן גע־באָרן זיינען געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני, די תורה איז גע־וואָרן געגיבן אין זיבעציג שפּראַכן, דאָס קול איז אַרויס מיט פינקן, די אידן פאַרלירן די נשמות, זיי ווערן צוריק לע־בעדיג, צוויי מלאכים שטעהען נעבן יעדן אידן און היטן זיין נשמה זי זאָל נישט אַרויס, זיי האָבן מקבל געווען אָן גענומען די תורה מחמת גרויס ליבשאַפט.

דער משכן . . . . קע

משה פאָדערטביישטייערונגען פון דעם פאָלק, בצלאל בויעט אויף דעם משכן אין פינף חדשים, משה האָט אַריין גע־שטעלט אין ארון די לוחות און די ערשטע צעבראָכענע, זיי האָבן געפייערט דעם יום טוב פסח.

דאָס פאָלק פאָדערט פליש, קעא

א מעכטיגער מערב ווינד האָט געבראַכט וואַכטאַלן, אָבער דער אויבערשטער האָט באַשטראָפט זיי דערפאַר, דאָס אָרט ווערט אָן גערופן „קברות התאוה", נעמליך קברים פון גלוסטיקייט.

מרים ווערט באַשטראָפט .. קעא

מרים און אהרן רעדן לשון הרע אויף משה'ן פאַר זיין נעמען די כושית פרוי, דעם אויבערשטן פאַרדריסט עס, מרים ווערט באַ־שטראָפט מיט הויט קראַנקהייט, משה בעט דעם „רופא חולים", און מרים ווערט אויס געהיילט.

די מרגלים, אוים קוקערס . . קעב

צען ברייגגן שלעכטע באַריכטן, כלב און יהושע לויבן דאָס לאַנד, דאָס פאָלק מורמלט געגן משה׳ן און אהרן׳ען, זיי ווילן צוריק קיין מצרים, דער אויבערשטער וויל פאַרטיליגן זיי, משה איז מתפלל, דער אויבערשטער איז מוחל, אָבער דער גאַנצער דור אויסער כלב און יהושע וועט אוים שטאַרבן אין דער מדבר.

קרח׳ם אויף שטאַנד . . . . קעג

קרח דתן אבירם און בן פלת צוויי הונדערט פיפציג פערזענ־לעכקייטן רעוואָלטירן שטאַרק געגן משה׳ן, און בן פלת ציט זיך צוריק, משה וויל שליכטן דעם שטרייט אויף אַ פרידליכן אופן, ער געהט פערזענליך צו דתן׳ען און אבירם׳ן, זיי באַגעגענען אים מיט זידלערייען, די ערד פאַר־שלינגט זיי און אַלע רעוואָלטי־רער מיט זייער האָב און גוטס.

מרים שטאַרבט, קיין וואַסער, קעה

די אידן קומען אין דער מדבר צין, בלייבן אין קדש, מרים שטאַרבט דורך אַ הימלישן קוש, דער מרים ברונעם פאַרשווינד, דאָס פאָלק האָט קיין וואַסער, דער אויבערשטער הייסט משה׳ן רעדן צום פעלז, משה קלאַפּט אים.

אהרן׳ס פטירה . . . . קעו

דער קעניג פון לאַנד אדום לאָזט נישט משה׳ן ציען דורך זיין לאַנד, אהרן שטאַרבט, זיין זון אלעזר ווערט זיין נאָך פאָלגער, דאָס פאָלק האָט שטאַרק געטרויי־ערט אויף זייער באַליבטן פירער.

משה באַזיגט פילע קעניגס . . קעז

עמלק אַטאַקירט די אידן, ער זיגט, די אידן באַזיגן די קעניגס פון ערד, אמורי, בשן, און נאָך.

בלק און בלעם . . . . קעט

בלק קעניג פון מואב קריגט מורא פאַר די אידן, ער שיקט נאָך בלעם׳ן צו שעלטן די אידן, בלעם וויל נישט, ער שיקט אַ צווייט מאָל, בלעם קומט און בענטשט די אידן, ער עצה׳ט בלק׳ן צו אַראָפּ פירן די אידן פון דעם גלייכן וועג, דאָס איז געלינגן בלק׳ן, אידן האָבן אָן געהויבן דינען דעם אָפּגאָט בעל פעור, משה האָט געהייסן היג־ריכטן די געצן דינערס, אַ פעסט האָט אַוועק געלייגט פיר און צוואַנציג טויזנט לייט, פינחס האָט גע׳הרג׳עט בלעם׳ן, די אידן האָבן באַזיגט די מלכים פון מדין.

משה ווערט זיך געגן טויט, קפא

משה האָט געוואָלט אַריין פירן די אידן אין ארץ ישראל, די מלאכי השרת האָבן געבעטן פאַר משה׳ן אָהן דערפאָלג; משה האָט געבעטן, געקאָטשעט זיך אין אַש; דער אויבערשטער באַפעהלט נישט צו אָן נעמען זיינע תפי־סות; ער בעט צו געהן אַריין כאָטש אויף צוויי דריי יאָר, אָהן דערפאָלג; ער וויל אַריין געהן

אַלס פשוט'ער מענטש, אָהן דער־פאַלג; ער בעט צו ווערן פער־וואַנדלט אין אַ פויגל, אין אַ פיש, אָהן דערפאָלג; ער בעט די הימלן, די ערד, די שטערן, פּלאַנעטן, די בערג, דעם ים זיי זאָלן בעטן פאַר אים, אָהן דער־פאָלג; ער בעט דעם שר הפנים, אינערן מיניסטער, ער ענטפערט אים „דיינע תפילות ווערן נישט פאַרנומען"; ער שרייט, וויינט פאַלט אלעזר'ן צו די פיס, ער זאָל בעטן פאַר אים, אָבער סמאל לאָזט נישט אים; ער בעט כלב'ן, די פירשטן, די האַרן, די זיבעציג זקנים, גאַנץ ישראל, טאָמער מוז ער שטאַרבן צו מאַכן פּלאַץ פאַר יהושע'ן איז ער גרייט צו ווערן יהושע'ס תלמיד, אָהן דערפאָלג; ווען יהושע וויל נישט אים ענטפלעקן וואָס די שכינה האָט געזאָגט אים, שרייט משה אויס „בעסער הונדערט מאָל שטאַרבן איידער איין מאָל מקנא זייך"; משה און די אידן זייבעןביידע מוחל זיך קעגנזייטיג.

משה און דער מלאך המות . . קפו

דער אויבערשטער הייסט גבריאל'ן דערנאָך מיכאל'ן ברייגגן משה'ס נשמה, ביידע האָבן נישט דעם מוט; סמאל ווערט געשיקט, ער דערשרעקט זיך פאַר משה'ן, קעהרט זיך אום מיט ליידיגן; דער אויבערשטער באַפעהלט אים צו ברייגגן משה'ס נשמה, משה מאַכט אים בלינד.

משה'ס לעצטע מינוט . . . קפח

מלאכים האָבן געבעט משה'ס מטה; דער אויבערשטער האָט געהייסן אים מאַכן צו די אויגן; ער הייסט די נשמה פאַרלאָזן דעם קערפּער, זי זאָגט אָפּ; דער בעשאַפער ציט אַרויס משה'ס נשמה מיט אַ קוש; דער בעשאַפער באַערדיגט אים; ווערים האָבן קיין שליטה איבער אים; דער רוח הקודש, דער הימל, די ערד, די מלאכים און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל האָבן נאָך געזאָגט משה'ן גרויס לויב.

יעגן ספרים און ביכער .... קצב—קצו

משה רבינוים לעבן און שאַפונג

לויט תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, קבלה ליטעראַטור,
ראשונים און אחרונים

איינלייטונג

משה פֿאַרקערפּערט אין זיך אַלע אייגנשאַפֿטן וועלכע אַלע תנ״כ פּערזענלעכקייטן באַזיצן

אין דער גאַנצער תלמוד, מדרש, אגדה ליטעראַטור ווערט קיין שום תנ״כ׳ישע פּערזענלעכקייט אַזוי פֿיל פּאַביק און קאָלירפֿול געשילדערט ווי משה רבינו. אויף כמעט אַלע בלעטער פֿון דער דאָזיקער אָקעאַן ליטעראַטור ווערט דערמאָנט ניט בלויז זיין נאָמען, נאָר אויך זיין פּערזאָן ווערט בעהאַנדלט. אומצאָליק זיינען די צעזייטע און צעשפּרייטע קורץ געפֿאַסטע פֿראַגמענטאַרישע אָפּ-האַנדלונגען און באַמערקונגען אין דעם אָקעאַן פֿון דער רבנים׳שער ליטעראַטור וועלכע באַציען זיך אויף דעם פֿענאָמענאַלן פֿענאָמען משה. דורך אַלץ וואָס ווערט באַריכטעט, מיטגעטיילט וועגן דעם לעבן און שאַפֿן פֿון דעם פֿאָלקס באַפֿרייער, פֿירער, גענויער גיבער, נביא, פֿאָטער פֿון די נביאים, כהן גדול און דער רבי פֿון אַלע אידן אין אַלע דורות, זעט זיך אַ גרויסע ליידנשאַפֿט, דאָס זעלבסט-לאָזע, אומעגאָאיסטיש שטרעבן אויסצובעסערן די מענטשהייט, צו מאַכן דעם מענטש אײדעלער, גליקלעכער.

משה איז דער יעניגער, וועלכער האָט פֿון זיין פֿריסטער קינדהייט אָן ביז צו זיין לעצטן אָטעם, פֿונעם קעסטעלע אינעם ים סוף טשערעט, ביז צו זיין אומבעקאַנטן קבר אויפֿן באַרג נבו, טאָג איין טאָג אויס הונדערט און צוואַנציק יאָר נאָך אַנאַנד גע-מאַכט געשיכטע וועלכע האָט ניט איר גלייכן אין דער גאַנצער וועלט היסטאָריע. אָפּגעזען דערפֿון וואָס ער איז געווען קעניג פֿון עטיאָפּיע פֿערציק יאָר, איז ער דער באַפֿרייער פֿון דעם צוויי הונדערט און צען יאָר פֿאַרשקלאַפֿטן פֿאָלק ישראל אין מצרים, און דער גיבער פֿון דער תורה. איז עס דערפֿאַר קיין וואונדער און אויך ניט איבערטריבן ווען די אגדה ליטעראַטור שילדערט משה׳ן אין די קאָלירפֿולסטע, לעבהאַפֿטיקסטע פֿאַרבן, און באַ-קלייד אים מיט אויסערגעוויינלעכע אייגנשאַפֿטן.

די אגדה זעט אין משה׳ן די פֿאַרקערפּערונג פֿון כמעט אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון אַלע תנ״כ׳ישע פּערזענלעכקייטן צוזאַמען.

זיינען אברהם, יצחק און יעקב אונזערע שטאַם פֿאָטערס, ווערט אויך משה גערעכנט צווישן די פֿאָטערס פֿון דער וועלט.

רעד מען פון יוסף'ן אלס יוסף הצדיק, ווערט משה אנגע־רופן ניט נאר צדיק, נאר עס הייסט אז צווישן די נביאים איז ניט פאראן א צדיק ווי משה; אז ער איז די גערעכטיקייט פון די גערעכטע, יא, ער איז די צדקות, די גערעכטיקייט אליין.

איז זיין ברודער אהרן באקאנט אלס אהרן הכהן, באזיצט משה ניט נאר דעם טיטול כהן, נאר ער ווערט באצייכנט אלס דער גרינדער פון דער כהונה.

טראגן שאול, דוד, שלמה... דעם טיטול „קעניג", ווערט אויך משה אנגערופן מלך.

איז שלמה באקאנט אלס חכם, ווערט משה באצייכנט ניט נאר אלס „חכם", נאר אויך אלס „גרויסער חכם", „גרעסטער חכם", „גרעסטער חכם פון אלע חכמים", און עס איז ניט פאראן זיין גלייכן צווישן די חכמים. ער ווערט באצייכנט אלס דער ערשטער, דער פאטער, דער רבי, דער האר, דער קליגסטער פון די קליגע, דער פאטער פון דער חכמה. זיינען דאך פון די פיפציק טויערן פון פערשטאנד (שערי בינה) גאנצע נייען און פערציק געגיבן געווארן משה'ן. זיינען דאך די אלע שאץ קאמערן פון חכמה, וועלכע זיינען איבער געגיבן געווארן דעם מלאך זגנזגאל, געעפנט געווארן פאר משה'ן אויפן בארג סיני.

וואס אנבעלאנגט נבואה, איז משה ניט נאר א נביא, אדער א נביא בן נביא, ניט נאר דער האר, דער אויסדערוועהלטסטער, דער פאטער, א) דער ערשטער, דער רבי, דער געלויבטסטער פון אלע נביאים מיט וועמען דער אויבערשטער האט קיינמאל אונ־טערבראכן זיין רעדן בעת ביי די אנדערע נביאים איז דאס יא געווען דער פאל. נאר ער איז דער פאטער פון נביאות זעלבסט. אלע אונזערע נביאים האבן געזען דורך אן אומקלאר גלאז. משה, אבער, האט געזען דורך א פיין־געשליפן גלאז. אלע אנדערע נביאים זיינען קעגן משה'ן ווי לבנה שיין קעגן זון שיין.

עס איז איבערהויפט ניט פאראן א גרעסערער פון משה'ן ביי אידן. ער איז דער גרעסטער פון די גרעסטע. זיין נאמען ווערט באנוצט אלס שבועה פארמעלע. ער איז דער איינציקער וועלכער האט געוויסט דעם אויבערשטנס אלע וועגן.

א) ספרי פינחס פיסקא קלד; אבות דרבי נתן נוסחא א, פרק א, נוסחא ב, פרק א; מחרש שוחר טוב (תהלים), מזמור צ, ח; מדרש הגדול, שמות, זייטן 33, 13; סדר אליהו רבה פרק ה, כא; פרק ו, לג; פרק יג, סח; פרק יז, פג; סדר אליהו זוטא, פרק יב, קצד; מדרש לקח טוב, שמות ב, יב; מדרשי התורה ז, א־ב; ספר והזהיר, משפטים 78; דרשות ר' שם טוב, וזאת הברכה עא, א.

אגב, אברהם אבינו ווערט אן גערופן נביא, בראשית כ, ז.

דאָס אייגענע איז אויך מיט באַצוג צו פיזישער שטאַרקייט. איז שמשון באַקאַנט אַלס שמשון הגבור, גיט די אגדה ליטעראַטור אויך משה'ן דעם טיטול גיבור.

אַ חוץ די אויבען דערמאַנטע טיטולס שרייבט די אגדה צו משה'ן פאָלגענדיקע אַטריבוטן: טוב, אמת, חסד, ישר, חן, חסיד, נקי כפים ובר לבב (ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ), מחוקק (געזעץ גיבער), ספרא רבה (גרויסער שרייבער), רב גובריה (גרויסער מאַן), נבון, עשיר, איסטרט (גענעראַל, סטראַטעגיקער), און נאָך אַנדערע אַטריבוטן.

משה איז נישט בלויז דער מופתים טוער. די אגדה זעט אין דעם אויסדערוועהלטן און דעם אויבערשטנס תלמיד די איינציגע תנ"כ'ישע פערזענלעכקייט וועלכע האָט רייכלעך גענאָסן דעם אויבערשטנס כבוד. עס איז אַפילו פאַראַן אַ מיינונג אַז משה איז ניט געשטאָרבן, נאָר ער שטעהט אין הימל און באַדינט.

די אגדה זעט אין משה'ן נישט נאָר דעם פאָטער פון תורה, ווען דער אויבערשטער אליין האָט געזאָגט: „דו האָסט מיך באַלערנט", ניט נאָר דעם ווען דער אויבערשטער האָט באַשטימט אויף דער וועלט אַלס הויפּט איבער גאַנץ ישראל, און וועלכער וועט אויף יענער וועלט קומען אין דער שפּיץ פון אַלע צדיקים נעמען זיין שכר, לוין. נאָר די אגדה זעט אין אים אַפילו אַ מלאך, דעם פאָטער פון די מלאכים, אַ האַלבן גאָט, אַ גאָט, אַפילו ווען נאָר איבער פּרעה'ן!

געוויסע תנ״כ פערזענלעכקייטן באַזיצן מאַנכע אייגנשאַפטן פונקט ווי משה

לויט דער מיינונג פון דער אגדה פאַרקערפּערט משה אין זיך אַלע אייגנשאַפטן וועלכע אַלע תנ״כ׳ישע פערזענלעכ־קייטן באַזיצן. ווען מע בעטראַכט זיינע אַלע אייגנשאַפטן, זיינע אַלע קוואַליטעטן צוזאַמען, איז ער די באַדייטנדיקסטע, וויכטיקסטע תנ״כ׳ישע פערזענלעכקייט. אָבער ווען מען בעטראַכט זיינע אייגנ־שאַפטן איינציקוויז, געפינט די אגדה אַנדערע תנ״כ׳ישע פערזענ־לעכקייטן וועלכע באַזיצן די אָדער יענע אייגנשאַפט פונקט ווי משה.

אַזוי, צום ביישפיל, געפינען מיר די באַהויפטונגען אַז עס זיינען געווען קיין גרעסערע נביאים פון משה׳ן און ישעיה׳ן. אַז אין נביאות איז ישעיה געווען אַזוי גרויס ווי משה.

איז משה געווען אַ נביא און אַ כהן, זיינען אויך אהרן און שמואל געווען דאָס זעלבע.

איז משה געווען דער רבי פון די נביאים, איז אויך שמואל דאָס געווען.

ווען די תורה זאָגט אונז, אַז „עס איז נישט אויף געשטאַנען ביי אידן אַ נביא ווי משה״, זאָגט אונז די אגדה אַז ביי די אידן נישט, אָבער ביי די ניט־אידן איז יאָ געווען איינער, בלעם בן בעור, א).

א) ספרי וזאת הברכה פיסקא שנז, הוצאת אום ; מדרש תנאים על ספר דברים, חוברת ראשונה ושנייה, הוצאת האָפפמאַנן בערלין 1908־1909, זייט 227 ; מדרש במדבר רבה יד, כ ; זהר בלק קצג, ב ; מדרש אגדה עדיציע באָבער, דרוק אברהם יצחק פריעדמאַן, בלק, זייט קמד ; מדרש לקח טוב [פסיקתא זוטרתא], עדיציע אהרן משה פאַדוואַ, זייט סח, א ; ילקוט שמעוני, ענדע וזאת הברכה.

זעט אויך : זהר, ענדע פרשה שמות ; זהר חדש, אחרי מות. לח, ד ; מדרשי התורה, אסטרוג עדיציע עפּפּענשטיין, בערלין 1889, 204, 180 ; סדר אליהו זוטא [תנא דבי אליהו], עדיציע פריעדמאַן, וויען 1902, פרשה י, 191 ; ילקוט ראובני, אַמסטערדאַם, 1700, בראשית כ, א ; מיין בוך „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה״ [אין דייטש], זייט 22.

אין מאַנכע פון די פאָרגעהענדיגע קוועלן הייסט עס אַפילו אַז אין דריי זאַכן איז בלעם געשטאַנען העכער אַפילו פון משה רבינו. אָבער זעט די אויספירליכע דערקלערונג אין רמב״ן פרשה בלק כד, ד און אין דרשות ר׳ שם טוב, ווענעדיג 1552 פרשה בלק נה, ג־ד.

עס ווערט געזאָגט וועגן משה'ן אַז ער האָט ניט געקאָנט אָנזעטיקן זיך מיט מצוות. ווערט דאָס זעלבע געזאָגט אויך וועגן דוד המלך.

איז משה שקול כנגד כל ישראל, איז משה גלייך ווי דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. איז דאָס זעלבע אויך דער פאַל מיט זיין ברודער אהרן הכהן. און שמואל הנביא איז גלייך ווי זיי ביידע.

משה האָט באַהערשט זיבעציק שפּראַכן. האָט אויך מרדכי הצדיק באַהערשט זיבעציק שפּראַכן. און יוסף הצדיק האָט באַהערשט זיבעציק שפּראַכן אַ חוץ לשון הקודש.

זאָגט אונז דאָך די אגדה אַז עס איז ניטאָ אַ דור אין וועלכן עס זאָל זיך ניט געפינען איינער ווי משה.

אָט האָט דאָך משה אַליין באַטראַכט דעם תנא רבי עקיבא בן יוסף וויכטיקער פון זיך. ווען ער איז געווען אויבן האָט ער אַליין דאָך געזאָגט צום אויבערשטן: דו האָסט אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי רבי עקיבא און דו גיסט די תורה דורך מיר!

אויב משה ווערט אָנגערופן מלאך. ווערן אויך פּנחס, אהרן הכהן'ס אייניקל, און דער נביא חגי אַזוי באַצייכנט.

ווען משה איז געמאַכט געוואָרן גאָט איבער פּרעה'ן. איז דאָס זעלבע געווען דער פאַל אויך מיט זיין ברודער אהרן.

איז משה געווען דער איינציקער וועלכער האָט געקענט דעם אויבערשטנס אַלע וועגן, זאָגט דאָך אונז די אגדה אַז זאַכן וועלכע זיינען ניט אַנטפּלעקט געוואָרן משה'ן, זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן רבי עקיבא'ן.

אין מאַנכע אייגנשאַפטן שטייגן איבער געוויסע תנ"כ פּערזענלעכקייטן משה'ן

און נישט נאָר געפינט די אגדה ביי אַנדערע תנ"כ'ישע פּערזענלעכקייטן אייגנשאַפטן וועלכע זיינען ענלעך צו משה'ס. נאָר זי שרייבט אים צו אַפילו חסרונות, פעהלערן. אַט אַזוי צום ביישפּיל דערצעהלט זי אונז אַז אין פאַרלויף פון די פערציק טעג וועלכע משה איז געווען אויפן באַרג, האָט ער געלערנט תורה וואָס דער אויבערשטער אַליין האָט אונטעררייכטעט אים. ניט געקוקט דערויף, אָבער, האָט ער זי כסדר פאַרגעסן; עד כדי כך, ביז אַזוי וויים אַז דער בעשאַפער האָט זי געשענקט אים אַלס מתנה.

אַז משה'ס זכרון איז נישט שטענדיק געווען אויף דער העכסטער שטופע, באַזונדערס ווען ער איז געווען צאָרנדיק, געפינט זיך אין מעהרערע ערטער אין דער אגדה. האָט דאָך משה אַליין געזאָגט, ווען ער האָט געצאָרנט אויף אלעזר'ן און אויף איתמר'ן, „איך האָב געהערט, אָבער איך האָב פאַרגעסן". ווען דער אויבערשטער האָט געהייסן משה'ן זאָגן בצלאל'ן ער זאָל מאַכן דעם משכן, דעם ארון קודש און די כלים, האָט משה איבערגעדרייט און געזאָגט בצלאל'ן: מאַך דעם ארון קודש, די כלים און דעם משכן.

וואַרפן מיר אַ בליק אויף די דערצעהלונגען וועגן דעם מאַכן דעם משכן און די כלים, באַגעגענען מיר ענלעכע באַמערקונגען מיט באַצוג אויף משה'ן. ווען עס רעדט זיך וועגן דעם מאַכן די מנורה, הייסט עס אין דער אגדה אַז דער אויבערשטער האָט דערקלערט משה'ן ווי ער זאָל מאַכן די מנורה. ווען ער איז אַראָפּ געקומען פון אויבן האָט ער עס פאַרגעסן. ער איז אַרויף געגאַנגען נאָך אַמאָל אויבן. דער אויבערשטער האָט עס אים ווידער דערקלערט, אָבער עס איז פאַרט געווען אים שוועהר צו באַגרייפן. דער אויבערשטער האָט עס דאַן אים דערקלערט מיט דער הילף פון אַ פייער-מינץ, אָבער משה האָט עס נאָך אַלץ ניט באַגריפן. אָבער ווען משה האָט עס איבער געגיבן בצלאל'ן, האָט ער באַלד אויף געשטעלט די מנורה.

משה'ן איז עס אָנגעקומען שוועהרלעך צו באַגרייפן אויך דעם אונטערשייד צווישן ריינע און אומריינע שרצים, די נייע לבנה, שחיטה, די פּראָדוקציע פון זאַלב-אויל, די קלויען פון ריינע און אומריינע בעשאַפענישן, די קרבנות, די שקלים און פאַרבן. ביז דער אויבערשטער האָט עס געוויזן אים מיטן פינגער.

אויך די פאָלקס ציילונג איז אים אָנגעקומען שוועהרלעך ביז דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט ווי אַזוי ער זאָל עס טון.

משה (און יהושע) איז געווען איינער פון די צוויי צדיקים וועלכע האָבן ניט פערשטאַנען אַ געגיבענעם אַן ווינק. דאַגעגן דוד המלך און מרדכי הצדיק האָבן יאָ באַגריפן אַ געגיבענע אָנדייטונג.

אויך אַלס פירער האָט משה אַמאָל אַרויסגעוויזן שוואַכע מאָמענטן. ווען די אויסקוקער וועלכע ער האָט געשיקט אויסקוקן דאָס לאַנד כנען האָבן צוריק געקעהרט זיך און פאַרשפּרייט שלעכטע נאַכריכטן, און אַלס פועל יוצא, רעזולטאַט, דערפון האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבן צו מורמלען געגן אים און אהרן׳ען, זיינען משה׳ס הענט געוואָרן שלאַבעריק. און ערשט זיין שוואָגער כלב בן יפונה, מרים׳ס מאַן, האָט געראַטעוועט די סיטואַציע, די לאַגע.

די אגדה זעט אַלזאָ אין משה׳ן אַ געניאַלע פּערזענלעכקייט וועלכע האָט קיין גלייכן צו זיך. אָבער גלייכצייטיק איז משה ניט אינגאַנצן פריי פון מענטשלעכע שוואַכקייטן. משה אַליין זאָגט: „איך בין פלייש און בלוט״. און ווען די אגדה, ווי אויבן שוין דערמאַנט, געהט אַזוי ווייט און וויל זען אין משה׳ן עפּעס הימלישעס, זאָגט זי אויף אַן אַנדער אָרט: און דער אויבערשטער זאָגט צו משה׳ן „איך בין השם״. פרעגט די אגדה: פאַרוואָס עפּעס מוז עס שטעהן דאָ ׳איך בין ה׳׳? און זי ענטפערט דער הייליקער, ברוך הוא, האָט געזאָגט צו משה׳ן: כאָטש איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַ גאָט איבער פרעה׳ן, זאָלסט דו אָבער וויסן אַז איבער דיך בין איך דער אויבערשטער. איך האָב דיך ניט געמאַכט פאַר אַ גאָט אין אַלגעמיין. איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַ גאָט בלויז און נאָר איבער פרעה׳ן און איבער מעהר קיינעם.

כאָטש די אגדה האָט באַשענקט משה׳ן, דעם באַפרייער פון דעם אידישן פאָלק פון דער מצרים׳שער קנעכטשאַפט און דעם גיבער פון דער תורה, מיט פיל פאַכיקע טיטולס און פאַרשידנ־אַרטיקע אַטריבוטן, איז ער דאָך אין דער גאַנצער נאָך־תנ״כ׳ישער אידישער ליטעראַטור און אין אַלע דורות ביז היינט צו טאָג בעקאַנט אַלס **משה רבינו**, משה אונזער לערער. און עס איז פאַראַן קיין איינער וועלכער איז אָנערקענט מעהר פון משה רבינו, משה אונזער רבי, ע״ה.

פאַרגעשיכטע

פון יעקבים פטירה ביז יוספים פטירה

נאָך דעם ווי יעקב אָבינו איז נפטר געוואָרן, האָבן זיינע זין געטראָגן אים קיין חברון, אין איינקלאַנג מיט זיין לעצטן ווינטש. אויך עשו מיט זיינע אייגענע און פריינט זיינען געווען אַנוועזנד. געהייסן האָט עס אַז זיי זיינען געקומען באַווייגען יעקב'ן. אָבער אין אמת'ן זיינען זיי געקומען ניט צו לאָזן באַערדיקן יעקב'ן אין דער מערת המכפלה.

ווען יוסף האָט דאָס געזען, האָט ער געזאָגט צו עשו'ן: האָט דען ניט מיין פאָטער אָפּגעקויפט פון דיר פאַר אַ זעהר הויכן פּרייז די מערת המכפלה, ווי אויך דאָס גאַנצע לאַנד כנען מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, נאָכן זיידע יצחק'ס פטירה. עשו, וועלכער האָט געוויסט אַז יוסף איז דעמאָלט ניט געווען דערביי, האָט אָפּגעפרעגט יוסף'ס באַהויפּטונג. ער האָט עס אָפּגעלייקנט אינגאַנצן. עשו האָט געוואָלט די מערת המכפלה פאַר זיך. ער האָט געגלויבט אַז יעקב'ס זין וועלן ניט זיין אין שטאַנד צו באַווייזן די עקזיסטענץ פון אַזאַ קאָנטראַקט. האָט ער געלייקנט אין אַזאַ טראַנזאַקציע. לא היו דברים מעולם; עס הויבט זיך ניט אָן, און עס לאָזט זיך ניט אויס. „לא יער הוה, ולא דובים הוו", א). עס איז געווען קיין וואַלד, און עס זיינען געווען קיינע בערן. נישט יעקב האָט געקויפט, נישט עשו האָט פאַרקויפט. האָט יוסף באַלד געשיקט דעם פלינקן נפתלי, וועלכער האָט געקאָנט לויפן אויף שטייענדיקער תבואה און זי זאָל זיך ניט איינבויגן, קיין מצרים צו ברייננען דעם קאָנטראַקט, דעם אָפּמאָך.

ווען עשו האָט געזען דעם קאָנטראַקט און איינגעזען אַז לעגאַל האָט ער פאַרלוירן, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן, צו צראָבערן די מערת המכפלה מיט געוואַלד. עס איז ענטשטאַנען אַ קאַמף צווישן עשו'ן און די זייניקע מיט יעקב'ס זין. דער טויב-שטומער חושים, דן'ס זון און יעקב'ס אייניקל, מיט יעקב'ס אַנדערע אייניקלעך האָבן געהאַלטן וואַך איבער יעקב'ס קערפּער

א) סוטה מז, א, דריטע שורה אויבן. דער אויסדרוק „לא דובים ולא יער" געפינט זיך ניט אין תלמוד, ניט אין מדרש. ווער עס ציטירט אַזוי, ציטירט פאַלש.

אַרום הונדערט איילן פונעם שטרייט אָרט. ווען חושים איז געוואָר געוואָרן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער געכאַפּט אַ שווערד, זיך אַ לאָז געטון צום קאַמף רינג און האָט אָפּגעשניטן עשו׳ס קאָפּ. דער קאָפּ האָט זיך אַריין געקאַטשעט אין דער מערת המכפלה אריין, און יצחק האָט אים אָנגעכאַפּט. ערשט דעמאָלט האָט מען געקאָנט ברייננגען יעקב׳ן צו זיין אייביקער רו. פילע פון עשו׳ס קאַמף גענאָסן זיינען אַנטלאָפן. די איבעריקע און אויך צפו, אליפז׳עס זון און עשו׳ס אייניקל זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, און יעקב׳ס זין האָבן מיטגענומען זיי קיין מצרים.

נאָך אין יוסף׳ס לעב צייט פלעגן עשו׳ס זין צוזאַמען מיט אַנדערע מאַרגענלענדישע שטאַמען מאַכן אָנפאַלן אויף מצרים צו באַפרייען עשו׳ס לייט פון געפאַנגשאַפט. אָבער זייערע פאַרזוכן זיינען געווען דערפאָלגלאָז, און זיי האָבן אפילו פאַרערגערט די לאַגע פון די געפאַנגענע.

נאָך יוסף׳ס פטירה איז צפו׳ען און זיינע קאָלעגן געלונגען צו אַנטלויפן. זיי האָבן געזוכט שוץ אין דינהבה ביים קעניג אַנגיאַס. ער האָט אויף גענומען די פליכטלינגע מיט עהרע. און צפו׳ען האָט ער באַשטימט אַלס גענעראַל פון זיין אַרמעי. צפו האָט זיך גענומען אויסנוצען זיין שטעלע צו באַווירקן אַנגיאַס׳ן מלחמה צו האַלטן מיט מצרים און מיט די אידן צו קאָנען אַזוי אַרום נעמען נקמה פאַר זיינע ברידער.

צום אָנהויב האָט דער קעניג אַנגיאַס ניט געלאָזט זיך בעאיינפלוסן צו מאַכן דעם דאָזיקן שריט. ווייל אים איז געווען בעקאַנט די מאַכט פון די אידן. אָבער ענדלעך האָט ער נאָך געגיבן. ער האָט פערזאַמלט אַ גרויסע אַרמעי, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אויך אַ פּיפצן יאָריק אינגל מיטן נאָמען בלעם.

בלעם האָט אָפּ געשטאַמט פון עמלק׳ן. עס זיינען פאַראַן מיינונגען אַז ער איז געווען שרה׳ס אַ נעפע, פלעמיאַניק; לבן הארמי, לבן׳ס אַ זון, אַן אייניקל, און נאָך.

ער איז געווען אַ פילאָזאָף, אַ פעדאַגאָג, אַ פילאָלאָג [שפּראַכן קענער], אַן אַסטראָנאָם, דער פאַרטיידיגער פון די פעלקער פון דער וועלט, אַ גרויסער חכם, אַ גרויסער כישוף מאַכער באַנוצענדיג זיך מיט אַ פויגל מיט דעם נאָמען ידעוני וואָס מיינט ווייסן, האָט געהאַט רוח הקודש. די שכינה פלעגט רוען אַ מאָל אויף אים. ער איז געווען דער גרעסטער נביא ביי די פעלקער פון דער וועלט, האָט געגלויבט אין דעם וועלט בעשאַפער. דעם אויבערשטנס צאָרן

געדויערט א 588888טעל פון א שעה, און ער האָט געקאָנט צו טרעפן אַקוראַט די צייט.

ער האָט געהינקן אויף א פוס. ער איז געווען בלינד אויף אָן אויג, ער איז געווען א גרויסער רשע, א גרויסער שונא ישראל, אידן פיינד, האָט געיאָגט זיך נאָך כבוד, נאָך געלד, איז געווען א געמיינער כאַראַקטער.

דאָס אייזל אויף וועלכן ער איז גערימן צו בלק'ן צו שעלטן די אידן, איז געוואָרן בעשאַפן פרייטאָג פאַר נאַכט ביי דעם וועלט בעשאַף. יעקב אבינו האָט געגיבן עס אים, ער זאָל נישט גיבן שלעכטע עצות פרעה'ן געגן די אידן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

ער האָט אָן גערופן די תורה „חמדה טובה", א טייערער אוצר. ער איז געווען א בעל תשובה. ער האָט געבענטשט די אידן מיט דריי ברכות. און ער האָט זוכה געווען אַז אידן זאָלן אָן הויבן תפילת שחרית מיט זיינע ווערטער „מה טובו אוהליך יעקב, משכנותיך ישראל", ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב; דיינע וואוינונגען, ישראל.

אַנגיאַס האָט באַפוילן בלעם'ן צו מאַכן זיכער דורך כישוף ווער עס וועט געווינען די מלחמה.

בלעם האָט געמאַכט רייטערס און קריג וואָגנס פון וואַקס, וואָס שטעלן פאָר די אַרמעיען פון ביידע זייטן. ער האָט זיי אַריין געשטעלט אין וואַסער, געמאַכט פאַרשידענע צויבער קונסט שטיק מיט פאַלמען צווייגן. און די פיגורן וועלכע האָבן רעפרע־זענטירט אַנגיאַס'עס אַרמעי זיינען אַנידערגעפאַלן. ווען בלעם האָט דאָס מיטגעטיילט דעם קעניג אַנגיאַס, האָט ער אויף געגיבן דעם געדאַנק צו האַלטן מלחמה מיט מצרים.

צפו האָט פאַרלאָזט דינהבה, און ער איז אַוועק צו די כתים. די כתים האָבן אויף גענומען צפו'ען מיט גרויס כבוד. ער האָט געפירט זיגרייכע מלחמות מיט די שכנ'ישע פעלקער. ער האָט צוריק געשלאָגן אַנגיאַס'עס אַטאַקעס, און די כתים האָבן געמאַכט אים פאַר זייער קעניג.

אין דעם דרייצנטן יאָר פון זיין הערשאַפט איבער די כתים, דאָס הייסט איין און ניינציק יאָר נאָך די אידנס איינ־וואַנדערונג אין מצרים, זיינען אַנגיאַס'עס אַרמעיען ווידער בעפאַלן דאָס לאַנד פון די כתים. צפו האָט זיי צוריקגעשלאָגן, און ער האָט זיי נאָך געיאָגט ביז אַפריקע.

די לאַגע פון די אידן אין מצרים ביז משה׳ס געבורט

צוויי יאָר שפּעטער, דאָס הייסט דריי און נייציק יאָר נאָך די אידנס איין וואַנדערונג אין מצרים, איז יעקב אבינו׳ס זון לוי געשטאָרבן. אַזוי לאַנג ווי איינער פון יעקב׳ס קינדער האָט נאָך געלעבט, האָבן די אידן אין גושן גענאָסן אַלע פריי־הייטן. זיי האָבן געלעבט מיט די מצריים, מיט די עגיפּטער אין בעסטער פריינטשאַפט. עס האָבן אַפילו זיך געמערקט שפּורן פון אַסימילאַציע אינערהאַלב די אידישע רייען. נאָך יוסף׳ס פּטירה האָבן די אידן, אַ חוץ שבט לוי, אויף געגיבן אַפילו דעם ברית ציילן. און דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז משה איז געקומען, און ער האָט ווידער איין געפירט דאָס דאָזיקע געבאָט.

לוי, יעקב׳ס זון, האָט איבער געלעבט זיינע אַלע ברידער. און נאָך זיין טויט האָט די לאַגע פון די אידן אין מצרים אָנגענומען אַן אַנטקעגן געזעצטע ווענדונג. ווען די מצריים, די עגיפּטער האָבן געזען אַז יעקב׳ס אַלע זין זיינען אויסגעשטאָרבן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו פייניקן די אידן און צו פאַרביטערן זייער לעבן. דאָס האָט דער אַלמעכטיקער אַזוי מאַנעווירט אַז די פריער־דיקע ליבשאַפט פון די מצריים צו די אידן זאָל ווערן פערוואַנדלט אין האַס, אין פיינטשאַפט, כדי די אידן זאָלן שפּעטער זען זיינע ווינדערס, און זיי זאָלן וויסן אַז ער איז דער אויבערשטער פון זייערע פאָטערס, זיי זאָלן דינען אים און געהן אין זיינע וועגן.

נאָך לוי׳ס טויט האָבן די עגיפּטער צוריק געצויגן פון די אידן די פּריווילעגיעס וועלכע זיי האָבן געהאַט ביז דעמאָלט. די מצריים האָבן אַוועק גענומען פון יעקב׳ס נאָך קומענדיקע אַלע וויינגערטנער, פעלדער, הייזער, און אַנדערע פאַרמעגנס וועלכע יוסף האָט געשענקט זיי. די לאַגע פון די אידן איז געוואָרן ערגער און קריטישער פון טאָג צו טאָג.

די מצריים האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן די אידן ווי אַ געפאַר פאַר זיי און פאַר זייער לאַנד. זיי האָבן אַפּעלירט צום קעניג ער זאָל אונטער דריקן די אידן. אָבער דער קעניג האָט זיי געענטפערט: „איר זייט שוטים, נאַראָנים. ביז איצט האָבן זיי אונז דערנעהרט, און איצט זאָלן מיר זיי אונטער דריקן! אָהן יוסף׳ן וואָלטן מיר דאָך איבערהויפּט ניט געווען געקאָנט איבער־לעבן די שרעקלעכע הונגער־יאָרן!" זיי האָבן געמאַכט אים אויס קעניג. ערשט דריי חדשים שפּעטער, אויף זיין צו זאָג צו דער־פילן זייער פאַרלאַנג, איז ער באַשטיגן נאָך אַמאָל דעם טראָן.

„און עס איז אויף געשטאַנען אַ נייער מלך . . .“

אין דעם הונדערט און צוויימן יאָר נאָך ישראל'ס איין וואַנ־דערונג קיין מצרים איז פּרעה דער קעניג פון מצרים געשטאָרבן. זיין זעקס און צוואַנציק יאָריקער זון מלול האָט באַשטיגן דעם קעניגלעכן טראָן. ער האָט רעגירט פיר און ניינציק יאָר. אויך דער גאַנצער דור, די גענעראַציע פון יוסף'ס צייט איז אויס־געשטאָרבן. אַ שפּאָגל נייער דור איז אויפגעשטאַנען וועלכער האָט ניט געקענט יעקב'ס זין, און האָט נישט געוויסט פון יוסף'ס לייסטונגען פאַרן לאַנד מצרים. דעמאָלט האָבן די מצריים אָנגע־הויבן צו פאַרביטערן נאָך מעהר דאָס לעבן פון די אידן. זיי האָבן גענומען פייניקן די אידן מיט שוועהרער אַרבעט.

ווען צפו איז געוואָר געוואָרן אַז מצרים'ס אַלע העלדן, יוסף און זיינע ברידער זיינען אויסגעשטאָרבן, האָט ער באַשלאָסן צו נעמען נקמה אין די אידן. ער האָט צוזאַמען גענומען אַן אומ־צאָליקע אַרמעי, און ער האָט באַוואויגן די כתים, אדומים, ישמע־אלים און אַנדערע מאָרגענלענדישע פעלקער צו באַפאַלן מצרים. אויך בלעם איז געקומען צו אים נאָך צפו'ס זיג איבער דעם קעניג אַנגיאַס.

די עגיפּטער האָבן צוזאַמען געשטעלט אַן אַרמעי פון דריי הונדערט טויזנט מאַן. די הונדערט און פופציק אידן וועלכע האָבן געוואוינט אין גושן האָבן געוואָלט מיטציען מיט דער עגיפּטישער אַרמעי, אָבער די מצריים האָבן ניט געוואָלט זיי מיטנעמען. זיי האָבן מורא געהאַט אַז די אידן קאָנען נאָך זיי פערראַטן צו די שונאים וועלכע זיינען זייערע אַלטע שטאַם גענאָסן.

זיי האָבן געזאָגט צו די אידן: „איר בלייבט דאָ. מיר וועלן געהן קעמפן געגן די נאָך קומענדיקע פון ישמעאל'ן און עשו'ן. אינעם פאַל, אָבער, דער שונא געווינט די אויבערמאַכט, זאָלט איר איבערפאַלן זיי“. צפו האָט געהייסן בלעם'ן פעסטשטעלן מיט דער הילף פון כישוף דעם אויסגאַנג פונעם קריג, ווער עס וועט זיגן. אָבער עס איז בלעם'ן דאָס מאָל ניט געלונגען צו זען דעם רעזולטאַט.

אָבער צפו האָט זיך ניט גערעכנט דערמיט, און ער האָט אַטאַקירט מצרים. דאָס גאַנצע עגיפּטישע פאָלק האָט זיך געשטעלט געגן דעם שונא, בעת די אידן זיינען געבליבן אין גושן. די מצריים זיינען שטאַרק געשלאָגן געוואָרן. זיי האָבן אָנגעהויבן

צוריק צוטרעטן, און דער שונא האָט נאָך געיאָגט זיי ביז גושן. אויפן פאַרלאַנג פון די מצריים זײַנען די אידן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שונא.

ווי נאָר, אָבער, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן די אידן און דעם שונא, האָבן די מצריים צוריק געצויגן זיך פונעם שלאַכטפעלד און באַהאַלטן זיך, און זיי האָבן איבער געלאָזט דאָס קליינע הייפעלע אידן זיך אַליין צו ספּראַווען מיט דעם צאָלרייכן פײַנט. אָבער אָט דאָס קליינע הייפעלע, אָן ערך פון הונדערט און פיפציק לײַט, האָט דערלאַנגט דעם פײַנט אַ געוואַלדיקע נידערלאַגע, אַ צעשמעטערדיקע מפלה. דעם שונא'ס רעגימענטן זײַנען געוואָרן צעמישט, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פליען צוריק ביז וואַנען די אידן האָבן זיי נאָך געיאָגט. דעם פײַנטס פאַרלוסטן זײַנען געווען זעהר גרויסע. אָבער די אידן האָבן ניט פאַרלוירן אפילו איין מאַן. ווען די זיגערישע אידן האָבן זיך אומגעקעהרט קיין מצרים, האָבן זיי געטויט עטלעכע עגיפּטער, דערפאַר וואָס זיי האָבן זיי איבערגעלאָזט אַליין אין דער קריטישסטער שטונדע קעגן אַזאַ פיל צאָליקן פײַנט.

דער דאָזיגער העלדישער זיג פון דעם קליינעם הייפעלע אידן האָט נישט נאָר איבעראַשט די עגיפּטער, די מצריים נאָר עס האָט שרעקליך צעטומלט זיי. דער צו נאָך איז די שאַנד געווען זעהר גרויס. דער פּרעסטיזש פון דעם צו יענער צײַט מעכטיגן עגיפּטן איז געוואָרן אָפּ געמעקט און פאַרשווינדן, עס האָט שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו דער געשיכטע. און אויסער זייער אָראָפּ פאַלן אין די אויגן פון זייערע שכן'ישע פעלקער, וועלכע האָבן ביז דענצמאָל געקוקט מיט רעספּעקט אויף זיי און געציטערט אוים מורא פאַר זיי, האָט אַ שוידערליכער ציטער פאַר דער צוקונפט אָן געכאַפּט די עגיפּטער. ווער ווייסט וואָס די צוקונפט האַלט אין לאַגער פאַר זיי. און עס איז אַן אַקסיאָמאַטישער פאַקט אַז דאָס ערשטע וואָס אַ מאַיאָריטעט, אַ מעהרהייט טוט אין אַזאַ פאַל, איז צו אונטער דריקען די מינאָריטעט, די מינדערהייט. און אפשר איז עס אַזוי דערפאַר ווייל דאָס שיינט צו זיין דאָס גרינגסטע. און די עגיפּטער זײַנען געווען קיין אויסנאַם.

דער אָנהויב פון דער פערשקלאַפונג

ווען די עגיפּטער האָבן געזען ישראל'ס מעכטיקייט, האָבן זיי באַקומען גרויס אַנגסט. זיי האָבן געקריגן שטאַרק מורא. פּרעה'ס עצה גיבערס און די עלצטע פונעם פאָלק זיינען דער־שינען פאַר דעם קעניג, און זיי האָבן אים דערקלערט אַז עס איז נויטיק צו געפינען אַ פּלאַן צו פאַרטיליקן די אידן ביסלעכוויי, שטופנוויז. זיי האָבן גע'טענה'ט אַז „אין פאַל פון אַ מלחמה קאָנען די אידן נאָך אויסנוצן זייער העלדישקייט לטובת דעם שונא, צוגונסטן דעם פיינט, און באַקעמפן אונז". דערויף האָט פּרעה זיי געענטפערט: „דאָס איז מיין עצה. און פון דעם ווען מיר ניט אָפּווייכן, אָפּטרעטן. פּיתום און רעמסס זיינען ניט גענוג שטאַרק. מיר מוזן באַפעסטיקן די דאָזיקע ערטער. שיקט אַרויס אַ קעניגלעכן באַפעהל איבער דעם גאַנצן לאַנד מצרים און אין גושן, אַז אַלע איינוואוינער זאָלן זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער אַרבעט. יעדער איינער וועט באַקומען זיין טעגלעכן לוין. ווען די אידן וועלן קומען צו דער אַרבעט, זאָלט איר זיי צאָלן דעם טעגלעכן לוין אַ לענגערע צייט. איר, אָבער, זאָלט זיך שטופנוויז ציען צוריק פון דער אַרבעט, און מאַכן זיך פאַר זייערע היטער און אויפזעהער. שפּעטער זאָלט איר אויפהערן זיי צו צאָלן דעם טעגלעכן לוין. טאָמער וועלן זיי ניט וועלן אַרבעטן, זאָלט איר זיי צווינגען דערצו. אונזער לאַנד וועט באַפעסטיקט ווערן דורך דעם, און אין דער זעלבער צייט וועלן די אידן ווערן אָפּגעשוואַכט. ווייל דאָס וועט שטעהרן און פאַרמינערן זייער פאַרהייראַט לעבן".

פּרעה'ס לייט האָבן אויף גענומען די דאָזיקע כיטרע, שלויע עצה מיט אָפּלאַדיסמענטן, און זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן זי צו פאַרווירקלעכן. פּרעה אַליין האָט געלאָזט אויף הענגען אַ ציגל אויף זיין האַלז, כדי טאָמער וועט אַ איד זיך קווענקלען צו באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט, וועט מען אים זאָגן: ביזט דו דען אפשר איידעלער פון פּרעה'ן!" האָבן אַלע אידן באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט. זיי האָבן אָנגעהויבן ווי לוין אַרבעטער וועלכע מוזן אויספאָלגן זייער הערשערס באַפעל. און ניט לאַנג נאָך דעם האָבן זיי שוין געמוזט אַרבעטן אַלס שקלאַפן. אַזוי זיינען זיי געפאַלן אַ קרבן צו דער כיטרעקייט פון זייערע מיט-בירגער וועמענס עלטערן יוסף האָט געראַטעוועט פון אַ זיכערן הונגער־טויט, און טאַקע זיי אַליין האָבן די אידן געראַטעוועט פון דעם פיינטס שווערד. די לויים האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער אַרבעט,

ווייל זיי האָבן ניט געלאָזט אַריין נאַרן זיך פון דער עגיפּטישער כיטרעקייט אין דער שקלאַפן-נעץ. די עגיפּטער האָבן געלאָזט זיי צורו אויף שפּעטער, ווייל זיי האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דעם סאַמע אָנהויב.

נאָך זעכצן חדשים האָט מען שוין ניט געזען אָן עגיפּטער ביי דער אַרבעט. די אַרבעט איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. דער קעניג האָט פאַרבאָטן די אידן צו שלאָפן אין דער היים, זיי זאָלן ניט ברייננען קינדער אויף דער וועלט. די אידן האָבן גערופן זייער קעניג מלול, „מרור", ביטער. ווייל אונטער זיין הערשאַפט האָבן די מצריים פאַרביטערט זייער לעבן דורך שקלאַפעריי.

מע האָט אָנגעהויבן נעמען אויך פרויען צו דער אַרבעט. די פרויען האָט מען געגיבן אַרבעט וואָס וועדט געטון געווייגלעך ביי מענער. און די מענער האָט מען געגיבן אַרבעט וואָס פרויען טוען געוויינלעך. נאָך גרויזאַמערע גזרות האָט פרעה אַרויסגעגיבן אויף די פערשקלאַפטע אידן, ווען מע האָט געריכט זיך אויף אַ מלחמה צווישן אדום און כתים וועלכע האָט געקאָנט פירן צו אַ צווייטן אָנפאַל אויף מצרים. אָבער ניט געקוקט אויף אָט די אַלע גזרות און גרויזאַמע באַפעהלן, האָבן די אידן וועלכע האָבן געפירט אַ ריין, זיטלעך לעבן, זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. יעדע פרוי האָט געבאָרן מעהרערע קינדער אויף אַמאָל.

נישט נאָר האָבן די אידישע פרויען געבאָרן צווילינגע, נאָר אויך דריילינגע, פירלינגע, פינפלינגע און אַפילו זעקסלינגע.

עס ווערט אויך געזאָגט אַז אַ פרוי האָט געבאָרן ששים רבוא, נעמליך זעקס הונדערט טויזענט קינדער אויף אַ מאָל. אָבער דאָס מיינט יוכבד'ן וועלכע האָט געבאָרן משה'ן וועלכער איז געגליכן צו זעקס הונדערט טויזענט אידן.

פרעה׳ס עצה גיבערס: יתרו, בלעם, איוב

און עס איז געשעהן הונדערט און פינף און צוואנציק יאר נאך די אידנס איין וואנדערונג אין מצרים, ווען די מצריים האבן געזען אז ניט געקוקט אויף דער פערשקלאפטער ארבעט האלטן די אידן אין איין פארמעהרן זיך, זיינען די עלצטע און קלוגע לייט פון מצרים געקומען צום קעניג פרעה, און זיי האבן געזאגט צו אים: „מיר האבן געפאלגט דיין עצה, אבער וואס שווערער מיר פערשקלאפן זיי, אלץ מעהרער מעהרן זיי זיך. זע, דאס גאנצע לאנד איז דאך פול מיט זיי. אלזא, קעניג, די אויגן פון אלע עגיפטער זיינען געריכטעט אויף דיר, דו זאלסט גיבן זיי אן עצה ווי צו פארניכטן די אידן". אבער דער קעניג האט זיי געענטפערט: „איצט זאגט איר ווי אזוי מע קאן דערגרייכן דעם דאזיקן ציל".

האט איוב פון עוץ זיך אנגערופן, און ער האט געזאגט: „דיין באפעהל צו פערשקלאפן די אידן, האט אונזער פולשטענדיקע צושטימונג. אבער לויט אונזער מיינונג דארפסט דו ארויסגיבן אויך א באפעהל צו טויטן יעדער ניי געבוירן אידיש אינגעלע. דער דאזיקער באפעל וואלט באדארפט ארויסגעגיבן ווערן צו די באבעס".

די דאזיקע עצה איז געפעלן געווארן דעם קעניג. ער האט געשיקט רופן די אידישע באבעס שפרה און פועה (יוכבד און מרים, א), און ער האט געזאגט צו זיי: „ווען א אידישע פרוי וועט געבארן א אינגעלע זאלט איר עס טויטן, אויב עס איז א מיידעלע זאלט איר עס לאזן לעבן".

אבער די הימלס פורכטיקע אידישע באבעס האבן אין גאנצן איגנארירט דעם קעניגס באפעהל. זיי האבן זיך געטראכט אין הארצן: אונזער פאטער אברהם פלעגט שפייזן דורך רייזנדיקע, דורך גייענדיקע כאטש זיי זיינען געווען געצנדינערס. זאלן מיר, נישט גענוג וואס מיר שפייזן זיי ניט, זאלן מיר זיי נאך טויטן! מיר וועלן לאזן זיי לעבן. און אויפן ארט פון טויטן זיי, האבן זיי באזארגט די אינגלעך מיט שפייז.

ווען דער קעניג איז געוואר געווארן אז זיין באפעהל ווערט ניט אויסגעפירט, האט ער געשיקט נאך אמאל רופן די באבעס

א) משה׳ס מוטער און שוועסטער.

צו זיך, און ער האָט זיי געפרעגט: „פאַרוואָס לאָזט איר לעבן די קינדער?" און די באָבעס האָבן אים געענטפערט: „דאָס אידישע פאָלק איז אין דעם פּרט ווי חיות. זיי דאַרפן קיינע באָבעס. די אידישע פרויען זיינען ניט ווי די עגיפּטישע פרויען. זיי האָבן דאָס קינד נאָך איידער די באָבע קומט". פרעה האָט זיי געגלויבט, און ער האָט נישט געלאָזט באַשטראָפן זיי. און דער פאָטער אין הימל האָט באַלוינט די באָבעס פאַר דעם. עס זיינען אַרויס געקומען פון זיי לויים, כהנים און מלכים. יוכבד האָט געבאָרן דעם לוי משה, און דעם כהן אהרן; און פון מרים'ן איז אַרויס געקומען דאָס הויז פון דוד. און אויך בצלאל, וועלכער איז געווען פול מיט חכמה, האָט אָפּגעשטאַמט פון מרים'ן.

פינף יאָר שפּעטער, הונדערט און דרייסיק יאָר נאָך די אידנס איין וואַנדערונג אין מצרים, האָט פרעה גע'חלום'ט ווי ער זיצט אויף דעם טראָן. פאַר אים שטעהט אַן אַלטער מאַן מיט אַ וואָג אין דער האַנט. ער האָט אויף געהאָנגען די וואָג. ער האָט געבונדן אַלע עלצטע, פירשטן און גרויסע לייט פון מצרים און אַרויף געלייגט זיי אויף איין וואָגשאָל. אויף דער אַנדערער וואָגשאָל האָט ער אַרויף געלייגט בלויז איין לעמעלע. און די וואָגשאָל מיטן לעמעלע האָט אַראָפּ גענידערט, האָט איבער געוואויגן די צווייטע וואָגשאָל.

ווען פרעה האָט זיך אויף געכאַפּט, האָט ער געלאָזט רופן אַלע קלוגע לייט. ער האָט דערצעהלט זיי דעם חלום, און געפאָדערט אַן אויסטייטשונג, אַ באַשייד. האָט בלעם, וועלכער איז אַנטלאָפן קיין מצרים נאָך צפו'ס טויט, געזאָגט: „דאָס באַדייט אַז אַ גרויס אומגליק וועט קומען אויף דעם לאַנד מצרים. ביי די אידן וועט געבאָרן ווערן אַ אינגל, וועלכער וועט פאַרוויסטן גאַנץ מצרים. ער וועט פאַרניכטן מצרים'ס איינוואוינער, און ער וועט אַרויס פירן די אידן פון מצרים מיט אַ שטאַרקער האַנט".

די דאָזיקע אויסטייטשונג האָט געטראָפן פרעה'ן ווי אַ דונער. און ער האָט אויס געשריען: „נו, וואָס זאָלן מיר טון איצט? וואָס מיר האָבן געטון ביז איצט איז געווען אַ דורכפאַל. גיב דו אַן עצה ווי אַזוי בייצוקומען זיי". האָט בלעם זיך אָנגערופן, און ער האָט געזאָגט צו פרעה'ן: „רוף דיינע צוויי ראַטגיבערס. לאָמיר הערן צוערשט זייער מיינונג. דערנאָך וועט רעדן דיין קנעכט". האָט דער קעניג געלאָזט רופן רעואל'ן (יתרו'ן) און איוב'ן פון עוץ.

אויף געפאָדערט צו רעדן האָט רעואל געראָטן דעם קעניג צו לאָזן די אידן צורו, ווייל ווער עס טשעפּעט מיט זיי, דער

ווערט באשטראפט. „דו ווייסט דאך", האט געזאגט רעואל צו פרעה'ן, „מיט וואס פאר א פלאגן דיין פארגעגנער פרעה איז גע־שלאגן געווארן ווען ער האט געוואלט נעמען אוועק שרה'ן פון אברהם'ן. דאס זעלבע האט אויך פאסירט מיט אבימלך'ן ווען ער האט געוואלט נעמען אוועק שרה'ן פון אברהם'ן. אויך זייער פאטער יעקב איז גערעטעוועט געווארן פון זיין ברודער עשו'ס לוסט צו טויטן אים. זע, דיין זיידע פרעה האט אפילו דערהויבן יוסף'ן צום העכסטן כבוד פאר זיין ראטעווען גאנץ מצרים פון א זיכערן הונגער טויט. און טאקע א דאנק דעם האט מען דאך געגיבן די אידן די גושן געגענט וואו זיי זאלן לעבן אין פרידן. פארפאלג זיי ניט. אויב, אבער, דו ווילסט ניט האבן זיי אין דיין לאנד, לאז זיי פארלאזן דאס לאנד. זאלן זיי ציען קיין כנען, אינעם לאנד פון זייערע אור עלטערן".

ווען פרעה האט געהערט די דאזיקע ווערטער האט זיין צארן זיך צעברענט אין אים. גלייך דערויף האט רעואל (יתרו) פארלאזט דאס לאנד מצרים. ער האט זיך אומגעקעהרט אין זיין פאטערלאנד מדין, און ער האט מיטגענומען יוסף הצדיק'ס שטעקן.

ווען דער קעניג האט געפרעגט איוב'ן וואס ער האט צו זאגן, האט ער געענטפערט אים: „אלע איין וואוינער פון דעם לאנד זיינען אין דיין האנט. טו ווי דו פארשטעהסט.

האט פרעה אויף געפאדערט בלעם'ן ער זאל אויסערן זיין מיינונג. און בלעם האט גענומען דאס ווארט: „אה, קעניג, אלע פארזוכן בייצוקומען די אידן וועלן דורכפאלן. דו וועסט זיי נישט פארניכטן דורך פייער. ווייסן מיר דאך אז זייער פאטער אברהם איז אפילו אין קאלך אויוון ניט געווארן פארצעהרט".

„אויב דו דענקסט אז דו קאנסט אומברענגען זיי מיט דער שווערד, האסט דו א גרויסן טעות. אט איז דאך זייער פאטער יצחק ניצול געווארן פונעם מעסער, און א ווידער איז געאפ־פערט געווארן אויף זיין ארט".

„אויך דורך שוועהרע ארבעט וועסט דו נישט פארמינערן זיי. אט האט דאך לבן פארשקלאפט זייער פאטער יעקב, און יעקב איז ארוים גאנץ, פערפעקט".

„אלזא, אה קעניג, הער אוים מיין עצה. גיב ארוים א באפעהל אז פון היינט אן זאלן זייערע ניי געבוירענע אינגלעך ווערן דער־טרונקען. נאר אויף דעם דאזיגן אופן וועסט דו קאנען זיי פארטי־ליקן, ווייל קיינער פון זיי, און קיינער פון זייערע אור־פאטערס איז ניצול געווארן פון וואסער".

דעם קעניג איז געפעלן געוואָרן די דאָזיקע עצה, און ער האָט באַלד אַרויס געגיבן דעם דאָזיקן באַפעהל.

אין דער דאָזיקער פאַרצווייפלטער לאַגע האָבן די אידן זיך געשייד פון זייערע פרויען. אַנדערע ווידער זיינען געווען ביי דער מיינונג אַז דער אויבערשטער וועט ניט לאָזן אונטער־געהן זייער געשלעכט, און זיי זיינען געבליבן מיט זייערע פרויען. ווען די צייט פון געבורט איז געקומען איז די פרוי העלדיש אַוועק אין פעלד אַריין און האָט דאָרט געבאָרן דאָס קינד, און עס געלאָזט אויף דעם אויבערשטנס באַרוט. און דער וועלכער האָט געשוואוירן זייערע אור־פאָטערס אַז זייערע נאָך קומענדיקע וועלן זיך פאַרמעהרן, האָט אַראָפּגעשיקט אַ מלאך פונעם הימל צו וואַשן, זאַלבן און וואַרעמען דאָס קינד. ער האָט אַריין געלייגט צוויי שטיינדלעך אין דעם קינדס הענט. פון איין שטיינדל האָט דאָס קינד געזויגן מילך, און פון דעם אַנדערן האָניק. ער האָט געמאַכט וואַקסן לאַנג דעם קינדס קאָפּ־האָר עס זאָל זיך אַרום־וויקלען דערמיט. דאַן האָט די ערד זיך געעפנט און האָט פאַר־שלונגען און פאַרבאָרגן דאָס ניי געבוירענע אינגעלע, און אַזוי עס אויסבאַהאַלטן ביז עס איז געוואָרן גרויס. די אינגעלעך האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד ווי וואַלד און פעלד געוויקסן. ווען די עגיפּטער זיינען געוואָר געוואָרן דערפון פלעגן זיי איבער־אַקערן די פעלדער, אָבער זייער מי איז געווען אומזיסט. נאָך דעם ווי די קינדער זיינען געוואָרן גרויס, האָט יעדער איינער זיך אומגעקערט צו זיינע עלטערן.

אין צווישן איז פרעה׳ס באַפעהל געוואָרן שטרענגער אָפּגע־היט פון טאָג צו טאָג. פרעה׳ס אויפזעהערס זיינען געגאַנגען טאָג איין טאָג אויס קיין גושן. זיי האָבן געריסן מיט געוואַלד די ניי געבוירענע אינגעלעך פון זייערע מוטערס שויסן, און זיי האָבן זיי געוואָרפן אָהן רחמנות אין טייך אַריין.

משה'ס אָפּשטאַם

אין דער צייט ווען יעקב מיט זיינע קינדער און קינדס־קינדער האָבן געצויגן קיין מצרים, איז זיין זון לוי'ן געבאָרן געוואָרן אַ טאָכטער, נאָך איידער זיי זיינען אריין געקומען אין דער הויפּט־שטאָט. ער האָט איר אַ נאָמען געגיבן יוכבד (הימלישע שעהנקייט), ווייל איר פּנים האָט אויס געזעהן ווי דער גלאַנץ פון דער הימלישער הערליכקייט. שפּעטער האָט עמרם גענומען יוכבד'ן, וועלכע איז געווען זיין פאָטערס שוועסטער, פאַר אַ ווייב. יוכבד האָט געבאָרן אַ טאָכטער, וועלכער זיי האָבן אַ נאָמען געגיבן מרים, ווייל אין יענע טעג האָבן די מצריים פאַרביטערט [מר] די אידן דאָס לעבן; און אַ זון, וועלכן זיי האָבן אַ נאָמען געגיבן אהרן, געמלעך אָה הרון, ווי דער שוואַנגערשאַפט, ווייל אין דער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט האָט פרעה אָנגעהויבן פאַרגיסן דאָס בלוט פון די אידישע אינגעלאַך.

יוכבד איז געווען איינע פון די זיבעציג נפשות פון יעקב אבינו'ס הויז געזונד, וועלכע זיינען געקומען מיט אים קיין מצרים.

זי ווערט אָן געראָפן אויך יהודיה, ווייל זי האָט אויף געשטעלט יהודים, אידן פאַר דער וועלט. און זי האָט געהייסן אויך שפרה, ווייל אַלס באַבע פלעגט זי מאַכן שעהן דאָס קינד. לויט אַן אַנדער מיינונג האָט זי געהייסן שפרה, ווייל אין איר צייט האָבן די אידן געפרוכטבאַרט און געמעהרט זיך.

יוכבד האָט זוכה געווען אַז עס זאָלן אַרויס קומען פון איר כהנים און לויים.

זי האָט אויך זוכה געווען אַז די תורה זאָל ווערן גערופן אויף איר זונס נאָמען, „תורת משה", ווייל זי [און איר טאָכטער מרים] האָט געהאַט מורא פאַר דעם אויבערשטן, און זי האָט נישט אויס געפאָלגט פרעה'ס באַפעהל צו הרג'ענען די נייע געבאָרענע אינגעלאַך.

יוכבד האָט געהאַט חתונה מיט עמרם'ן, ווייל עס האָט בעדאַרפט אַרויס קומען פון זיי דער אויס לייזער פון די אידן, משה רבינו.

עמרם איז געווען קהת'עס זון, לוי'ס איינִיקל און יעקב'ס אור איינִיקל. ער האָט געקענט יעקב'ן. ער ווערט באַצייכענט אַלס „גדול הדור". ער ווערט אָן גערופן „נביא". דער אויבערשטער האָט ענטפּלעקט זיך צו משה'ן מיט עמרם'ס קול.

עס איז כדאי צו באַמערקן אַז עמרם איז געוואָרן געבאָטן אין מצרים „במצות יתירות״, מיט ספּעציעלע מצוות.

עמרם און יוכבד זיינען געווען אויך די עלטערן פון מרים, וועלכע איז געווען אַ נביאה, און זי האָט זוכה געווען עס זאָלן קומען אַרויס פון איר מלכות, דוד המלך, און בצלאל וועלכער איז געווען פול מיט גייסט, חכמה, פערשטאַנד און וויסן; און אויך פון אהרן הכהן, פון וועמען עס האָט אָן געהויבן זיך [אָפּיציעל] די כהונה.

יוכבד האָט געהאַט אויך צוויי זין אלדד און מידד פון אליצפן׳ען בן פרנך.

ווען פרעה האָט אַרויס געגיבן דעם באַפעל צו וואַרפן יעדער ניי געבאָרן אינגעלע אין טייך אַריין, האָט עמרם, וועלכער איז געווען פאָרזיצער פון דעם סנהדרין, אַוועק געשיקט זיין פרוי, בכדי ער זאָל ניט האָבן מעהר קינדער. יוכבד איז שוין אָבער דעמאָלט געווען שוואַנגער. אַלע אידן האָבן אים נאָך געטון. אין יענע טעג איז געקומען אַ הימלישע שטימע איבער מרים׳ן און זי האָט נביאות געזאָגט:

„ביי מיינע עלטערן וועט אַמאָל חערן געבאָרן אַ זון, וועלכער וועט ראַטעווען דאָס פאָלק ישראל פון די הענט פון די מצריים״...

זי האָט זיך געווענד צו איר פאָטער און געזאָגט:

„דיין גזירה איז גרוייזאַמער פון פרעה׳ס. פרעה וויל פאַר־טיליגן נאָר די זכרים. דיין באַשלוס אָבער מאַכט פאַר די אידן אום מעגלעך יעדע נאָך קומענשאַפט״.

עמרם האָט געפאָלגט זיין דעמאָלט זעקס יאָריקע טאָכטער, און ער האָט צוריק גענומען זיין פאַרשטויסענע פרוי. די דעמאָלט הונדערט און דרייסיק יאָריקע יוכבד האָט אָנגעהויבן ווידער צו בליען מיט יוגנטלעכער שעהנקייט. עמרם האָט געפירט זי אויפסניי אונטער דער חופה. מרים און אהרן האָבן געטאַנצט פאַר זיי, און די מלאכי השרת האָבן געזאָגט: „אם הבנים שמחה הללוי־ה״, אַ פרעהליכע מוטער פון קינדער.

ווען יוכבד האָט צוריקגעקערט זיך, איז זי שוין געווען דריי חדשים שוואַנגער. די מצריים האָבן גערעכנט איר שוואַנגער־שאַפט זינט איר צוריק קעהר, א).

א) לויט אַן אַנדער מיינונג האָט עמרם גענומען צוריק יוכבד׳ן אין דעם דריטן יאָר נאָך זיין אַוועק שיקן זי. זעט מיין בוך „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה״ [אין דייטש], זייט 45, נאָטע 149.

משה אין מצרים, ערשטער פעריאָד

געבורט

מיטוואָך, דעם זיבעטן טאָג אין אדר,א) נאָך דער דריטער מאָרגן שטונדע, אין דעם יאָר 2365 נאָך דער וועלט שאַפונג, איז משה געבאָרן געוואָרן. אין דעם אויגנבליק, ווען דאָס קינד האָט דערזעהן דעם שיין פון דער וועלט, איז דאָס גאַנצע הויז געוואָרן פול מיט ליכט־שיין גלייך ווי דער שיין פון דער זון און פון דער לבנה. משה איז געוואָרן געבאָרן אַ גע'מל'טער און איז געווען פון אויסער געוויינלעכער שעהנקייט. פון דעם האָבן זיינע עלטערן דערקענט די צוקונפטיקע מיסיע, וועגן וועלכער זייער טאָכטער האָט נביאות געזאָגט. זיי האָבן אים גערופן „טוב", אָדער „טובי־ה", דער אויבערשטער איז גוט.

צו ראַטעווען דאָס קינד פון פרעה'ס גרויזאַמן באַפעהל האָבן די עלטערן באַהאַלטן אים דריי חדשים לאַנג אין אַ קעלער. מעהר אָבער פון דריי חדשים האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרבאָרגן אים, ווייל נאָך דער דאָזיגער צייט האָבן די מצריים פאַרדעכטיקט יוכבד'ס אַנטבינדונג. און אַ חוץ דעם פלעגן די מצריים ברענגען זייערע זויגלינגע אין די אידישע הייזער, און זיי האָבן זיי געמאַכט צו

א) סוטה יב, ב; קידושין לח, א; מגילה יג, ב; סדר עולם רבה, פרק י; אגדת אסתר, פרשה ג, סימן ו, עדיציע באָבער; תוספתא סוטה פרק יא; [פערגלייכט אגדות התנאים, עדיציע היגער]; מדרש שמות רבה פרשה א, סימן כט; מדרש תנחומא ואתחנן סימן ו; תנחומא עדיציע באָבער דברים ענדע פרשה ואתחנן; מדרש תנאים, עדיציע האָפפמאַנן, זייט 227; מדרש ילמדנו ואתחנן יא, עדיציע גריגהוט; ילקוט שמעוני שמות רמז קסו, דברים רמזים תתכא און תתקסה; רבינו בחיי פרשיות שמות ב, ב, וילך לא, ב; תרגום יונתן בן עוזיאל דברים לד, ה; מדרש לקח טוב [פסיקתא זוטרתא] שמות ב, יא און דברים זייט 135; ספרי דאגדתא, עדיציע באָבער זייט 99; דרש לפטירת משה רבינו ע"ה אין דברי הימים של משה רבינו מח, א עדיציע גאַאומין און פערגלייכט אוצר מדרשים, אייזענשטיין.

אָבער לויט: מדרש אסתר רבה פרשה ז איז משה געוואָרן געבאָרן דעם ערשטן אדר; לויט כפתור ופרח 47 — דעם זעקסטן אדר; אין שלשלת הקבלה איז פאַראַן אַ מיינונג — דעם זיבן און צוואַנציגסטן טאָג אין ניסן.

זעט: ווייטער זייט קצ, נאָטע ב; מיין בוך „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה" [אין דייטש], זייט 49, נאָטע 157 און זייט 146, נאָטע 612.

וויינען. ווייל ווען אַ קינד הערט די שטימע פון אַן אַנדער קינד, הויבט עס אויך אָן צו וויינען. פּרעה האָט אויך אויף געשטעלט הייזער פאַר די מצריים אין די אידישע געגענטן, בכדי זיי זאָלן ווערן געוואָר גיך פון די ניי געבאָרענע אידישע קינדער. עמרם און יוכבד האָבן דאַן באַשלאָסן ליבער איבערצולאָזן דאָס קינד אויף דעם אויבערשטנס באַרוט, איידער עס צו געטרויען דער אומזיכערער באַהעלטעניש. יוכבד האָט גענומען אַ קעסטעלע פון ראָר, האָט עס באַשמירט מיט פעך פון דרויסן, און אינעווייניק האָט זי עס באַדעקט מיט ליים. זי האָט אַריין געלייגט דאָס קינד אין דעם קעסטעלע, און האָט עס אַרונטערגעלאָזט ביי דעם ברעג פון דעם טייך. זיין שוועסטער מרים האָט אַוועק געשטעלט זיך פון דערווייטן צו זען וואָס עס וועט געשען.

אין יענע טעג, פלעגט פּרעה׳ס טאָכטער, וועלכע האָט געהייסן בתי־ה (דעם אויבערשטנס טאָכטער, ווייל זי האָט גערופן משה׳ן איר זון) געהן צום וואַסער היילן איר קרעציקן קערפּער, אין דער באַגלייטונג פון אירע דינסטן. אַזוי גיך ווי זי האָט דערזען דאָס קעסטעלע, האָט זי געשיקט איר דינסט זי זאָל עס נעמען. ווען זי האָט אויף געעפנט דאָס קעסטעלע, האָט זי דערזען אַ קינד, אַ אינגעלע, וואָס האָט געוויינט מיט דער שטימע פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן. די פּרינצעסין האָט זיך דערבאַרעמט אויף אים און זעהר ליב געקריגן. ווייל אַזוי ווי זי האָט נאָר באַרירט דאָס קעסטעלע, איז איר קרעציקער קערפּער אויס געהיילט געוואָרן. די אַנוועזנדיקע עגיפּטישע פרויען האָבן געוואָלט זויגן דאָס קינד. אָבער עס האָט ניט געוואָלט זויגן פון אַ ניט אידישער אַם. מרים האָט פאָרגעשלאָגן דער פּרינצעסין צו רופן אַ אידישע אַם. דער פאָרשלאָג איז געפעלן דער פּרינצעסין, און מרים איז געלאָפן און האָט גערופן יוכבד׳ן, דעם קינדס מוטער. די פּרינצעסין האָט איר געגיבן דאָס קינד צו זויגן, און האָט איר צוגעזאָגט זי צו באַלוינען. יוכבד האָט אַ היים גענומען דאָס קינד און האָט געזויגן עס צוויי יאָר.

קינדהייט

אין דעם טאג פון זיין געבורט האט דאס קינד געקאנט שטעהן אויף זיינע פיס און רעדן מיט זיינע עלטערן. אין עלטער פון דריי חדשים האט ער שוין נביאות געזאגט. אזוי ווי דאס קינד איז פאר זיין עלטער געווען אויסער געוויינלעך גרויס און קרעפטיק, האט יוכבד אנטוויינט אים נאך צוויי יאר און אים צוריק געבראכט צו דער פרינצעסין. דעם קעניגס טאכטער האט אים אדאפטירט אלס קינד, און האט אים א נאמען געגיבן משה, „ווייל", האט זי געזאגט, „פון דעם וואסער האב איך אים ארויס געצויגן".

משה האט געהאט נאך א גאנצע רייע אנדערע נעמען. זיין פאטער האט אים גערופן חבר, ווייל פון זיינעטוועגן האט ער זיך נאך אמאל „באהעפט" מיט זיין ווייב. זיין מוטער האט גערופן אים „יקותיאל", ווייל איר „האפענונג איז געווען אויפן אויבערשטן". זיין שוועסטער מרים האט אים גערופן „ירד", ווייל זי האט „אראפ גענידערט" צום טייך צו זען זיין שיקזאל. זיין ברודער אהרן האט אים גערופן „אביזנוח", ווייל זיין פאטער, וועלכער האט אוועק געשיקט יוכבד'ן, האט זי ווידער צוריק גענומען בכדי דאס קינד זאל ווערן געבארן. זיין זיידע, קהת, האט אים גערופן „אבי גדר", ווייל דער פאטער אין הימל האט „גוט געמאכט" דעם לאך אין ישראל, ווען ער האט אים געראטעוועט. זיין אם האט אים גערופן „שמעיה בן נתנאל", ווייל אין זיינע טעג וועט דער אויבערשטער „הערן" דאס זיפצן פון די אידן. און ער וועט זיי העלפן פון זייערע אונטער דריקער, און דורך אים וועט ער „גיבן" די תורה. אבער ער איז באקאנט נאר אונטער דעם נאמען משה, וועלכן בתי־ה האט געגיבן אים, און אפילו דער אויבערשטער אליין האט קיינמאל גערופן אים אנדערש

בתי־ה האט זעהר ליב געהאט דאס קינד. זי האט איב געהאלזט און געקושט און אים קיינמאל ארויס געלאזט פון דעם קעניגלעכן פאלאץ. א דאנק זיין אויסער געוויינלעכער שעהנקייט האבן אלע ליב געהאט אים, און יעדערער האט געוואלט זען אים. און ווער עס האט אים געזען בלויז איין מאל, האט זיך שוין ניט געקאנט אפרייסן פון אים. אויך פרעה איז געווען באגייסטערט פון משה'ס שעהנער און גראדער וואוקס, און ער האט אים זעהר ליב געהאט. אט אזוי האט די פרינצעסין דערצויגן אינעם קעניג־לעכן הויף צוזאמען מיט די אנדערע קעניגלעכע פרינצן דעם

יעניקן, וועלכער וועט אַמאָל אָפּרעכענען זיך מיט איר פּאַטער און מיט די מצריים פאַר זיין פאָלק ישראל.

ניט נאָר האָט משה'ס קערפּערלעכע אַנטוויקלונג איבערגע־יאָגט זיינע יאָרן, נאָר אויך זיינע גייסטיקע פעאיקייטן זיינען געווען פון אויסער געוויינלעכער נאַטור. ווי אויבן געזאָגט, האָט ער שוין צו דריי חדשים גביאות געזאָגט. אַלס קליין קינד האָט ער שוין געוויסט אָנצודייטן זיין גלאָררייכע צוקונפט ווי אויך פרעה'ס נידערלאַגע.

עס איז געווען אין זיין דריטן לעב יאָר. ער איז דאַן געזעסן אויף בתי־ה'ס שויס אין קעגנוואַרט פון דער קעניגין אלפּרענית, בלעם דער זון פון בעור און אַנדערע גרויסע מלוכה לייט. האָט ער אַראָפּ גענומען די קרוין פון דעם קעניגס קאָפּ און האָט אַרויף געלייגט זי זיך אויפן קאָפּ.

די דאָזיקע טאַט האָט זעהר צעשראָקן דעם קעניג. ער האָט געפרעגט זיינע מלוכה לייט אַן עצה. האָט בלעם אָנגערופן זיך און געזאָגט:

„אָה, קעניג! געדענקסט, דו האָסט אַמאָל גע'חלום'ט ווי דו זיצט אויף דעם טראָן און פאַר דיר שטעהט אַן אַלטער מאַן מיט אַ וואָג אין האַנט. דער מאַן בינד אַלע מצריים און זייערע פירשטן און די גרויסע לייט פונעם לאַנד, און ער לייגט זיי אַרויף אויף איין וואָגשאָל. און אויף דער אַנדערער וואָגשאָל לייגט ער אַרויף ניט מעהר ווי איין לעמעלע. און דאָס לעמעלע האָט איבער געוואויגן.

איך האָב דיר בעשייד דעם חלום, אַז אַ גרויס אומגליק הענגט איבער מצרים. ביי די אידן וועט געבאָרן ווערן אַ מאַן, וועלכער וועט פאַרניכטן גאַנץ מצרים, און וועט אַרויס פירן די קינדער פון ישראל מיט אַ שטאַרקער האַנט פון דעם לאַנד מצרים. אַלזאָ, לויט מיין עצה, זאָלסטו דו דאָס קינד טויטן".

דערויף האָט דער קעניג געענטפערט אַז ער וועט צוערשט בערוטן זיך מיט די קלוגע לייט פון זיין לאַנד, צי עס קומט דעם קינד דערפאַר טויט שטראָף. צי עס איז איבערהויפּט שוין פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר דער טאַט.

דער קעניג האָט צוזאַמען גערופן אַלע קלוגע און האָט זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע. רופט זיך אָן דער מלאך גבריאל, וועלכער האָט זיך אויך געפונען צווישן די גערופענע מלוכה לייט אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן, און זאָגט, אַז מען מוז צוערשט זיך איבערצייגן, צי דאָס קינד האָט געהאַנדלט מיט פאַרשטאַנד. מע זאָל אַלזאָ ברייגען דעם קינד אַ שוהם שטיין און גליענדיקע קוילן און זען צו וועלכען ער וועט אויס שטרעקן די האַנט. וועט

ער ווילן נעמען דאָס צירונג, איז אַ סימן, אַז ער איז אַ פאַר־שטענדלעך קינד. וועט ער אוים שטרעקן זיין האַנט און ווילן נעמען דאָס פייער, איז אַ באַווייז אַז מען קאָן נאָך ניט האַלטן אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין טאַט.

דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז געפעלן געוואָרן. און אַזוי ווי מע האָט אַוועק געשטעלט דעם דימענט שטיין מיט דער גליענדי־קער קויל, האָט דאָס קינד גענומען אוים שטרעקן זיין האַנט אין דער ריכטונג פון דעם דימענטשטיין. דער מלאך, אָבער, האָט געווענד זיין הענטל צו דער גליענדיקער קויל. ער האָט זי גענומען, זי צוגערירט צום מויל און האָט פאַרברענט זיינע ליפּן. זייט דאַן איז ער געבליבן אַ „כבד-פה",א) שווערער אויפן מויל. פרעה און זיינע ראַט גיבערים זיינען געוועזן איבערצייגט, אַז דאָס קינד איז נאָך נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין טאַט, און מען האָט אים ניט באַ־שטראָפט. אַזוי איז דאָס קינד געבליבן אַלס בתי־ה׳ס זון אין דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ אין דער געזעלשאַפט פון פּרינצן.

משה איז געוועזן געקלייד אין פורפור. זיין שטערן איז געוועזן באַפּוצט מיט אַ קאָסטבאַרן איידלשטיין. דער קעניגלעכער הויף און אַלע גרויסע לייט פונעם לאַנד האָבן אים אָפּגעגיבן פיל כבוד. און אַלע איינוואוינער פון מצרים האָבן זעהר מורא געהאַט פאַר אים. ווען משה איז שפּעטער געוואָר געוואָרן פון בלעם׳ס עצה, האָט ער געזוכט אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אין אים. אַזוי גיך ווי בלעם האָט דאָס באַמערקט, זיינען ער און זיינע צוויי זין אַנטלאָפן צו דעם עטיאָפּישן קעניג קיקאַנוס.

א) אַ שטאַמלער, זעט זייט פד, נאָטע א.

יוגנד

דינט זיין דריטן לעב יאָר האָט משה געלעבט אין דעם עגיפּטישן קעניגלעכן הויף. דאָס פּרינצלעכע לוקסוס לעבן האָט פונדעסטוועגן נים באוויזן אָפּצולענקען זיין אינטערעס פאַר זיינע פערשקלאַפּטע ברידער. ווען משה איז אַ מאָל געגאַנגען קיין גושן, און ער האָט געזען אויף דעם וועג ווי זיינע ברידער ווערן באהאַנדלט ווי שקלאַפן, האָט עס אים אַזוי גערירט, אַז ער האָט אַזש אוים געבראָכן אין אַ געוויין. ער האָט אונטער געשטעלט די אַקסלען און געוואָלט העלפן יעדן אַרבעטער.

פול מיט מיטלייד און מיט ליבע צו די קינדער פון זיין פאָלק האָט ער געמאַכט די באַפרייאונג פון ישראל פאַר זיין לעבנס ציל. ער האָט זיך געווענד צו פּרעה'ן און אים געבעטן מע זאָל גיבן די פערשקלאַפּטע אידן כאָטש איין טאָג אין דער וואָך רו. ער האָט געבעטן מע זאָל פּראָקלאַמירן דעם זיבעטן טאָג אַלס רו טאָג. פּרעה האָט דערפילט זיין ווינטש, און ער האָט אַרוים געגיבן אַ באַפעהל אַז אויף דעם באַפעהל פונעם קעניג און משה, בתי-ה'ס זון, זאָלן אַלע אידן רוען דעם זיבעטן טאָג. אָט אַזוי האָט משה געלייגט די גרונטלאַגע פאַר זיין באַפרייאונגס-קאַמף און פאַר שמירת שבת, פאַר אָפּהיטן דעם שבת.

ווען משה איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, איז ער אויף דעם ווינטש פון זיינע עלטערן, וועלכע האָבן געוואָלט זען אים, געגאַנגען צו זיי קיין גושן. גייענדיק פאַרביי דעם אַרבעט אָרט פון די פערשקלאַפּטע אידן, האָט ער געזען ווי אַ מצרי שלאָגט אַ אידן (דעם זון פון שלומית, דיברי'ס טאָכטער פון דעם שבט דן). אַזוי ווי דער געשלאָגענער האָט דערזען משה'ן, איז ער צוגעלאָפן צו אים, און ער האָט דערציילט אים אַז ביינאַכט האָט דער מצרי אַריין גע'גנב'עט זיך אין זיין וואוינונג. ער האָט אים געבונדן, פאַרקערט מיט זיין פרוי, און איצט וויל ער נאָך אים טויטן.

פול מיט צאָרן האָט משה אַרום געקוקט זיך אין אַלע ריכטונגען. און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז קיין צדיק וועט פון אים אַרויסקומען, האָט ער באַרוטן זיך מיט די מלאכים און אויסגערופן דעם שם המפורש, דעם אַלמעכטיגנס נאָמען וועלכן מע טאָר נישט אַרוים רעדן, און דער מצרי איז גלייך געפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט. משה האָט פאַרשאַרט אים אין זאַמד, און ער האָט געזאָגט צו די אידן:

„פונקט אזוי ווי דאס זאמד מאכט קיין גערויש, ווען מע ווארפט עס ארום, אזוי זאל אויך די דאזיקע טאט בלייבן פאר־בארגן".

אזוי האט משה געראטעוועט דעם אידן פון זיין פייניקער.

אן אנדער טאג, ווען משה איז געגאנגען באזוכן זיינע ברידער, האט ער געזען ווי צוויי אידן, דתן און אבירם, קריגן זיך. ווען ער האט געפרעגט דעם אומגערעכטן, דתן'ען, פאר וואס ער שלאגט דעם צווייטן, האט דתן געענטפערט אים:

„ווער האט דיך געמאכט פאר א ריכטער איבער אונז? ווילסט דו אפשר הרג'ענען אויך מיך ווי דו האסט דער'הרג'עט דעם מצרי?"

און אט די צוויי לייט דתן און אבירם זיינען געווען משה'ס געפעהרליכע שונאים, זיי זיינען געווען די יעניגע וועלכע האבן אגיטירט: „לאמיר באשטימען אן עלצטן און אום קעהרן זיך קיין מצרים". זיי האבן אגיטירט צו מאכן אן אפ גאט. זיי האבן ווידער שפעניגט ביים ים סוף. זיי האבן איבער געלאזט פון דעם מן, וואס איז געווען געגן משה'ס באפעהל. זיי האבן אן געשלאסן זיך אין קורח'ס אויף שטאנד געגן משה'ן. זיי זיינען געווען רשעים. זיי זיינען געווען קלוג אויף צו טון שלעכטס. זיי האבן נישט גע־גלויבט אין דעם אויבערשטן, א).

דורך דער מסירה פון דתן און אבירם איז אויך פרעה געוואר געווארן, אז משה האט געטויט דעם מצרי, און ער האט באפוילן צו טויטן משה'ן.

פרעה האט געהייסן ברייינגען א שארפע שווערד וועלכע האט ניט געהאט איר גליכן. צען מאל האט מען געלייגט זי אויף משה'ס האלז. זיין האלז איז אבער געווארן ווי א מארמאר שטיין, און עס האט גארניט געשאד אים. א מלאך איז אראפ פון הימל און האט אנגענומען די געשטאלט פון משה'ן. זיי האבן געכאפט דעם מלאך, און משה איז דערווייל פארשווינדן. א מלאך האט ארוים געפירט משה'ן פון מצרים, און אים אוועק געפירט אויף א שטרעקע פון פערציק טעג רייזע פון דער עגיפטישער גרענעץ. זיין ברודער אהרן איז געבליבן אין מצרים, און ער איז געווען טעטיק ביי די אידן אלס נביא. אבער זיי האבן ניט געוואלט אים פאלגן. פרעה האט אנגעהויבן נאך מעהר צו פאר־שקלאפן די אידן. זייער יאך איז געווארן שוועהרער פון טאג צו טאג.

א) זעט „אהרן ראזמארין'ס תנ"ך ענציקלאפעדיע", ערשטער באנד, זייטן 35—33.

משה אין קיקאַנוס׳עס לאַגער

אין יענע טעג האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן עטיאָפּיע און אירע אונטער געוואָרפענע מאָרגנלענדישע שבטים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאַלטן פון איר. דער קעניג קיקאַנוס פון עטיאָפּיע האָט איבערגעלאָזט בלעם׳ן און זיינע זין אלס די היטער פון דער רעזידענץ, און ער אליין האָט געצויגן אין דער שפּיץ פון אַ צאָלרייכער אַרמעי געגן דעם פיינט. בלעם האָט דערווייל אויסגענוצט דעם קעניגס אָפּוועזנהייט, און דורך זיין אַגיטאַציע האָט דאָס פאָלק געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגן קיקאַנוס׳ן.

בלעם איז געוואָרן קעניג און זיינע צוויי זין זיינען געוואָרן די אַרמעי פירער. פון צוויי זייטן פון דער שטאָט האָט ער געלאָזט מאַכן רייזיקע וואַלן. אין דער דריטער זייט, צווישן דער שטאָט און דעם פאַרביי-פליסנדיקן טייך, האָט מען געמאַכט פילע קאַנאַלן, און מע האָט אריין געלאָזט אין זיי דאָס וואַסער פונעם טייך. אין דער פערטער זייט פון דער שטאָט האָט דער פאַרע-טערישער בלעם צונויפגעזאַמלט דורך כישוף אָהן אַ שיעור שלאַנגען.

ווען קיקאַנוס האָט צוריק געקעהרט זיך זיגעריש מיט זיין אַרמעי, און ער האָט געזען ווי זיין הויפּט שטאָט איז אַזוי באַפעס-טיקט, האָט ער צוערשט געמיינט, אַז דאָס האָבן זיינע אונטערטאַנען זיך אַזוי באַפעסטיקט, אוים מורא טאָמער וועלן די כנען׳ישע פירשטן איבערפאַלן זיי. אָבער ווען ער איז געקומען צום טויער פון דער שטאָט, האָבן די טויער וועכטער ניט אריין געלאָזט אים. זיי האָבן געזאָגט אים אַז בלעם איז איצט קעניג. קיקאַנוס האָט געמאַכט עטלעכע אָנגריפן אויף דער שטאָט, אָבער אָהן דערפאָלג. ניין יאָר צייט האָט ער בעלאַגערט די שטאָט.

משה, וועלכער איז אַנטלאָפען פון מצרים, האָט די גאַנצע ניין יאָר אויף געהאַלטן זיך אין דעם לאַגער פון קיקאַנוס. אַ דאַנק זיין שעהנער הויכער וואוקס, זיין פנים, וואָס האָט געשיינט ווי די זון און זיין לייבן גבורה, האָבן אים דער קעניג קיקאַנוס, זיינע מלוכה לייט און די אַרמעי פירער, זעהר ליב געהאַט, און קיקאַנוס האָט געמאַכט אים פאַר זיין ראַט גיבער. צום סוף פון דעם ניינטן יאָר פון דער בעלאַגערונג איז דער קעניג געוואָרן קראַנק, און נאָך זיבן טעג איז ער געשטאָרבן.

משה אין עטיאָפּיע [אַבעסיניע]

פון דער היימאַט אַפּ געשניטען, דעם הערשער פאַרלאָרן, און אוים מורא טאָמער וועלן די מאָרגענלענדישע שבטים איצט אויסנוצן די געלעגנהייט און זיי איבערפאַלן, האָבן זיי באַשלאָסן צו וועהלן אַ קעניג. אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט קיין פאַסיקערן מענטשן פאַרן טראָן פון משה'ן, האָבן זיי געמאַכט אים פאַר קיקאַנוס'עס נאָכפאָלגער. זיי האָבן געבראַכט אים פילע גאָלדענע און זילבערנע מתנות, וועלכע משה האָט אריין געלייגט אין דער קעניגלעכער קאַסע.

דעם זיבעטן טאָג נאָך דעם וועהלן האָבן אַלע עטיאָפּיער זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם דעמאָלט זיבן און צוואַנציק יאָריקן משה, און זיי האָבן געבעטן אים אַן עצה ווי איינצונעמען די שטאָט.

„שוין ניין יאָר", האָבן זיי גע'טענה'ט, „אַז מיר האָבן ניט געזעהן אונזערע פרויען און קינדער".

משה האָט אַרוים געגיבן אַ באַפעהל, אַז יעדער איינער זאָל געהן אין וואַלד אַריין און אַרוים נעמען אַ יונגן שטאָרך, באַטשען, פון דער נעסט. די דאָזיקע יונגע שטאָרכן זאָלן זיי אויסהאָדעווען און זיי לערנען פאַנגען. ווער עס וועט ניט אוים פאָלגן דעם דאָזיקן באַפעהל, דער וועט געטויט ווערן און זיין פאַרמעגן וועט קאָנפיסקירט ווערן.

זיי האָבן אַזוי געטון. נאָכדעם ווי די יונגע פייגעל זיינען אויסגעוואַקסן, האָט ער געהייסן זיי אויסהונגערן דריי טעג. דעם דריטן טאָג האָט ער באַפוילן דער גאַנצער אַרמעי צו זיין גרייט צום קאַמף, און יעדער איינער זאָל נעמען דעם שטאָרך אין דער האַנט און זיך לאָזן אין יענער ריכטונג, וואו בלעם האָט פאַר־זאַמלט די שלאַנגען. די אויסגעהונגערטע פייגל האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף די שלאַנגען, און זיי האָבן זיי פאַרניכטעט אינגאַנצן. די עטיאָפּישע אַרמעי מיט משה'ן אין דער שפּיץ האָט מיט גרויס פרייד אַריין מאַשירט אין שטאָט אַריין. דער כישוף מאַכער בלעם און זיינע צוויי זין זיינען פליענדיק אין דער לופטן אַוועק קיין מצרים צו פּרעה'ן.

משה קעניג פון עטיאָפּיע [אַבעסיניע]

די עטיאָפּיער האָבן אַרויף געזעצט משה'ן אויפן טראָן און האָבן אָנגעטון אים די קרוין אויפן קאָפּ. זיי האָבן געגיבן אים דעם קעניגס אלמנה, אדוניה, פאַר אַ ווייב. משה האָט אָבער ניט פאַרקערט מיט איר. ער האָט די גאַנצע צייט מורא געהאַט פאַר דעם אויבערשטן פון זיינע אבות. ער האָט געהערשט דערפאָלגרייך דורך רעכט, גערעכטיקייט און קלוגשאַפט. ער האָט אויך אונטער דריקט אַ נייעם אויף שטאַנד פון די מאָרגענלענדישע שבטים.

פערציק יאָר האָט משה געקיניגט איבער עטיאָפּיע. אין דעם פערציקסטן יאָר פון זיין הערשן, ווען משה איז איין מאָל געזעסן, און אַרום אים די קעניגין און די מלוכה לייט, האָט די קעניגין געהאַלטן פאָלגענדיקע רעדע:

„מענער פון עטיאָפּיע! שוין פערציק יאָר זיינען אַוועק זינט דער דאָזיקער מענטש איז אונזער הערשער. מיך האָט ער קיין מאָל באַרירט. דעם גאָט פון די עטיאָפּיער האָט ער קיין מאָל געדינט. איצט הערט, איר קינדער פון עטיאָפּיע. זעצט אַרויף די קרוין אויף דעם קאָפּ פון מיין זון מאַנאַכרים, א). ווייל איך גלויב אַז עס איז בעסער פאַר אייך צו דינען דעם זון פון אייער הערשער, איידער אַ פרעמדן, אַן אונטערטאַן פון מצרים".

די רעדע האָט אַזוי געווירקט, אַז דעם אַנדערן טאָג האָט מען גערופן אַ פאָלקס-פאַרזאַמלונג, און זיי האָבן פּראָקלאַמירט מאַנאַכרים, דעם זון פון קיקאַנוס, אַלס זייער קעניג. משה'ן האָבן זיי אַוועק געשיקט און האָבן אים מיטגעגיבן פילע קאָסטבאַרע מתנות און גרויסע עהרע אויסצייכענונגען פאַר זיינע גוטע לייסטונגען, ב).

א) אַזוי ווערט געבראַכט אין „ספר הישר", פרשה שמות. עס איז פאַראַן אַ מיינונג אַז דאָס איז פערגרייזט פון דעם גריכישן „מאָנאַרכאָס". פערגלייכט „שלשלת הקבלה", אונטער דעם וואָרט משה.

ב) אין במדבר יב, א ווערט דערצעהלט אַז מרים און אהרן האָבן גערעד אויף משה'ן וועגן דער „כושית", עטיאָפּישע פרוי, וועלכער ער האָט גענומען. די חכמים ז"ל דערקלעהרן אַז כושית מיט אַ „ו" באַטרעפט זיבן הונדערט זעקס און דרייסיג פונקט ווי „יפת מראה", וואָס מיינט אַ שעהנע (נישט אַן עטיאָפּערין). אונקלוס זעצט איבער כושית מיט שפּרתא, אַ שעהנע. פערגלייכט: אונקלוס, יונתן בן עוזיאל, רש"י, אבן עזרא, רשב"ם אויף במדבר יב, א; מדרש תנחומא צו יג; ספרי בהעלותך פּיסקא צט; ילקוט המכירי אויף תהלים מזמור ו, ט; מדרש אגדה, במדבר קג; ילקוט ראובני בהעלותך; מיין בוך „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה" [אין דייטש], זייט 67, נאָטן 240 און 241.

משה אין מדין

אין טורמע

פון עטיאָפיע אַרוים געשיקט, אין עגיפּטן נאָך ניט זיכער מיטן לעבן, איז דער זיבן און זעכציק יאָריקער משה געגאַנגען קיין מדין. קומענדיק אין מדין האָט משה זיך אָנידערגעזעצט ביי דעם ברונעם אַזוי ווי אונזערע אבות פלעגן עס טון. זיינען געקומען יתרו'ס זיבן טעכטער צום ברונעם אָנצוטרינקען זייערע שאָף. יתרו, דער מדין'ישער גייסטליכער, האָט געמוזט שיקן זיינע אייגענע טעכטער צו פּאַשען די שאָף, ווייל נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערצייגט אין דער נישטיקייט פון דעם געצנדינסט, האָט ער אויף געגעבן זיין אַמט אַלס גייסטלעכער. האָט מען אים אַריין גע־לייגט אין חרם און פאַרבאָטן אַלעמען צו העלפן אים. די אַנדערע פּאַסטעכער, אָבער, האָבן ניט צוגעלאָזט יתרו'ס טעכטער צום ברונעם. זיי האָבן געוואָלט זיי פאַרגעוואַלטיקן און האָבן זיי אַריין געוואָרפן אין ברונעם אַריין. אָבער דער עגיפּטיש געקליידעטער משה האָט אַרוים געצויגן זיי פונעם ברונעם, און ער האָט אָנגע־טרונקען זייערע שאָף. דאַן האָט ער זיך געווענד צו די פּאַסטעכער און געזאָגט:

„ווי לאַנג נאָך ווילט איר פאַרזעצן דאָס דאָזיקע אומרעכט? שעמט איר זיך ניט צו לאָזן אייערע הענט און פלייצעס אַזוי פוילענצן? איר זעט נאָר אויס ווי מענער, אָבער אין אמת'ן זענט איר עס גאָרניט. די דאָזיקע פרויען טוען זייער אַרבעט ווי מענער. אָבער איר יונגען, איר זענט ווייך און שוואַך ווי פרויען. וואָס? איר ווילט נישט געהן? איר ווילט נישט איבער וואַרטן די צוערשטע געקומענע ווען דאָס וואַסער געהערט? ניט גענוג איר העלפּט זיי ניט, ווילט איר נאָך באַרויבן זיי? אָבער ביי דעם אַלזעהענדיקן וועלכער זעט אויך די דאָזיקע מדבר, זאָלט איר מעהר זיי ניט באַרויבן. מיך האָט ער געשיקט אַלס רעטער. איך וועל די גע־קריוודעטע העלפן מיט דער הילף פון יענער מעכטיקער האַנט וועלכע אויסוואָרפן זיינען ניט זוכה צו זען. איר וועט זי אָבער פילן אויב איר טראָגט זיך ניט באַלד אָפּ".

משה האָט פאַרגעשלאָגן צפורה'ן זי זאָל ווערן זיין ווייב. דאַרויף האָט צפורה געענטפערט אים, אַז איר פאָטער האָט אַ בוים אין גאָרטן מיט וועלכן ער פּרובירט אויס די יעניגע וועלכע

ווילן חתונה האָבן מיט זיינע טעכטער. אָבער ווער נאָר עס גערט צו נאָענט צו דעם בוים ווערט פאַרצעהרט פון אים, א).

ווען יתרו'ס טעכטער זיינען אַ היים געקומען, האָבן זיי אים אַלץ דערציילט. יתרו האָט געשיקט רופן משה'ן. ער האָט זיך געטראַכט, אפשר וועט ער נעמען איינע פון זיינע טעכטער פאַר אַ ווייב. צפורה איז געלאָפן געשווינט ווי אַ „פויגל" און האָט געבראַכט אים צו יתרו'ן. משה האָט דערצעהלט יתרו'ן אַז ער איז אַמאָל אַנטלאָפן פון מצרים, אַז ער איז געווען פערציק יאָר קעניג פון עטיאָפּיע, און איז פון דאָרט געוואָרן אַוועק געשיקט מיט גרויס כבוד און מיט פילע מתנות. נאָך דעם ווי יתרו-רעואל האָט דאָס געהערט האָט ער איין געשפּאַרט אים אין תפיסה כדי מיטצוטיילן פּרעה'ן וועגן דעם אַנטלאָפענעם. צפורה האָט געהאַט גרויס רחמנות אויף משה'ן, און יעדער טאָג האָט זי באַזאָרגט איב מיט שפּייז אין געהיים.

צען יאָר צייט האָט משה געשמאַכט אין תפיסה. נאָך דער דאָזיקער צייט האָט צפורה געזאָגט צו איר פאָטער: „דער מאַן וועלכן דו האָסט איינגעשפּאַרט, שמאַכט שוין צען יאָר אין תפיסה און קיין שום מענטש זאָרגט זיך וועגן אים. אפשר וואָלטן מיר אַ קוק טון וואָס פון אים איז געוואָרן?" רעואל, וועלכער האָט גאָר נישט געוויסט אַז צפורה שפּייזט אים אין געהיים, האָט געענטפערט: „ווי קאָן עס אַ מענטש לעבן אַזוי לאַנג אָהן עסן?" „דער אויבערשטער פון די עברים" [אידן], האָט געענטפערט צפורה, „וועלכער האָט געראַטעוועט אברהם'ן פון דעם קאַלך אויוון, יצחק'ן פון זיין פאָטערס מעסער, יעקב'ן פון דעם מלאך וועלכער האָט זיך געראַנגלט מיט אים, און טאַקע דעם דאָזיקן מענטש פון דעם טייך פון מצרים, און פון פּרעה'ס שווערד, דער אויבערשטער קאָן ראַטעווען אויך פון הונגער טויט".

די דאָזיקע ווערטער האָבן געווירקט אויף יתרו'ן, און ער האָט געשיקט זען וואָס עס איז געוואָרן פון משה'ן. אַזוי ווי מע האָט געטראָפן משה'ן פאַלקאָם געזונט, שטייענדיק פאַרטיפט אין בעטן צום אויבערשטן, האָט יתרו באַפוילן אַז מען זאָל אים באַפרייען. ער האָט געהייסן אָפּשערן אים. און גיבן אים קליידער און עסן, ב).

א) זעט זייטן עח, עט.

ב) זעט די פאַרשידענע נוסחאות אין ספר הישר על התורה, פרשה שמות; ילקוט שמעוני, שמות רמז קסח; דברי הימים של משה רבינו ע"ה אין „בית המדרש" חדר ב, זייטן 1־11, עדיציע אהרן יעללינעק; מיין בוך „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה" [אין דייטש], זייט 71, קאַפּיטל 7.

משה נעמט צפורה'ן פאַר אַ ווייב

ווען משה איז זיך אַזוי געשטאַנען אין יתרו'ס גאָרטן און געדאַנקט דעם אַלמעכטיקן פאַר די פילע וווּנדערס וואָס ער האָט געטון מיט אים, האָט ער באַמערקט אַן איינגעפלאַנצטן שטעקן וועלכער האָט געבליעט, און ער האָט אַרויס געריסן אים.

ווען יתרו האָט דערזען דעם שטעקן אין משה'ס האַנט איז ער שטאַרק דערשטוינט געוואָרן. ער האָט אים געגיבן זיין טאָכ־טער צפורה פאַר אַ ווייב. ער האָט אים אויך געגיבן פיל רייכקייט, אָבער אונטער דעם באַדינג אַז פון די קינדער וועלכע וועלן געבאָרן ווערן ביי אים אין שטוב, זאָל איין העלפט דערצויגן ווערן עגיפּטיש, און די צווייטע העלפט אידיש. משה האָט גענומען צפורה'ן פאַר אַ ווייב. זי איז געגאַנגען אין די וועגן פון אונזערע מוטערס שרה, רבקה, רחל און לאה. זי האָט געבאָרן אַ זון. משה האָט גע'מל'ט אים און געגיבן אים דעם נאָמען גרשם, אַ גאַסט בין איך אין אַ פרעמד לאַנד. דריי יאָר שפּעטער האָט צפורה געבאָרן אַ צווייטן זון. לויט דעם אָפּמאַך מיט זיין שווער האָט משה ניט געטאָרט מל זיין אים. ער האָט אים אַ נאָמען געגיבן אליעזר, ווייל: „דער אויבערשטער פון מיין פאָטער איז מיר געווען צו הילף, און ער האָט מיך געראַטעוועט פון פּרעה'ס שווערד". אויף דעם וועג קיין מצרים האָט צפורה מל געווען אים.

ווען משה האָט געהאַלטן ביי געהן קיין מצרים מיט זיין ווייב און זייערע צוויי זין, איז אליעזר נאָך נישט געווען גע'מל'ט, האָט ער געטראַכט זיך: זאָל ער מל זיין אליעזר'ן און לאָזן זיך אין וועג אַריין איז עס דאָך אַ סכנה פאַר דעם קינד. זאָל ער מל'ן אים און וואַרטן דריי טעג, האָט דאָך אָבער דער אויבערשטער געזאָגט „געה, קער אום זיך קיין מצרים", און דאָס מיינט דאָך טאַקע באַלד.

אויף דעם וועג האָט אַ מלאך באַגעגנט אים. דער מלאך אין דעם געשטאַלט פון אַ שלאַנג האָט איין געשלינגען אים פון דעם קאָפּ ביז דער דיך, און נאָך אַ מאָל פון די פיס ביז צו דער דיך.

צפורה האָט פאַרשטאַנען אַז דער מלאך וויל הרג'ענען משה'ן פאַר זיין נישט מל זיין אליעזר'ן. האָט זי גענומען אַ שאַרף שטיינדל און האָט מל געווען אים. דער מלאך האָט אָפּ געלאָזט משה'ן [עס איז פאַראַן אַן אנדער מיינונג, א)].

א) זעט: נדרים לב, א; ירושלמי נדרים ענדע פרק ג; מכילתא יתרו נח, א, הוצאת אום; שמות רבה ה, ח; ילקוט שמעוני לך לך רמז פא; רש"י שמות ד, כד.

דער שטעקן

פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען דער בעשאַפער האָט פאַרענ־דיגט די וועלט שאַפונג, האָט ער בעשאַפן צען זאַכן. איינע פון די צען זאַכן איז דער שטעקן, מיט וועלכן משה רבינו האָט געשפּאָלטן דעם ים, ווען די אידן האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד מצרים.

דער דאָזיגער שטעקן איז געווען פון ספּיר, א) שטיין, וואָס איז געוואַלדיג האַרט. דאָס איז, אייגענטליך, דאָס זעלבע מאַטעריאַל פון וועלכן די לוחות, וועלכע דער אויבערשטער האָט געגיבן משה רבינו, זיינען געמאַכט. געוואויגן האָט דער דאָזיגער שטעקן ניט ווייניגער פון פערציג סאה. האָט דאָס דערקלערט טאַקע דעם סוד פאַר וואָס ניט יעדער מענטש האָט געקאָנט טראָגן אָדער אויף הויבן אים.

אויף דעם שטעקן זיינען געווען אויס געקריצט דער שם המפורש (דער הימלישער נאָמען), די נעמען פון די דריי אבות, אברהם, יצחק און יעקב; פון די פיר אמהות, מוטערס, שרה, רבקה, רחל און לאה; פון די צוועלף שבטים ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולון, דן, נפתלי, גד, אשר, יוסף און בנימין; און אויך די צען ערשטע אותיות **דצ״ך, עד״ש, באח״ב** פון די צען מכות:

דם, בלוט;
צפרדע, פראָשן, זשאַבעס;
כנים, לייז;

ערב, אַ געמיש פון אַלערליי פייגל און ווילדע חיות;
דבר, אַ מגפה, פּלאָג, אַ פּעסט אויף אַלע בהמות;
שחין, פּאָרך, געשווירן;

ברד, האָגל, געמישט מיט פייער;
ארבה, היישעריקן;
חושך, אַ געדיכט פינצטערניש;
מכת **ב**כורות, דאָס אום ברייננגען פון די ערשטע געבאָרענע מצריים, מיט וועלכער די מצריים זיינען געוואָרן געשלאָגן.

א) עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע נוסחאות: ספּיר, סנפּרנון, סמפּירינון, סנפּירינון, סמפּירין, סנפּירנון, סנפּרינון, סמפּרינון, סנפּירינן. זעט מיין בוך „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה" (אין דייטש), זייט 75.

די דאזיגע צען אותיות האבן טאקע מרמז געווען, אז געווינקן, אז מיט דעם דאזיגן שטעקן וועט משה ברענגען די צען מכות אויף מצרים.

דער שטעקן איז געווען איינער פון די צען ווינדערליכע זאכן וועלכע די וועלט האט ווען עס איז געזעהן. באלד ווי דער בעשאפער האט בעשאפן אדם הראשון'ען, און די מלאכים האבן אריין געפירט אים פרייטאג פאר נאכט אין גן עדן אריין, איז דער דאזיגער שטעקן געווארן איבער געגיבן אים.

זינט דענצמאל האט דער שטעקן געוואנדערט פונקט ווי דאס אידישע פאלק. אדם הראשון האט איבער געגיבן אים חנוך'ן. חנוך האט איבער געגיבן אים נח'ן. שפעטער האט נח איבער געגיבן אים זיין זון שם. שם האט שפעטער איבער געגיבן אים אברהם'ן. אברהם אבינו האט איבער געגיבן אים זיין זון יצחק'ן. און יצחק האט שפע־טער איבער געגיבן אים זיין זון יעקב'ן. מיט אט דעם שטעקן איז יעקב געגאנגען אריבער דעם ירדן, ווען ער איז געצויגן קיין פדן ארם.

יארן שפעטער, ווען עס האט אויס געבראכן דער הונגער אין דער גאנצער וועלט, אויך אין דעם לאנד כנען, און מצרים איז געווען דאס איינציגע לאנד אין וועלכן מען האט געקאנט קויפן תבואה, האט יעקב געשיקט אהין זיינע זין צו קויפן עסנווארג. יוסף, דער וויצע קעניג פון מצרים, האט דערקענט זיינע ברידער, וועלכע האבן פארקויפט אים פאר א קנעכט. און נאך דעם ווי יוסף האט דערקענט זיך צו זיינע ברידער, האבן זיי געבראכט יעקב'ן קיין מצרים. אט דעמאלט האט יעקב מיט גענומען דעם שטעקן, און ער האט איבער געגיבן אים יוסף'ן.

ווען יוסף איז געשטארבן, און זיין גאנץ פארמעגן איז איבער געפירט געווארן אין פרעה'ס פאלאץ אריין, האט אויך דער שטעקן געפונען זיך צווישן דעם פארמעגן.

צווישן פרעה'ס עצה גיבערם און כישוף מאכערם האבן געפונען זיך אין יענער צייט דריי מענטשן, וועלכע האבן פארנומען זעהר וויכטיגע שטעלעס, און זיי האבן געשפילט גאר וויכטיגע ראלעס, דאס זיינען געווען: בלעם פון פתור, יתרו פון מדין און איוב פון עוץ.

אין יענע טעג האבן די עגיפטער, מצריים, געפייניגט שטארק די אידן. און ווען די מצריים האבן געזעהן, אז ניט געקוקט דארויף וואס מען האט ארויף געלעגט אויף די אידן אזא שווערע ארבעט, האלטן זיי דאך אין איין פארמעהרן זיך אין אז אויסער געוויינליכער מאס, זיינען זייערע פירער אוועק צום קעניג פרעה אין דעם הונ־

דערט פינף און צוואַנציגסטן יאָר נאָך די אידנס איין וואַנדערונג קיין מצרים, און זיי האָבן געזאָגט צו אים:

„מיר האָבן געפאָלגט דיין עצה צו פערשקלאָפן די אידן. אָבער וואָס שווערער מיר אַרבעטן מיט זיי, אַלץ גרעסער ווערט זייער צאָל. זעה, דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיט אידן! איצט, אָה, קעניג, זיי ויסן אַז די אויגן פון אַלע עגיפּטער זיינען געריכטעט אויף דיר, דו זאָלסט גיבן זיי אַן עצה ווי אַזוי צו אום ברייגגען די אידן".

און דער קעניג פרעה האָט געענטפערט דאַרויף: „איצט זאָגט איר ווי אַזוי מיר וואָלטן געקאָנט דערגרייכן דעם דאָזיגן ציל, ווי אַזוי מען קאָן פאַרטיליגן דאָס פאָלק ישראל.

האָט איוב פון עוץ אויף געשטעלט זיך און געזאָגט:

„דיין באַפעהל, אָה קעניג, צו בעלאַסטן די אידן מיט שווערער אַרבעט שטימט אויך מיט אונזער מיינונג. דער באַפעהל זאָל בלייבן טאַקע אין קראַפט, אָבער צו דעם נאָך זאָל דער קעניג באַפעהלן די באָבעס, אַז זיי זאָלן טויטן יעדער ניי געבאָרן אינגעלע".

די דאָזיגע עצה איז געוואָרן געפעלן שטאַרק דעם קעניג, און ער האָט געטון אַזוי. אָבער די באָבעס, שפרה און פועה, נעמליך יוכבד און איר טאָכטער מרים, האָבן נישט אוים געפאָלגט דעם באַפעהל. ווען דער קעניג איז געוואָרן געוואָר דער פון, האָט ער געלאָזט רופן זיי צו זיך. אָבער ער האָט באַפרייט זיי נאָך זיין אויס הערן זייערע טענות.

פינף יאָר שפּעטער, הונדערט און דרייסיג יאָר נאָך די אידנס איין וואַנדערונג קיין מצרים, האָט פרעה גע'חלום'ט אַז ער זיצט אויף דעם טראָן, און עס שטעהט פאַר אים אַן אַלטער מאַן מיט אַ וואָג אין דער האַנט. דער אַלטער מאַן נעמט אַלע עלטסטע, פירשטען און גרויסע לייט פון עגיפּטן, מצרים, בינד זיי און לייגט זיי אַרויף אויף איין וואָג שאָל. און אויף דער אַנדערער וואָג שאָל לייגט ער אַרויף אַ לעמעלע, און די וואָג שאָל מיט דעם לעמעלע וועגט איבער.

באלד נאָך דעם ווי פרעה איז אויף געשטאַנען פון זיין שלאָף, האָט ער געשיקט רופן זיינע חכמים. ער האָט זיי דערציילט דעם חלום און געפאָדערט אַן אוים טייטשונג. האָט בלעם, בעור'ס זון, אַן גערופן זיך, און ער האָט געזאָגט:

„דאָס בעדייט אַז עס וועט קומען אַ גרויסע צרה אויף דעם לאַנד מצרים. ביי די עברים, העברעער, וועט ווערן געבאָרן אַן אינגל, וואָס וועט רואינירן גאַנץ מצרים. ער וועט פאַרניכטן די איין וואוינער. און די אידן וועט ער אַרוים פירן מיט אַ שטאַרקער האַנט".

„וואָס זשע זאָלן מיר טון", האָט פּרעה געפרעגט אַ צער־שראָקענער פון דער אוים טייטשונג. „אַלץ וואָס מיר האָבן געטון ביז איצט האָט ניט געטויגט. ווי זשע אַזוי קאָן מען בייקומען זיי? אדרבא, גיב אַן עצה".

האָט בלעם געענטפערט דאַרויף:

„רוף דיינע ביידע ראָט גיבערס. לאָמיר הערן צוערשט זייער מיינונג. דערנאָך וועט דיין קנעכט רעדן".

אויף דעם קעניג'ס רוף זיינען געקומען יתרו און איוב. ווען דער קעניג האָט געפרעגט יתרו'ן זיין מיינונג, האָט ער געענטפערט:

„אדוני קעניג, לאָז די אידן צורו. ווייל ווער עס לייגט אַרויף אַ האַנט אויף זיי, דער שנייד אָפּ ניט גוט. דו ווייסט דאָך מיט וואָס פאַר אַ מכות דער אידישער אויבערשטער האָט געפּייניגט דיינעם אַן עלטער זיידן, ווען ער האָט געוואָלט נעמען אַוועק שרה'ן, די פרוי פון זייער פאָטער אברהם. זעה ווי זייער פאָטער יעקב איז געוואָרן געראַטעוועט פון זיין ברודער עשו, און אויך פון זיין פעטער לבן. דיין זיידע פּרעה האָט אפילו דערהויבן דעם עברי, דעם העברעער יוסף צו דער העכסטער שטעלע, ווייל ער האָט געראַטעוועט דאָס גאַנצע לאַנד מצרים פון אונטער גאַנג אין די הונגער יאָרן. און טאַקע אַלס דאַנק דערפאַר, האָט דיין עלטער זיידע געגיבן דאָס לאַנד גושן די העברעער, די אידן, זיי זאָלן באַזעצן זיך דאָרט. פאַרפאָלג זיי, אַלזאָ, נישט. אויב, אָבער, דו ווילסט נישט האָבן זיי ביי דיר אין לאַנד, איז לאָז זיי פאַרלאָזן פריי דאָס לאַנד. זאָלן זיי ציען אין דעם לאַנד כנען, דאָס לאַנד פון זייערע אבות".

דערהערנדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט פּרעה'ס גרים צאָרן צעברענט זיך אין אים. האָט יתרו געמאַכט קיינע לאַנגע שהיות, און ער האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד מצרים. ער האָט אום געקעהרט זיך אין זיין פאָטער לאַנד מדין. אַזוי ווי אָבער זיין האַרץ האָט געגלוסט שטאַרק יוסף'ס שטעקן, האָט ער מיט גענומען אים מיט זיך.

זינט דעמאָלט האָט דער שטעקן געפונען זיך ביי יתרו'ן אין הויז. איין מאָל האָט יתרו גענומען אים אין דער האַנט, איז אַרוים מיט אים אין גאָרטן אַריין, און ער האָט אַריין געשטעקט אים אין דער ערד אַריין. ער האָט ניט געקאָנט אַהוים נעמען אים צוריק. און ער האָט געזען ווי דער שטעקן הויבט אָן צו בליען.

דערזעעהנדיג דאָס האָט יתרו געלאָזט וויסן באַלד, אַז ווער עס וועט באַווייזן צו אַרוים רייסן דעם שטעקן, דעם וועט ער גיבן זיין טאָכטער צפורה, די שענסטע פון אַלע זיינע זיבן טעכטער, פאַר אַ ווייב. זיינען טאַקע אַלע מלכים, פּרינצן, און

גלאַט גרויסע העלדן געקומען און האָבן פאַרמאָסטן זיך צו אַרויס רייסן דעם שטעקן. אָבער ווער עס איז צו געקומען נאָענט צו אים, איז געוואָרן פאַרשלונגען פון דער ערד.

ווען משה איז אַוועק פון עטיאָפּיע, נאָך דעם ווי ער איז געווען דאָרט קעניג פערציג יאָר, און ער איז געקומען קיין מדין, האָט ער דערזען ווי פּאַסטוכער טרייבן אַוועק צפּורה׳ן מיט אירע שוועסטערס פון דעם ברונעם, האָט ער געהאָלפן זיי. און ער האָט דערנאָכדעם פאַר געשלאָגן צפּורה׳ן זי זאָל ווערן זיין ווייב.

דערויף האָט צפּורה געענטפערט אים: „מיין פאָטער האָט אַ בוים אין גאָרטן. ער פּרובירט אויס מיט אים די יעניגע וועלכע ווילן חתונה האָבן מיט זיינע טעכטער. אָבער ווער עס געהט צו נאָענט צום בוים, ווערט פאַרצעהרט פון אים״.

נאָך דעם ווי יתרו האָט בעפרייט משה׳ן פון טערמע, איז משה אַריין אין גאָרטן, און ער האָט באַלד צוריק געקעהרט זיך מיט דעם שטעקן אין דער האַנט, א).

און מיט דעם דאָזיגן שטעקן האָט משה געטון גרויסע וויני-דערס. ווען ער און אהרן זיינען געקומען צו פּרעה׳ן און האָבן ניט געקאָנט אַריין, ווייל ביי דעם טויער זיינען געשטאַנען צוויי לייבן און זיי האָבן אַריין געלאָזט קיינעם אַ חוץ די יעניגע וועלכע האָבן געוויסט וואָס צו טון, האָט משה אויף געהויבן דעם שטעקן איבער די לייבן. זיי זיינען געוואָרן אַזוי פריינדליך, אַז זיי האָבן נאָך באַגלייט משה׳ן און אהרן׳ען אין פּאַלאַץ אַריין. און אויך דאָרט האָט דער שטעקן געטון גרויסע וווּנדערס פאַר די אויגן פון פּרעה׳ן און זיינע האָרן.

נאָך דעם ווי די אידן זיינען אַרויס פון מצרים, וואו זיי זיינען געווען פערשקלאַפּט צוויי הונדערט און צען יאָר, און די מצריים האָט באַנג געטון, וואָס זיי האָבן אַרויס געלאָזט די קנעכט, האָבן זיי באַשלאָסן צו נאָך יאָגן זיי. אַן אַרמעי פון זיבן הונדערט טויזענט מאַן אונטער דער פירערשאַפט פון די גרעסטע גענעראַלן, האָבן נאָך געיאָגט די נאַר וואָס באַפרייטע אידן. נאָך דעם ווי די אידן האָבן פאַרניכטעט זיי אין דער שלאַכט, האָט פּרעה געשיקט אַן אַרמעי פון אַ גאַנצן מיליאָן זעלנער, און זיי האָבן דער יאָגט די אידן ביי דעם ים סוף.

די לאַגע פון די אידן איז געווען קריטיש. פון פאָרנט איז דער ים. פון הינטן געפינט זיך די מעכטיגע עגיפּטישע אַרמעי. אין דער ריכטונג פון דער מדבר געפינען זיך ווילדע

א) זעט זייטן עב—עג.

חיות. און דאס פאלק אליין איז אויך ניט אייניג. בעת די שבטים ראובן, שמעון און יששכר ווילן שפרינגען אין ים אריין אוים מורא פאר די מצריים, ווילן די שבטים זבולון, בנימין און נפתלי ציען צוריק מיט די עגיפטער. די שבטים יהודה, דן און יוסף ווילן פירן מלחמה. און די שבטים לוי, גד און אשר ווילן צע־טומלען דעם שונא דורך קולות און ליארמס.

אין אט יענער קריטישער שעה ווענדעט משה זיך צום אלמעכטיגן און פרעגט אים וואס ער זאל טון, און ער ענטפערט אים: „נעם דעם שטעקן וואס איך האב געגיבן דיר, געה צום ים אין מיין שליחות און זאג אים: „איך בין דער שליח פון דעם בעשאפער פון דער וועלט, אנטפלעק דיינע וועגן פאר מיינע קינדער, זיי זאלן קאנען דורך ציען דורך דיר".

איז משה אוועק באלד צום ים. ער האט איבער געגיבן אים דעם אלמעכטיגנס ווערטער. אבער דעם ים האט געענטפערט אים: „איך וועל ניט טון וואס דו הייסט מיר, דער פאר וואס דו ביזט געווארן געבארן פון א פרוי. און ניט נאר דער פאר אליין, נאר אויך דער פאר וואס איך בין עלטער פון דיר מיט דריי טעג. ווארום איך בין געווארן בעשאפן אין דעם דריטן טאג פון דער וועלט שאפונג, און דו (דער מענטש) ביזט געווארן בעשאפן ערשט דעם זעקסטן טאג".

ווען משה רבינו האט מודיע געווען דאס דעם אויבערשטן, האט ער געזאגט צו אים: „אז א קנעכט פאלגט ניט דעם בעל הבית, וואס טוט מען מיט אים?"

„מע שלאגט אים מיט א שטעקן", האט משה געענטפערט.

האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה'ן: „אויך דו הויב אויף דיין שטעקן און שטרעק אוים אים איבער דעם ים און שפאלט אים". האט משה געטון אזוי, און דער ים האט געשפאלטן זיך.

און א צייט ארום, ווען עמלק איז בעפאלן די אידן, האט משה געבעטן צום אויבערשטן און געזאגט: „האר פון דער וועלט, מיט דעם דאזיגן שטעקן האסט דו ארוים געפירט די אידן פון מצרים. מיט דעם דאזיגן שטעקן האסט דו געשפאלטן דעם ים פאר זיי, און האסט געטון מיט אים פארשידענע אנדערע נסים. טו זשע אויך איצט נסים מיט דעם דאזיגן שטעקן".

און ווען עס איז געקומען די צייט אז משה רבינו זאל נפטר ווערן, און דער רשע סמאל האט אנידער געשטעלט זיך פאר משה'ן, און האט ארוים געצויגן די שווערד פון איר שייד, איז משה געווארן שטארק בייז אויף אים. ער האט געכאפט

דעם שטעקן און דערלאַנגט אים אַזוי, אַז דער מלאך המות איז אַנטלאָפן. משה איז נאָך געלאָפן אים, און ער האָט געמאַכט אים בלינד.

נאָך משה רבינו׳ס פטירה איז דער שטעקן איבער גע־גאַנגען פון איין מלך צום אַנדערן. אין דער צייט ווען שאול האָט געקיניגט איבער די אידן, איז דוד המלך באַזעסן דעם שטעקן. און אַט מיט דעם שטעקן איז ער געגאַנגען האַלטן מלחמה מיט דעם פלשתים ריז גלית.

נאָך דעם ווי דאָס בית המקדש איז געוואָרן חרוב איז דער הימלישער שטעקן געוואָרן בעהאַלטן. און ווען דער מלך המשיח וועט קומען, וועט ער טראָגן דעם דאָזיגן שטעקן, א).

א) זעט מיין בוך „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה״ (אין דייטש), זייטן 75־77.

אגב, אויך אהרן הכהן האָט געהאַט אַ שטעקן. לויט איין מיינונג איז עס געווען יהודה׳ס שטעקן. לויט אַן אַנדער מיינונג איז עס געווען משה׳ס שטעקן. אַנדערע האַלטן אַז משה האָט צעשניטן אַ באַליק אויף צוועלף טיילן, און ער האָט געהייסן די שבטים נעמען, יעדער איינער זיין שטעקן. אויף אַ הימלישן באַפעהל האָט דער שם המפורש, דעם אויבערשטנס נאָמען וועלכן מע טאָר נישט אַרויס רעדן, זיך באַוויזן אויף אהרן׳ס שטעקן. ער האָט צעבליט זיך, עס זיינען געוואַקסן מאַנדלען אויף אים, און די אידן זיינען געגליכן צו מאַנדלען.

און אַט דער דאָזיגער שטעקן האָט געפינען זיך שפּעטער ביי יעדער מלך, ביז דאָס בית המקדש איז געוואָרן חרוב, און ער איז געוואָרן בעהאַלטן. און דער מלך המשיח וועט האָבן דעם דאָזיגן שטעקן, ווי עס שטעהט אין פסוק: „מטה עזך ישלח ה׳ מציון״, דעם שטעקן פון דיין מעכטיגן וועט דער אַלמעכטיגער אויס שטרעקן פון ציון.

זעט: במדבר יז, כג; תהלים קי, ב; מדרש במדבר רבה ענדע פרשה יח; ילקוט שמעוני שמות רמזים קסח און תתסט.

דער קרעציגער פרעה

אין יענע טעג איז פּרעה'ס גאַנצער קערפּער באַדעקט געוואָרן מיט קרעץ. זיינע ראַט גיבערס האָבן אים געזאָגט אַז דאָס בלוט פון קליינע קינדער איז דאָס איינציקע מיטל געגן דער דאָזיקער קראַנקייט. יעדן טאָג האָט מען גע'שחט'ן אַ אידיש קינד פאַר דעם דאָזיקן צוועק. דריי הונדערט און פינף און זעכציק קינדער האָט מען אזוי געקוילעט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. די קראַנקהייט איז ניט געוואָרן בעסער. צען יאָר צייט האָט ער געליטן פון דער דאָזיקער קראַנקייט.

ווען מען האָט אים איין מאָל מודיע געוועזן, אַז די אידן טוען זייער אַרבעט ניט ריכטיק, האָט ער געגלויבט אַז זיי פוילן זיך, ווייל זיי ווייסן אַז ער איז קראַנק און זיי נוצן פּשוט אויס די געלעגנהייט, האָט ער זיך געלאָזט קיין גושן. קומענדיק אויף דער גרענעץ פון מצרים איז זיין פערד געפאַלן און ער אונטער דעם פערד. זיין לייב איז געוואָרן צעריסן. זיינע ביינער זיינען געוואָרן צעבראָכן. אַזוי אַז זיינע דינערס האָבן געמוזט צוריק פירן אים קיין מצרים. אַזוי ווי זיין סוף איז שוין געווען זעהר נאָענט, האָבן זיינע ראַט גיבערס און פירשטן געראָטן אים ער זאָל באַ-שטימען איינעם פון זיינע זין אַלס זיין נאָך פאָלגער.

פּרעה האָט געהאַט דריי זין: עתר, אדיקם, און מוריון, און צוויי טעכטער: בתי־ה און אכוסית. עתר, דער עלצטער איז געווען שוואַך זיניק. דאַגעגן אדיקם איז געווען זעהר קלוג און גלייכצייטיק געניט אין אַלע וויסנשאַפטן פון מצרים. ער איז אָבער געווען זעהר אַ מיאוס'ער. ער איז געווען דיק, קליין און האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד וועלכע האָט דערגרייכט ביז די קנעכל. דער קעניג האָט באַשלאָסן ביי זיך צו באַשטימען אדיקם'ן אַלס זיין נאָך פאָלגער. ווען זיין קראַנקייט איז געוואָרן פיל ערגער, האָט ער באַפוילן אַז אדיקם זאָל באַשטייגן דעם טראָן. דריי טעג שפּעטער איז דער קעניג געשטאָרבן אין גרויס שאַנד. דורך דעם שלעכטן גערוך פון זיין פאַרפוילטן קערפּער האָט מען ניט געקאָנט זיך צורירן צו אים. מען האָט אים דערפאַר ניט געקאָנט באַלזאַמירן ווי מען פלעגט עס טון מיט די אַנדערע קעניגע פון מצרים, און מען האָט אים גיך באַגראָבן אין די קעניגלעכע קברים פון צוען.

אַט אַזוי האָט געענדיגט זיין לעבן איינער, פון די מעכטיגע פּרעה'ס פון דעם צו יענער צייט מעכטיגסטן לאַנד מצרים, וועלכער האָט ממש געבאָדן זיך אין אידישער קינדערס בלוט.

נייער פרעה איז גרויזאַמער פון זיין פאָטער

זיין צוואַנציק יאָריקער זון אדיקם איז געוואָרן זיין נאָך פאָלגער. גאַנץ מצרים האָט אים גערופן פרעה, ווי מען האָט גערופן אַלע קעניגע פון מצרים. אָבער די קלוגע פלעגן אים רופן „אכוז״, ווייל אכוז איז אויף עגיפּטיש הייסט קורץ. אין גרויזאַמקייט האָט אדיקם איבער געשטיגן זיין פאָטער, מלול, וועלכן די אידן פלעגן רופן „מרור״, ביטער, און אַלע פריערדיקע קעניגע. אויך אונטער זיין הערשאַפט איז דער יאָך פון די אידן געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. ער אַליין פלעגט געהן מיט זיינע דינער קיין גושן און מאַכן שווערער די אַרבייט. ער האָט באַשטימט סאַדיסטישע אַכטונג גיבערס, און זיינע דינער האָט ער באַשטימט אַלס אויפזעער איבער זיי. ער האָט אויך באַשטימט אַ געוויסע צאָל ציגל וואָס די אידן האָבן געמוזט צושטעלן יעדן טאָג. זיינע אויפזעערס האָט ער באַפוילן צו לאָזן וויסן די אידישע אַכטונג גיבערס, אַז טאָמער וועלן זיי ניט מאַכן די באַשטימטע צאָל ציגל, וועלן זיי דאָס מוזן ערזעצן מיט די קערפּערס פון זייערע קינדער.

ווען די באַשטימטע צאָל ציגל איז ניט געוואָרן צוגעשטעלט, זיינען פרעה׳ס אויפזעערס אַוועק צו די אידישע פרויען, און זיי האָבן אַוועק געריסן פון זייערע שויסן אַ צאָל זויגלינגע, לויט דער צאָל ציגל וואָס עס האָט געפעהלט. די אויפזעערס האָבן געצווינגען די טאַטעס אַז יעדער איינער זאָל פאַרמויערן זיין אייגן קינד. די אומגליקלעכע טאַטעס האָבן מיט בלוטיקע טרעהרן אַרויף געלייגט זייערע קינדער אויף דער וואַנט און צוגעדעקט זיי מיט ליים. צוויי הונדערט און זיבעציק קינדער זיינען אומגעקומען אויף דעם דאָזיקן ברוטאַלן אופן.

אַ חוץ דעם האָט פרעה באַפוילן אַז מע זאָל זיי גיבן קיין שטרוי מעהר צו קנעטן די ציגל, ווי מען האָט געטון עס ביז איצט. נאָר זיי אַליין זאָלן געהן קלויבן דאָס שטרוי. אָבער פון דעם צאָל, ציגל וואָס זיי האָבן ביז איצט צוגעשטעלט טאָר גאָרנישט פעהלן. איר זאָלט מינערן גאָרנישט דערפון. ווייל זיי זיינען פויל, דערפאַר זוכן זיי אַן אויסרייד און שרייען, אַזוי צו זאָגן: מיר ווילן געהן שחט׳ן שלאַכט אָפּפערונגען צו אונזער אויבערשטן. און ער האָט געבאָטן צו מאַכן די אַרבעט שווערער פאַר די אידן, זיי זאָלן זיין פאַרנומען מעהר, און נישט באַשעפטיגן זיך מיט פאַלשע רייד.

און די אויף זעהערס האָבן געלאָזט וויסן דעם פאָלק: אַזוי האָט געזאָגט פרעה, איך גיב אייך קיין שטרוי. געהט אַליין געפינען עס. און פון אייער אַרבעט טאָר גאָר נישט ווערן געמינערט.

דער געטרייער פאסטעך

אין יענער צייט האט משה געהיט די שאף פון זיין שווער יתרו אין דער מדבר סין. דעם שטעקן וועלכן ער האט ארויס געריסן פון יתרו׳ס גארטן האט ער געהאט מיט זיך. איין מאל איז אנטלאפן א ציגעלע פון זיין טשערעדע. ער איז עס נאך געלאפן. דאס ציגעלע האט אפ געשטעלט זיך נעבן א טייך, און עס האט גענומען טרינקען. ווען משה איז צוגעקומען און האט דאס געזען, האט ער א זאג געטון: „איך האב ניט געוויסט אז דו ביזט אנטלאפן אויס דארשט. איצט ביזט דו דאך מסתמא מיד!" און ער האט גענומען דאס ציגעלע אויף די אקסלען און האט עס געטראגן צוריק. האט דער הייליקער, געלויבט איז ער, אן גערופן זיך און געזאגט: „ווייל דו האסט רחמנות אויף שאף וועלכע געהערן איינעם וואס איז בלוט און פלייש, דערפאר וועסט דו פאשן מיין טשערעדע ישראל".

ווען ער איז צוגעקומען צום אויבערשטנס בארג, חורב, איז ער צוגעצויגן געווארן צו אים ווי אייזן צו א מאגנעט. און ער האט געזען ווי א דארן בוים ברענט, אבער ער ווערט ניט פאר־צעהרט. פון מיטן דעם פייער האט זיך אנגערופן דעם אוי־בערשטנס שטימע און האט אים באפוילן צו געהן קיין מצרים

א) רשב״מ שמות ד, י. דער רשב״מ בויט זיין טייטש אויפ׳ן פסוק „ויאמר אלי: בן אדם, לך בא אל בית ישראל ודברת דברי [אין פסוק שטעהט בדברי] אליהם. כי לא אל עם עמקי שפה וכבדי לשון אתה שלוח אל בית ישראל. לא אל עמים [אין פסוק שטעהט עמים רבים] עמקי שפה וכבדי לשון אשר לא תשמע דבריהם", וגומר [יחזקאל ג, ד־ו].

און דארט איז דאך „וכבדי לשון" ניט די טייטש שוועהר אויפן לשון, זיך זאאיקן, שטאטערן. דארט מיינט עס דאך אז דער אויבערשטער האט געזאגט צום נביא יחזקאל: דו ביזט ניט געשיקט צו א פאלק וועמענס שפראך דו פארשטעהסט ניט [זעט רש״י און רד״ק דארט].

און דער רשב״מ פרעגט: „וכי אפשר נביא אשר ידעו השם פנים אל פנים, וקיבל תורה מידו לידו, היה מגמגם בלשונו! ואין דבר זה בדברי התנאים והאמוראים, ואין לחוש לספרים החצונים". איז עס דען מעגליך אז א נביא [משה] וועמען דער אויבערשטער האט געקענט פנים אל פנים און וועלכער האט מקבל געווען די תורה דירעקט פון זיין האנט, איז געווען שוועהר אויפן לשון, א שטאמלער! און מיר געפינען דאס ניט אין די ווערטער פון די תנאים און אמוראים. און דאס וואס דער טייטש אז משה איז געווען שוועהר אויף דער שפראך ווערט געבראכט אין אנדערע ערטער [צום ביי שפיל, אין דברי הימים של משה רבינו, אין בית המדרש, עדיציע יעללינעק, חדר ב, זייט 4] דארף מען זיך ניט רעכענען מיט ספרים חיצונים. זעט רשב״מ על התורה, עדיציע ראזין, הוצאת אום.

צום קעניג פרעה, צו באַפרייען די אידן. אָבער משה, וועלכער האָט פיינט געהאַט צו שפּילן די ראָלע פון אַ פירער, האָט זיך געוועהרט געגן דער דאָזיגער מיסיע מיט אַלע קרעפטן.

משה האָט געוואָלט אַז דער אַלמעכטיקער אליין זאָל באַ־פרייען די אידן. ווי ער האָט עס צוגעזאָגט די אבות פון ישראל. זיבן טעג נאָך אַנאַנד האָט דער אויבערשטער צוגערעד אים, און ער האָט אים אויך פאַרזיכערט, אַז די יעניגע, וועלכע האָבן געוואָלט אים אומברענגען זיינען שוין אוים געשטאָרבן. דער אוי־בערשטער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן ביז משה, ווען ער האָט באַשטימט אַלם די אידנם אויסלייזער, וועט איינשטימען.

משה האָט אפילו גע׳טענה׳עט „כבד פה וכבד לשון אנכי״, איך באַהערש ניט די עגיפּטישע שפּראַך, דעם עגיפּטישן דיאַלעקט. וואָרום איך בין אַנטלאָפן פון מצרים אין מיין יוגנד, און איצט בין איך שוין אַן אכציקער, א). אָבער ער האָט ענדליך צו געשטימט.

משה איז אוועק צו זיין שווער און ער האָט דערצעהלט אים אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים. ער האָט אים געבעטן דערלויבעניש צו פאַרלאָזן מדין, ווייל ער האָט אים דאָך אַמאָל צוגעזאָגט ניט צו פאַרלאָזן מדין און געהן קיין מצרים אָהן זיין דערלויבעניש. דאַרויף האָט יתרו געענטפערט איהם: געה לשלום״.

דער אבן עזרא שטימט ניט איין מיטן רשב״מ׳ס טייטש. ער זאָגט „והאומר ששכח לשון מצרים איננו נכון״, און דער וועלכער זאָגט אַז משה רבינו האָט פאַרגעסן די עגיפּטישע שפּראַך, איז עס ניט ריכטיק. זעט דעם אבן עזרא׳ס טעם אין זיין פירוש אויף שמות ד, י.

און איך אהרן בר׳ משה באַמערק, אַז דער נביא עמוס ווערט אַן גערופן עמוס, ווייל „עמוס בלשונו״, ער איז געווען מגמגם בלשונו, אַ שטאַמלער. זעט:

פסיקתא דרב כהנא קכה, ב, הוצאת אום; ויקרא רבה י, ב; קהלת רבה א, ב; רש״י ישעיה ו, ח און ג, ה, אין עמוס ז, יד; אברבנאל עמוס ג, זייט רמד, ד.

און נאָך אַמאָל אַגב. דער אויבערשטער האָט דאָך געזאָגט משה׳ן: „לא תוכל לראות את פני, כי לא יראני האדם וחי״, דו קאָנסט נישט זען מיין פנים, ווייל קיין מענטש קאָן זען מיין פנים און בלייבן לעבן, שמות לג, כ.

„והסירותי את כפי וראית את אחורי, ופני לא יראו״, און איך וועל אָפּ טון מיין האַנד, וועסט דו זען מיין רוקן; אָבער מיין פנים קאָן נישט ווערן געזען, שמות לג, כג.

משה האָט געזאָגט צו די אידן „פנים בפנים דבר ה׳ עמכם״, פנים צו פנים האָט דער אויבערשטער גערעד מיט אייך, דברים ה, ד. מיינט עס דען ממש אַז דער אויבערשטער האָט גערעד מיט די אידן פנים צו פנים!

זעט: די תרגומים אונקלוס, יונתן בן עוזיאל, ירושלמי און די מפרשים רש״י, אבן עזרא, רמב״ג, רשב״ם, ספורנו אויף שמות לג פסוקים יא, כ און כג; דברים ה, ד און לד, י.

משה אויפן וועג קיין מצרים

נאך דעם ווי משה האט באקומען די דערלויבעניש, האט ער גענומען זיין פרוי און זייערע צוויי זין, און ער האט זיך געלאזט קיין מצרים. דעם הימלישן שטעקן האט ער מיטגענומען מיט זיך. ווען ער מיט די זייניקע זיינען אפגעטרעטן אין א סטאנציע איז געקומען דער מלאך גבריאל, אין דער געשטאלט פון א פייער־שלאנג, און האט געוואלט אים טויטן, ווייל ער האט דאך ניט מל געווען זיין זון אליעזר. דער מלאך האט אים איינגע־שלונגען פון דעם קאפ ביז צו דער דיך. צפורה האט פערשטאנען אז דאס איז דערפאר וואס מען האט ניט מל געווען אליעזר'ן, האט זי געכאפט א שארפן שטיין און האט אים מל געווען. אזוי האט צפורה אפגעראטעוועט משה'ן צוויי מאל פון טויט.

זי האט אפגעראטעוועט משה'ן פון דעם טויט דאס מאל. און זי האט אפגעראטעוועט אים פון א זיכערן טויט, ווען איר פאטער יתרו האט איינגעשפארט אים אין טורמע, וואו ער האט געשמאכט גאנצע צען יאר, און צפורה האט געשפייזט אים די גאנצע צען יאר געהיימערהייט, א).

ביים אויבערשטנס בארג האט ער באגעגנט אהרן'ען. ער איז זיי געגאנגען אנטקעגן אויף דעם אויבערשטנס באפעהל. אהרן'ען איז אבער ניט געפעלן וואס משה האט מיטגענומען זיין פרוי צפורה, מיט די קינדער. ער האט געזאגט צו משה'ן:

„מיר זיינען באזארגט וועגן די וועלכע זיינען שוין דא, ברייננסט דו נאך מעהר"!

ער האט געראטן משה'ן ער זאל שיקן זיי צוריק, און משה האט אים געפאלגט. ער האט געזען ווי די פרוי און די קינדער זיינען אין געפאר, האט ער זיך געטראכט: זיין שווער וואוינט ווייט פון דאנען, וועט ער שיקן זיי אהין פון זיכערקייט וועגן.

א) זעס זייט עג.

משה אין מצרים, צווייטער פעריאָד

משה און אהרן ביי פרעה׳ן

קומענדיק קיין מצרים זיינען משה און אהרן באַלד אוועק צו די אידן און האָבן זיי מיטגעטיילט, אַז זיי זיינען געשיקט פונעם אַלמעכטיקן צו באַפרייען זיי פון דער קנעכטשאַפט. דאָס פאָלק האָט מיט גרויס שמחה אויף גענומען די דאָזיקע ידיעה. משה און אהרן זיינען דעמאָלט אוועק צו פרעה׳ן.

ביי דעם טויער פון דעם קעניגלעכן הויף זיינען געשטאַנען צוויי לייבן צו געשמיד צו אייזערנע קייטן. די לייבן האָבן קיינעם אַריין געלאָזט, אַ חוץ די, וועלכע דער קעניג האָט געוואָלט זען. און אויך די האָבן געקאָנט אַריין נאָר דורך דער הילף פון די צויבערערס.

צו געקומען צום טויער, האָט משה אויף געהויבן דעם הימלישן שטעקן איבער די לייבן. ער האָט אָפּ געבונדן זיי פון די קייטן, און ער מיט אהרן׳ען זיינען אריין אין פאַלאַץ אין דער פריינטלעכער באַגלייטונג פון די לייבן. ווען פרעה און די אַלע קעניגע, וועלכע זיינען געקומען יענעם טאָג עהרן אים, האָבן דאָס דערזען, זיינען זיי געוואָרן דערשטוינט. אויף פרעה׳ס פראַגע, וואָס זיי ווילן, האָט משה געענטפערט:

„דער אויבערשטער פון די עברים (אידן) האָט אונז געשיקט צו דיר מיט דעם פאָלגענדיקן אויפטראָג: שיק אַרויס מיין פאָלק, כדי עס זאָל מיך דינען".

פרעה האָט זיך זעהר דערשראָקן פאַר זיי, ווייל זייער געשטאַלט איז געווען הימליש. און ער האָט איין געלאַדן זיי צו אַן אונטער רעדונג אויפן צווייטן טאָג. דערווייל האָט ער גערופן דעם כישוף מאַכער בלעם, און זיינע זין יונוס און ימברוס און אַלע אַנדערע צויבערערס, צייכן דייטערס און ראַט גיבערס, צו מיט טיילן זיי די דאָזיקע אַנגעלעגנהייט. בלעם איז געווען מיט דער מיינונג, אַז משה און אהרן זיינען ניט אַנדערש ווי כישוף מאַכערס, ווי ער און זיינע קאָלעגן. ער האָט פאָרגעשלאָגן מען זאָל זיי רופן און פעסטשטעלן.

פרעה האָט געשיקט רופן משה׳ן און אהרן׳ען. ווען זיי זיינען געקומען אין הויף אריין און האָבן געשטעלט נאָך אַמאָל די זעלבע פאָדערונג, האָט פרעה געזאָגט, אַז אויב זיי ווילן

ווייזן ווינדערס, וועט ער זיי דעמאָלט גלויבן. אהרן האָט מיט זיין שטעקן געוויזן ווינדערס. אָבער אויך פרעה'ס כישוף מאַכערס און אפילו זיין פרוי און פיר און פינף־יאָריקע קינדער האָבן באַוויזן צו ווייזן די זעלבע ווינדערס. איין פאַרצוג, אָבער, האָבן משה און אהרן יאָ געהאַט. נעמלעך, זייער שטעקן האָט פאַרשלונגען די שטעקנס פון פרעה'ס כישוף מאַכערס. דאָס האָט פאַראורזאַכט, אַז פרעה זאָל הייסן ברייגגען צו זיך די כראָניקעס פון די עגיפּטישע קעניגע, אין וועלכע די נעמען פון די עגיפּטישע געטער זיינען געווען פאַרשריבן. אַזוי ווי דער נאָמען פון דעם אידישן אויבערשטן איז ניט געווען פאַרשריבן, האָט ער ניט געוואָלט הערן פון משה'ס פאָדערונגען.

משה און אהרן האָבן געבעטן פרעה'ן, ער זאָל דערלויבן די אידן צו ציען דריי רייזע־טעג וויט אין דער מדבר, אום צו ברייגגען קרבנות. ווייל זינט יעקב אבינו איז אַוועק קיין מצרים, האָבן זיי געבראַכט קיין קרבנות. און טאָמער וועט ער ניט לאָזן, וועט דער אַלמעכטיקער אים שלאָגן מיט מכות. פרעה האָט זיך נאָך געפּרעגט וועגן די טאַטן פון דעם דאָזיקן אויבערשטן. ווען משה און אהרן האָבן אָנגעהויבן שילדערן זיינע טאַטן און צווישן אַנדערע אויך דערציילט, אַז ער האָט טאַקע אויך אים, פרעה'ן, בעשאַפן אין זיין מוטערס לייב, אים געגיבן אָטעם, וועלכן ער וועט ווידער אַוועק נעמען, איז פרעה, וועלכער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ גאָט, געוואָרן אין כעס, און ער האָט אַרויס געטריבן זיי פון דעם פאַלאַץ. פרעה האָט באַפוילן מען זאָל די אידן אונטער־דריקן נאָך מעהר, און אַז זיי זאָלן ארבעטן אויך שבת.

ווען משה און אהרן האָבן געזען, אַז פרעה אונטער־דריקט די אידן נאָך מעהר, האָט משה זיך געווענד צום רבונו של עולם און געזאָגט: „פאַרוואָס טוסטו דו שלעכטס דעם דאָזיגן פאָלק? צו וואָס האָסטו דו איבערהויפּט געשיקט מיך? און זינט איך בין געקומען צו פרעה'ן צו רעדן אין דיין נאָמען מאַכט ער דאָך די לאַגע פון די קינדער פון ישראל נאָך שווערער. און אָפּ געראַטעוועט דיין פאָלק האָסט דו נישט". דערויף האָט דער אוי־בערשטער געענטפערט אים אַז ער וועט נאָך זען מיט די אייגענע אויגן „וואָס איך וועל טון צו פרעה'ן. ווארום דורך מיין מעכטיגער האַנד וועט ער אַוועק שיקן זיי, און מיט אַ מעכטיגער האַנד וועט ער אַרויס טרייבן זיי [געגן זייער ווילן] פון זיין לאַנד", א). משה און אהרן זיינען געבליבן ביי זייערע ברידער.

א) שמות קאַפּיטל ה, פסוק כב ביז קאַפּיטל ו פסוק ו, און זעט דאָרט רש"י ו, א.

די מכות

צוויי יאָר שפּעטער האָט דער אויבערשטער נאָך אַמאָל געשיקט משה׳ן צו פּרעה׳ן, אַז ער זאָל אַרוים שיקן דאָס פאָלק ישראל פון זיין לאַנד. אָבער ווען פרעה האָט איצט ווי פריער ניט געוואָלט פאָלגן דעם אויבערשטנס שטימע, איז דאָס לאַנד מצרים געשלאָגן געוואָרן מיט צען מכות. דריי מכות האָט געבראַכט אהרן, דריי האָט געבראַכט משה, דריי האָט געבראַכט דער אַלמעכטיקער און איינע האָבן געבראַכט דער אויבערשטער, משה און אהרן צוזאַמען. פאַר יעדער מכה זיינען די מצריים געוואָרן געוואָרנט פיר און צוואַנציק טעג נאָך אַנאַנד, און די מכה אַליין האָט אָן געהאַלטן זיבן טעג.

און עס איז געווען אין יענע טעג, ווען פרעה האָט ניט געוואָלט אַרויס לאָזן דאָס פערשקלאַפטע פאָלק ישראל פון זיין לאַנד מצרים. האָט דער הייליגער, ברוך הוא, געזאָגט צו משה רבינו: „שטעה אויף גאַנץ פרי און געה אַרויס צום טייך און זאָג פרעה׳ן: „דער אויבערשטער פון די העברעער (אידן) האָט געשיקט מיך צו זאָגן דיר: „שיק אַרויס מיין פאָלק זיי זאָלן דינען מיך אין דער מדבר. טאָמער ניט, וועל איך פערוואַנדלען דעם טייך אין בלוט. איך וועל שטראָפן אים מיט דער זעלבער זאַך, מיט וועלכער ער האָט געגרויסט זיך. ער האָט געזאָגט: דער טייך איז מיינער, איך האָב בעשאַפן אים! וועט זיך טאַקע אַט דערפון אָן הויבן זיין אומגליק״.

און דער אַלמעכטיגער האָט געהייסן משה׳ן געהן גאַנץ פרי צום טייך דערפאַר, ווייל פרעה האָט געהאַלטן זיך פאַר אַ גאָט. פלעגט ער געהן אַלע גאַנץ פרי צום טייך פאַר נאַטירליכע בעדאַרפעניש, כדי קיינער זאָל זען.

איז דער געטרייער פאַסטעך משה געגאַנגען, און פיר און צוואַנציג טעג נאָך אַנאַנד האָט ער געוואָרנט דעם בייז ווילינגן פרעה. אָבער דער רשע פרעה האָט געמאַכט הארט זיין הארץ, און ער האָט ניט געוואָלט צו הערן זיך צו משה׳ס רייד.

א) דם, בלוט

האָט דער הייליגער, געבענטשט זיי ער, געזאָגט צו משה׳ן: זאָג אהרן׳ען ער זאָל פערוואַנדלען דאָס וואַסער פון מצרים אין

בלוט. ווייל דאָס וואַסער האָט געראַטעוועט דיך אַ מאָל, איז ניט יושר'דיג אַז דו זאָלסט עס שלאָגן.

איז אהרן, משה'ס ברודער, געגאַנגען און ער האָט אויס געשטרעקט דעם הימלישן שטעקן איבער אַלע וואַסערן פון מצרים. און אַלע וואַסערן פון דעם גאַנצן לאַנד מצרים זיינען געוואָרן פערוואַנדעלט אין בלוט. אפילו דאָס וואַסער וואָס האָט געפונען זיך אין הילצערנע אָדער שטיינערנע כלים איז אויך פערוואַנדעלט געוואָרן אין בלוט. אַז אַ מצרי, אַן עגיפּטער, האָט אויס געשפּיגען, איז באַלד געוואָרן בלוט דערפון. און אויך פון אַלע אָפּגעטער איז גערונען בלוט.

און ווען אידען און מצריים זיינען געגאַנגען צוזאַמען אָנ־פילען זייערע פעסער מיט וואַסער, זיינען די אידישע פעסער געוואָרן פול מיט וואַסער, און די עגיפּטישע פעסער זיינען געוואָרן פול מיט בלוט. האָבען די מצריים ניט געקאָנט טרינקען, און זיי האָבן געהאַט קיין וואַסער צו טרינקען.

פלעגט אַ מצרי זאָגען צו אַ אידען: „לאָמיר ביידע אין איינעם אָנשעפּן אַ כלי און טרינקן צוזאַמען פון דער זעלבער כלי". פלעגן זיי ביידע איין בויגן זיך און טרינקען מיט זייערע מיילער פון דער כלי. אָבער דער איד האָט געטרינקען וואַסער און דער מצרי האָט געטרינקען בלוט.

האָבען די מצריים געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו קויפן וואַסער ביי די אידן פאַר אַ טייערן פּרייז. און די אידן זיינען געוואָרן זעהר רייך דערפון.

גאַנצע זיבן טעג האָט געדויערט די דאָזיגע מכה.

ב) צפרדע, פראָשן, זשאַבעס

אבער אַזוי ווי פּרעה איז געבליבן פאַר'עקשנ'ט, איין געשפּאַרט, און ער האָט ניט געוואָלט בעפרייען דאָס פאָלק ישראל, איז ער ווידער געוואָרן געוואָרנט גאַנצע פיר און צוואַנציג טעג אַז דער אַלמעכטיגער וועט אַן שיקן אויף זיין לאַנד פראָשן, זשאַבעס. דער אַלמעכטיגער האָט געזאָגט: זאָל קומען אַ בעשאַפעניש וואָס לעבט אין וואַסער און באַשטראָפן די מצריים, וועלכע ווילן אום בריינגען אַ פאָלק, וואָס וועט מקבל זיין די תורה וועלכע איז געגליכן צו וואַסער.

און אהרן האָט אויס געשטרעקט זיין שטעקן איבער אַלע טייכען פון מצרים. אַ פראָש איז אַרויס, און זי האָט אָן געהויבן

קוואַקען. עס זיינען צונויף געלאָפן זיך אַזוי פילע פראָשן, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרן באַדעקט פון זיי. און אַז די עגיפּטער, די מצריים, האָבן אָן געהויבן צו שלאָגן זי, האָט זי אָן געהויבן שפּריצן מיט אַהן אַ שיעור זשאַבעס.

און וואו נאָר אַ מצרי איז געשטאַנען, האָבן אָן געהויבן באַלד באַוויזן זיך פראָשן. זיי פלעגן אויך דורך דרינגען דורך די שטאַרקסטע מעטאַלן. זיי פלעגן צו קריכן צו די מאַרמאָר שטיינערנע פּאַלאַצן און זאָגן צו זיי: „מיר זיינען געשיקט פון ,ברוך שאמר והיה העולם', פון דעם געלויבט זיי דער וועלכער האָט געגיבן אַ זאָג, און די וועלט איז געוואָרן בעשאַפן". האָבן די ווענט פון די פּאַלאַצן אַליין געשפּאָלטן זיך.

און ווען אָן עגיפּטישע פרוי האָט געקנאָטן טייג און איין געהייצט דעם אויוון, זיינען געקומען די זשאַבעס און זיי האָבן צעפרעסן דאָס טייג, און נאָך דעם זיינען זיי אַריין אין אויוון אַריין. זיי האָבן אָפּ געקילט אים, און זיי האָבן גענומען זיך צום ברויט.

און ווען פרעה האָט געטרינקען וואַסער און אַ טראָפּן האָט פאַרגאָסן זיך אויף זיין ברוסט, איז געוואָרן דערפון תיכף אַ פראָש, און זי איז געבליבן דאָרט.

ג) כנים, לייז

און אַז פרעה האָט נאָך אַלץ געמאַכט האַרט זיין האַרץ, האָט אהרן אוים געשטרעקט זיין שטעקן, און ער האָט געשלאָגן דעם שטויב פון דעם לאַנד מצרים, און פון דעם גאַנצן שטויב אין דעם גאַנצן לאַנד מצרים איז געוואָרן לייז. אויך די דאָזיגע מכה האָט אהרן אַליין געבראַכט. דער אַלמעכטיגער האָט געזאָגט צו משה'ן: „דערפאַר וואָס דאָס זאַמד האָט געראַטעוועט דיך, ווען דו האָסט דער'הרג'עט דעם מצרי, איז קיין יושר אַז דו זאָלסט עס שלאָגן".

און די דאָזיגע מכה האָט דער אויבערשטער געבראַכט דער פאַר, ווייל ער האָט געוואָלט עס זאָל קומען אַ זאַך וואָס איז בעשאַפן פון שטויב, און זאָל נוקם זיין זיך אין די מצריים וועלכע זוכן צו אום ברענגען אַ פאָלק וואָס איז געגליכן צו שטויב, ווי עס שטעהט געשריבן: „און איך וועל מאַכן דיינע קינדער אַזוי צאָל רייך ווי שטויב".

אבער אויך די דאזיגע מכה האט נישט געמאכט ווייכער דעם רשע'ס הארץ. ער האט נאך אלץ נישט געוואלט בעפרייען די אומזיסטע שקלאפן.

ד) ערוב, א געמיש פון ווילדע חיות

ווען דער רשע פרעה האט געזעהן ווי משה רבינו קומט צו אים אלע אין דער פרי, האט ער באשלאסן ביי זיך אוועק צו געהן פון הויז נאך פריער. איז דאך אבער דער הייליגער, געבענטשט איז זיין נאמען, א „בוחן לבבות", ער ווייסט דאך וואס עס טוט זיך אין די מענטשענס הערצער, האט ער געזאגט צו משה'ן: „דו זאלסט ויסן אז דער רשע האט בדעה צו טון אזוי און אזוי, געה זשע אלזא נאך פריער".

איז משה געגאנגען צו דעם רשע און ער האט געווארענט אים. אבער דער בייז וויליגער פרעה האט געמאכט הארט זיין הארץ, און ער האט ניט געוואלט הערן.

האט דער הייליגער, ברוך הוא, געזאגט: זאלן קומען לייבן, שלאנגען און בערן און שטראפן די מצריים דער פאר וואס זיי זוכן צו אום ברענגען א פאלק וואס איז געגליכן צו די דאזיגע חיות.

איז געגאנגען דער צדיק משה און ער האט געבראכט איבער דעם גאנצן לאנד מצרים א געמיש פון אלערליי חיות. פארשידענע פייגל זיינען אראפ פון אויבן, און לייבן, בערן, וועלף און לעמפערטן פון אלע זייטן אונטן.

און דערפאר ווייל פרעה איז געווען דער ערשטער צו אן הויבן צו טשעפען זיך צו די אידן, זיינען די געמישטע חיות געקומען צוערשט אין זיין הויז, און דער נאך ערשט אין די הייזער פון אלע אנדערע מצריים. און זיי האבן פערדארבן, געמאכט א טעל פון דעם גאנצן לאנד.

אבער קיין גשן, וואו די אידן האבן געוואוינט, זיינען די חיות ניט געקומען. ווייל קודשא בריך הוא האט געמאכט א צווישן שייד צווישן די אידן און די מצריים.

ווען פרעה האט דערזען ווי שווערער די מכה איז, האט ער מסכים געווען צו לאזן די אידן געהן אויף דריי טעג דינען דעם אלמעכטיגן, אבער מיט דעם תנאי אז זיי זאלן ניט אוועק געהן צו ווייט. האט משה געבעטן דעם אויבערשטן, און די מכה האט אפ געטון זיך.

ווי נאָר די מכה האָט אָפּ געטון זיך, האָט דער רשע ווידער אַ מאָל געמאַכט הארט זיין הארץ, און ער האָט ניט געוואָלט לאָזן אַרויס דאָס פאָלק ישראל.

ה) דבר, אַ פּעסט, אַ פּלאָג

האָט דער אַלמעכטיקער געזאָגט: זאָל קומען אַ מגפה און באַשטראָפן די מצריים וועלכע זוכן צו אום ברייננגען אַ פאָלק וואָס איז מוסר נפש זיך פאַר מיין נאָמען.

און משה האָט געבראַכט אַ מגפה, אַ פּעסט איבער דעם גאַנצן לאַנד מצרים, און זי האָט אַוועק געלייגט אַלע בהמות. דאָס האָט דער אויבערשטער געטון דערפאַר, ווייל די מצריים האָבן געמאַכט אידן פאַר פּאַסטעכער אין די מדבריות, כדי זיי זאָלן ניט מעהרן זיך.

און אום געקומען זיינען אַלע בהמות פון די מצריים. אָבער אַלע אידישע בהמות זיינען געבליבן לעבן. נאָך מעהר, טאָמער האָט אַ מצרי געהאַט אַ בהמה, אויף וועלכער אַ איד האָט געהאַט אַ שטיקל טענה אַז זי איז זיינע, איז אויך זי געבליבן לעבן. און ווען אַ איד און אַ מצרי האָבן געהאַט בשותפות אַ בהמה, איז אויך זי געוואָרן ניצול פון דער מגפה.

ו) שחין, געשווירן, פּאָרך

אַזוי ווי אָבער פּרעה׳ס הארץ איז נאָך אַלץ געבליבן פאַר׳עקשן׳ט, איינגעשפּאַרט, האָט דער הייליגער, ברוך הוא, געזאָגט צו משה׳ן און צו אהרן׳ען: נעמט אָן פולע הויפענס מיט אַש און וואַרפט עס אין הימל אריין, וועט גאַנץ מצרים ווערן געשלאָגן מיט געשווירן. האָבן זיי געטון ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן זיי.

משה און אהרן האָבן גענומען הויפנס מיט אַש, געוואָרפן עס אין דער לופטן, און יעדער מצרי און יעדע בהמה איז געוואָרן געשלאָגן מיט געשווירן. אפילו די כישוף מאַכערס זיינען געוואָרן פּאַרכיג, פול מיט געשווירן. דאָס אַש איז געוואָרן פער־וואַנדעלט אין שטויב, דער שטויב האָט פאַרשפּרייט זיך איבער גאַנץ מצרים, אויף אַלע מענטשן און בהמות, און עס האָט אויס געשלאָגן בלאָטערס אויף אַלע קערפּערס.

און דער אלגעגנווארטיגער האט געזאגט: ביז איצט האט דער רשע פרעה אליין געמאכט הארט זיין הארץ נאך יעדער פון די ערשטע פינף מכות. פון איצט אן און ווייטער וועל איך שוין מאכן זיין הארץ הארט, כדי איך זאל קאנען באצאלן אים ווי עס בעדארף צו זיין.

און דער אויבערשטער האט געמאכט שטארק פרעה'ס הארץ, און ער האט נישט צו געהערט זיך צו משה'ן מיט אהרן'ען.

ווען פרעה האט געזען ווי משה קומט צו אים יעדען אין דער פרי צום טייך, האט ער באשלאסן ניט צו געהן ארויס פון דעם הויז. האט הקדוש, ברוך הוא, געזאגט צו פרעה'ן: „און דו רשע! דו מיינסט דאך אז איך קאן ניט פארטיליגען דיך פון דער וועלט. לערן זשע דיך אפ פון דער מכה „דבר". ווען איך זאל געוועען שיקן די דאזיגע מכה אויף דיר און אויף דיין פאלק, וואלט איך דאך געוועען פארטיליגט אייך. איך האב עס אבער ניט געטון כדי דיר צו ווייזן מיין מאכט, און כדי דו זאלסט דערצעהלן וועגן מיין שטארקייט דער גאנצער וועלט".

ז) ברד, האגל

און דער האר פון דער וועלט האט געמאכט א קריץ אין דער וואנט, און ער האט געזאגט צו פרעה'ן: „ווען די זון וועט מארגן דערגרייכן דעם דאזיגן קריץ, וועט אראפ נידערן א האגל; א האגל וועמענס גלייכן עס איז נאך ניט געוועען אויף דער וועלט".

און דער פאר וואס די מצריים האבן געצווינגען די אידן זיי זאלן היטן זייערע סעדער און וויין גערטנער, האט דער אל-מעכטיגער געבראכט אויף זיי א האגל, ער זאל אלץ חרוב מאכן, פארוויסטן אלץ.

האט אראפ גענידערט א האגל געמישט מיט פייער, און די מצריים זיינען געווארן געשלאגן דורך האגל און דורך פייער. די אלע וועלכע דער האגל האט ניט אום געבראכט, האט דאס פייער פארברענט.

און געפאלן איז דער האגל אזוי הויך, אז עס זיינען געווארן ווענט פון אים. האבן די בהמות ניט געקאנט אנטלויפן. און ווען די מצריים האבן געקוילעט די בהמות, כדי צו קאנען נוצן דאס פלייש, האבן אראפ גענידערט פייגל פון אויבן, און זיי האבן עס אויף געגעסן.

און דאס גאנצע גראז, אלע ביימער און געוויקסן זיינען

געוואָרן פאַרוויסט. עס איז, אָבער, געשעהן אַ נס, און דער ווייץ איז איבער געבליבן. און אין גשן, דאָרט וואו די אידן האָבן געוואוינט, איז געווען קיין האָגל.

האָט פרעה געשיקט רופן משה׳ן און אהרן׳ען, און ער האָט געזאָגט צו זיי: „דער אויבערשטער איז גערעכט, און איך און מיין פאָלק זיינען רשעים, א). האָט משה געטון תפילה און דער האָגל האָט אויפגעהערט. אָבער פרעה׳ס האַרץ איז געוואָרן האַרט, און ער האָט נישט געוואָלט בעפרייען די אידן.

ח) ארבה, היישעריקן

האָט דער אויבערשטער אָן געשיקט היישעריקן אויף מצרים. ער האָט געזאָגט: „דער פאַר ווייל די מצריים, די עגיפטער, האָבן געצווינגן די אידן צו זייען זייער תבואה, וועט קומען דער היישעריק און ער וועט פאַרניכטן אַלץ וואָס די אידן האָבן פאַרזייעט פאַר די מצריים״.

די מצריים האָבן אַפילו געפרעהט זיך אַ ביסל מיט דעם היישעריק. ווייל זיי האָבן געכאַפּט פיל׳ע פון זיי, און זיי האָבן זיי געמאַרענירט צו עסן. אָבער ווען דער רשע פרעה האָט געבעטן משה׳ן און אהרן׳ען זיי זאָלן טון תפילה, אַז דער היישעריק זאָל אָפּ טון זיך. האָט דער אַלמעכטיגער געשיקט אויף משה׳ס געבאָט אַ מערב ווינט, און אַלע היישעריקן זיינען פאַרשווינדן. אויך אַלע היישעריקן, וועלכע זיינען געווען איין געזאַלצן אין די פעסער און אין די טעפּ, זיינען פאַרשוואונדן, און עס איז ניט איבער געבליבן אפילו איינער.

ט) חושך, פינצטערניש

און אַז פרעה איז ווידער געבליבן אַן עקשן, האָט דער אַלקעגנוואַרטיגער אָן געשיקט אויף מצרים אַ פינצטערניש פון דעם גיהנם, וואָס איז געווען אַזוי געדיכט ווי אַ מטבע. דער הייליגער, ברוך הוא, האָט געזאָגט: זאָל קומען פינצטערניש וואָס

א) עס איז פאַראַן אַ טייטש אַז דער רשע פרעה האָט געזאָגט: „ה׳ הצדיק, ואני — ועמי הרשעים״, דער אויבערשטער איז גערעכט, און איך — און מיין פאָלק זיינען רשעים.

זעט מיינע ספרים „לכבוד שבת״ און „געדאַנק און חכמה״ [אין אידיש] אויף אַלע סדרות.

איז אַפּ געשייד פון ליכטיקייט, און באַשטראָפן די מצריים דער פאַר, ווייל זיי ווילן אום ברייגגען אַ פאָלק וואָס איז אַפּ געשייד פון אַלע פעלקער פון דער וועלט.

אין דעם פאַרלויף פון די ערשטע דריי טעג איז דאָס פינצטערניש געווען ניט אַזוי שטאַרק געדיכט. ווער עס איז געזעסן, האָט געקאָנט אויף שטעלן זיך. און ווער עס איז גע־שטאַנען האָט געקאָנט אַנידער זעצן זיך. אָבער אין די צווייטע דריי טעג איז דאָס פינצטערניש געווען אַזוי געדיכט, אַז ווער עס איז געזעסן האָט ניט געקאָנט אויף שטעלן זיך. און ווער עס איז געשטאַנען האָט ניט געקאָנט אַנידער זעצן זיך. דער זיבעטער טאָג פינצטערניש איז געווען ביי דעם ים סוף.

פרעה האָט שוין אפילו געוואָלט שיקן אַרויס די אידן דינען דעם אויבערשטן, אָבער מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלן איבער לאָזן די שאָף און די רינדער אין מצרים.

דעם עגיפּטישן קעניג פרעה האָט זיך זעהר נישט געוואָלט לאָזן אַרויס די אומזיסטע אידישע שקלאַפן פון זיין לאַנד מצרים. נישט געקוקט דאַרויף וואָס דער אַלמעכטיגער האָט שוין געהאַט געבראַכט אויף מצרים ניט ווייניגער פון ניין מכות, וועלכע האָבן רואינירט דאָס גאַנצע לאַנד, איז פרעה נאָך אַלץ געבליבן דער אום בויגזאַמער עקשן, און ער האָט ניט געוואָלט באַפרייען די אידן.

איז משה רבינו נאָך אַ מאָל אַוועק צו פרעה׳ן, און ער האָט געזאָגט צו אים: „לאָז אַרויס מיין פאָלק ישראל פון דיין לאַנד. אויב ניט, זאָלסט דו וויסן אַז היינט ביינאַכט וועלן אוים שטאַרבן אַלע בכורים פון מצרים". האָט פרעה ניט גענומען אים ערנסט. ער האָט נאָך אפילו געמאַכט חוזק פון אים. וואָרום ער האָט געטראַכט זיך, וויפיל, אַ שטייגער ערשטע געבאָרענע קאָנען שוין אין גאַנצן זיין אין מצרים! אָבער דער טיפש האָט ניט געוויסט, אַז כמעט אַלע מצריים זיינען געווען בכורים. ווייל די מצריים האָבן געפירט אַ זעהר אוים געלאַסן לעבן. זיינען כמעט אַלע זייערע קינדער געווען ממזרים. יעדער איינער איז געווען אַ בכור פון דעם פאַטערס צד. און ער האָט צעשריען זיך אויף משה׳ן און געזאָגט צו אים: „וויפיל נאָך מאָל וועסט דו קומען צו מיר! געה אַוועק פון מיר. היט זיך דו זאָלסט מעהר ניט זען מיך, דו זאָלסט מעהר נישט ווייזן זיך פאַר מיינע אויגן".

דאַרויף האָט משה געענטפערט אים: „דו האָסט גערעד זעהר גוט. איך וועל דיך שוין מעהר ניט זען". און כדי משה זאָל ניט בלייבן אַ ליגנער, האָט דער אַלגעגנוואַרטיגער באַוויזן

זיך, אויב מען מעג אזוי אויסדריקן זיך, אין פרעה׳ס פאלאץ. און דאס איז געווען דאס איינציגע מאל ווען דער האר פון דער וועלט האט גערעדט צו משה׳ן אין פרעה׳ס פאלאץ. און ער האט מודיע געווען אים אז נאך דער דאזיגער מכה וועט שוין דער רשע באפרייען דאס פערשקלאפטע פאלק.

ווען משה האט דאס דערהערט האט ער אויס געשריען:

„יא! יא! איך וועל שוין נישט קומען מעהר צו דיר! דו וועסט שוין קומען צו מיר. דו און אלע דיינע הארן וועלן שוין קומען צו מיר. איר וועט בוקן זיך צו מיר און מיך בעטן, אז מיר זאלן ארויס געהן פון דאנען״.

„דעמאלט וועלן אלע דיינע דינער קומען צו מיר און זיי וועלן זיך אנידערווארפן פאר מיר און זאגן: צי ארויס דו און דיין פאלק, וואס איז אונטער דיין לייטונג, און דעמאלט וועל איך ארויסציען״. ער האט געגיבן פרעה׳ן א פאטש און איז אוועק־געגאנגען.

און משה איז דערווייל אוועק צו די ערשטע געבארענע פון מצרים, און ער האט מודיע געווען זיי וועגן מכת בכורות, דאס טויטן די ערשטע געבארענע. זיינען זיי אוועק צו זייערע עלטערן און זיי האבן געזאגט צו זיי: „איר זאלט וויסן, אז אלע מכות וועלכע משה האט געזאגט ער וועט ברייננגען, זיינען טאקע געקומען אויף אונז. און אז ער זאגט מיר וועלן אויס שטארבן, וועט עס באשטימט אויך ווערן מקוים״. האבן די עלטערן געענטפערט זיי: „יעדער איינער פון אונז האט צען זין, זאל ליבערשט איינער שטארבן, אבי די אידן זאלן בלייבן דא״.

זיינען די בכורים אוועק צו פרעה׳ן, ווייל ער אליין איז אויך געווען א בכור, אבער ער האט געענטפערט זיי: „אדער מיין נשמה, אדער זייער נשמה זאל אויס געהן״. און ער האט באפוילן זיינע קנעכט צו שלאגן זיי.

און ערשט נאך די דאזיגע צען מכות האט דער רשע פרעה געלאזט ארויס ציען דאס פאלק ישראל, וועלאכס איז געווארן פערשקלאפט אזוי ביטער און גרויזאם אין דעם לאנד מצרים גאנצע צוויי הונדערט און צען יאר, א).

פרעה און בתי־ה זיינען ניצול געווארן, כאטש אויך זיי זיינען געווען בכורים. בתי־ה איז געווארן ניצול, א דאנק משה׳ן, פרעה איז געווארן ניצול ער זאל זען דעם אלמעכטיקנס שטארקע האנט, און דערצעהלן דער וועלט דעם אלמעכטיקנס מעכטיקייט.

א) זעט מיין בוך „מאזעס אים ליכטע דער אגדה״ (אין דייטש), קאפיטל 9.

דער ערשטער פסח

אזוי ווי די אידן האָבן געהאט קיין מצוות, האָט דער אויבערשטער געגיבן זיי די מצוה פון דעם קרבן פסח און די מצוה פון מל זיין.

און דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן: „כל זמן דאָס פאָלק ישראל וועט דינען די אָפּגעטער פון מצרים, וועלן זיי ניט ווערן אוים געלייזט. געה און זאָג זיי, אַז זיי זאָלן אויף הערן טון זייערע שלעכטע מעשים, און זיי זאָלן אָן הויבן לייקענען אין די עבודות זרות פון די מצריים. זיי זאָלן נעמען שעפּעלאך און האַלטן זיי גרייט פאַר דעם קרבן פסח".

האָט דער צדיק משה אָן גערופן זיך: „האַר פון דער וועלט! ווי אַזוי קאָן איך טון אַזאַ זאַך? צי ווייסט דו דען ניט אַז די שאָף זיינען די אָפּגעטער פון מצרים? איז דען מעגליך אַז מיר זאָלן שחט'ן די אום ווירדיקייטן פון די מצריים, און זיי זאָלן ניט פאַר־שטיינען אונז:

„ביי דיין לעבן", האָט דער אויבערשטער געענטפערט, „דאָס פאָלק ישראל וועט נישט ווערן אוים געלייזט פון מצרים ביז זיי וועלן שחט'ן די אָפּגעטער פון מצרים פאַר די אויגן פון די מצריים, כדי די מצריים זאָלן זעהן מיט זייערע אייגענע אויגן, אַז זייערע אָפּגעטער זיינען ווערט גאָרנישט".

האָבן די אידן גענומען שעפּעלאך, און צו געבינדן זיי צו די פיסלאך פון די בעטן. און ווען די מצריים האָבן געזעהן דאָס, האָבן זיי שיער פאַרלוירן די נשמות.

און ווי נאָר משה האָט אַ נעם געטון זיך צו מאַכן דעם קרבן פסח, האָט דער האַר פון דער וועלט גוזר געווען, און אַלע פיר זייטן פון דער וועלט האָבן אָן געהויבן צו בלאָזן מיט דעם זיסן ריח פון דעם גן עדן. דער דאָזיגער זיסער ריח האָט באַהעפט זיך מיט דעם קרבן פסח, און ער האָט פאַרשפּרייט זיך אויף אַ שטח פון פערציג טעג רייזע. האָבן די אידן פערזאַמלט זיך צו משה'ן און געזאָגט צו אים: „גיב אונז, מיר בעטן דיך, צו עסן פון דעם קרבן פסח. מיר זיינען שוין מיד פון דעם דאָזיגן ריח".

אָבער דער אויבערשטער האָט געענטפערט זיי: „אויב איר מל'ט זיך ניט, קריגט איר ניט צו עסן". זיינען זיי אַלע באַלד אוועק און זיי האָבן מל געוועזן זיך. דער רופא חולים, דער היילער פון די קראַנקע האָט באַלד אוים געהיילט זיי. ער האָט געקושט און געבענטשט יעדן איינעם פון זיי. און ער האָט געזאָגט צו זיי: „קיין אַנדער אומה זאָל נעמען אַנטייל אין דעם קרבן פסח".

משה האָט דאַן באַפוילן די אידן צו שחט'ן דעם קרבן פּסח, און ער האָט געזאָגט צו זיי: „נעמט אַ בינטל איזאָפּ (אַ פלאַנץ מיט לאַנגע פאַרשפּיצטע בלעטער און מיט בלויע בלומען), טינקט עס איין אין בלוט און באַשמירט דעם אושאָק און ביידע ביישטיד-לאַך, און קיינער פון אייך זאָל אַרויס געהן פון הויז ביז אין דער פרי. און ער האָט געהייסן זיי נעמען דאָס בינטל איזאָפּ דערפאַר ווייל אַזוי ווי דאָס פאָלק ישראל איז דאָס קלענצטע פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, וועט עס ווערן אויס געלייזט דורך איזאָפּ, וואָס איז דאָס נידעריגסטע פון די ביימער.

דערווייל האָבן משה, אהרן און דאָס גאַנצן פאָלק ישראל געזעצט זיך אָפּריכטן דעם סדר. זיי האָבן געגעסן דעם קרבן פּסח, געטרינקען וויין און געזינגען שירה צו דעם אַלמעכטיגן. און בעת זיי האָבן משמח געווען זיך, האָבן די בכורים פון די מצריים אָן געהויבן צו שטאַרבן.

י) מכת בכורות, דאָס דערשלאָגן די ערשטע געבאָרענע

פּונקט אין מיטן דער נאַכט האָט דער הייליגער, ברוך הוא, באַוויזן זיך אין מצרים מיט ניינציג טויזנט מיריאַדן מלאכי חבלה, פערדאַרבענדיגע מלאכים. אַ טייל פון זיי זיינען בעשטאַנען פון האָגל און אַ טייל פון פלאַם.

די מלאכים האָבן געוואָלט אַ נעם טון זיך צו אויס'הרג'ענען די בכורים, די ערשטע געבאָרענע מצריים. אָבער דער אַלמעכטיגער האָט געזאָגט: מיין גרים צאָרן וועט ניט ווערן באַרואיקט סאַידן איך אַליין וועל נעמען נקמה אין די מצריים.

און געטויט האָט דער אַלמעכטיגער אַליין זיי אַלעמען ניט דורך אַ מלאך אָדער דורך אַ שליח.

און ניט ווייניגער פון זעקס הונדערט טויזנט בכורים, ערשטע געבאָרענע, זיינען אום געקומען אין יענער נאַכט. אויך די בכורים, וועלכע האָבן בעהאַלטן זיך אין אידישע הייזער, כדי צו ווערן ניצול, זיינען אויס געשטאָרבן. און די בכורים פון אַנדערע לענדער, וועלכע זיינען געווען דעמצמאָל אין מצרים, און אויך די עגיפּטישע בכורים, וועלכע האָבן געפונען זיך דעמאָלט אין אַנדערע לענדער, זיינען אום געקומען. און אפילו די שוין לאַנג געשטאָרבענע בכורים האָבן די הינט אַרויס געשלעפּט פון זייערע קברים. פון זייערע מצבות איז געוואָרן שטויב, און עס איז געוואָרן צעשפּרייט. אויך די בכורים פון די געפאַנגענע קנעכט

זיינען אום געקומען, ווייל זיי פלעגן זיך פרעהען מיט די אידנס ליידן. אַלע אָפּגעטער זיינען געוואָרן פאַרניכטעט. פון די שטיי־נערנע איז געוואָרן שטויב; די הילצערנע זיינען געוואָרן פאַר־פוילט; און די מעטאַלענע זיינען געוואָרן צעשמאָלצן. אויך די ערשטע געבאָרענע פון די בהמות זיינען אום געקומען, כדי די מצריים, וועלכע פלעגן דינען צו בהמות, זאָלן ניט זאָגן, אַז דאָס האָבן זייערע געטער זיי געשטראָפט.

אַלע בכורים, סאַי פון מענטשן, סאַי פון בהמות, זיינען אום געקומען. אַפילו מעוברת'ע, טראָגענדיגע פרויען וועלכע זיינען געווען אויף דער צייט האָבן מפיל געווען.

עס איז ניט געווען אַן איינציג הויז, וואו עס איז ניט געווען אַ מת. און כאָטש די נאַכט איז געווען אַזוי ליכטיג ווי אַ תמוז'־דיגער טאָג, האָט קיין איינציגער פון זיי געקאָנט אַנטלויפן פון דער שטראָף.

און יעדע מכה באַזונדער איז בעשטאַנען פון מעהרערע מכות. לויט איין מיינונג זיינען די מצריים געוואָרן געשלאָגן אין מצרים מיט פופציג מכות, לויט אַן אַנדער מיינונג מיט צוויי הונדערט מכות, און לויט נאָך אַ מיינונג מיט צוויי הונדערט און פופציג מכות.

פרעה פאַלט צו משה'ס פיס

מיט אַ ביטערן יאָמער איז פרעה אויף געשטאַנען אין מיטן דער נאַכט, און ער האָט געלאָזט זיך לויפן צו משה'ן מיט אַלע זיינע הארן, קנעכט און מיט זיין טאָכטער בתי־ה, וועלכע האָט אַרויס געראַטעוועט משה'ן פון דעם טייך נילוס. ער איז אַרום געלאָפן אין אַלע גאַסן און פון הויז צו הויז, און ער האָט געשריען: „וואו וואוינט ערגיץ משה? וואו וואוינט ערגיץ אהרן?" האָבן די אידישע קינדערלאַך געמאַכט חוזק פון אים. זיי האָבן געפרעגט אים: „וואוהין לויפסט דו, פרעה", „איך זוך משה'ן", האָט ער גע־ענטפערט זיי. און זיי האָבן געלאַכט פון אים. אָט אַזוי איז אַרום געלאָפן דער מעכטיגער הערשער פון מצרים זוכן משה'ן, וועמען ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק אַרויס געטריבן פון זיין פּאַלאַץ, ביז ער האָט ענדליך געפונען אים.

מיט אַ ביטער געוויין האָט ער געשריען צו משה'ן פון הינטער דער טיר:

„ליבער משה, איך בעט דיך, טו תפלה צום אויבערשטן פאַר מיר".

ווען משה, וועלכער האָט דענצמאָל געפּראַוועט, אָפּ געריכט, דעם סדר, האָט דערהערט דאָס, האָט ער געפרעגט:

„ווער ביזט דו און וואָס ווילסט דו?"

און פּרעה האָט געענטפערט:

„איך בין פּרעה דער דערנידעריגטער".

„נאָך וואָס ביזט דו עפּים געקומען צו מיר?" איז עס דען דער שטייגער פון אַ מלך צו געהן איבער די הייזער?" האָט משה געפרעגט.

„איך בעט דיך, מיין האַר, בעט דעם אויבערשטן פאַר מיר". האָט פּרעה געענטפערט.

„איך קאָן ניט אַרויס געהן אויף דער גאַס, ווייל דער אַלמעכ־טיגער האָט פאַרבאָטן אונז צו געהן אַרויס אין דרויסן ביז מאָרגן אין דער פריי", ענטפערט משה. אָבער פּרעה בעט זיך ביי אים:

„קום צו צום פענצטער און רעד מיט מיר".

איז משה צו געגאַנגען צום פענצטער. פּרעה איז געפאַלן צו משה'ס פיס, און ער האָט געבעטן אים ער זאָל אַרויס פירן די אידן. און משה האָט געזאָגט צו אים:

„אויב דו ווילסט ווערן געראַטעוועט, זאָלסט דו זאָגן דריי מאָל: „קינדער פון ישראל, איר זייט פריי. ציט אַרויס פון דאַנען. ביז איצט זענט איר געווען פּרעה'ס קנעכט. פון איצט אָן זייט איר אין דעם אויבערשטנס רשות". האָט פּרעה געפאָלגט, און זיין קול איז געוואָרן געהערט איבער דעם גאַנצן לאַנד מצרים.

פּרעה האָט דענצמאָל געבעטן משה'ן און אהרן'ען זיי זאָלן וואָס גיכער, און טאַקע באַלד, אַרויס פירן די אידן, אָבער זיי האָבן געענטפערט אים:

„שוטה, וואָס דו ביזט, ביינאַכט זאָלן מיר ציען! זיינען מיר דען גנבים, וואָס מיר דאַרפן אַנטלויפן אין מיטן דער נאַכט! אין דער פריי וועלן מיר אַרויס ציען פון דאַנען".

האָט בתי־ה, פּרעה'ס טאָכטער, געוועגד זיך צו משה'ן, און זי האָט געזאָגט צו אים:

„איז דאָס דיין באַלוינונג פאַר מיין ראַטעווען דיך פון דעם ים און פאַר מיין אויס האָדעווען דיך?"

אָבער משה האָט געפרעגט זי:

האָסט דו דען געליטן אפילו פון איינער פון די מכות, וועלכע דער אַלמעכטיגער האָט געבראַכט אויף מצרים?" און אויף בתי־ה'ס

ענטפער „ניין", האט משה געזאגט צו איר: „זעהסט דו, כאטש דו ביזט אן ערשטע געבארענע פון דיין מוטערס צד, ועסט דו דאך ניצול, געראטעוועט, ווערן. און דו פרעה, כאטש אויך דו ביזט א בכור פון דיין מוטער'ס צד, וועסט אויך דו ניצול ווערן, כדי דו זאלסט זען דעם אלמעכטיגנס שטארקע האנט".

ווען די מלאכים האבן דערהערט, וואס עס קומט פאר אויף דער ערד, האבן זיי געוואלט זינגען שירה. אבער דער אויבערשטער האט געהייסן זיי שווייגן. „ניט איצט איז די צייט", האט ער געזאגט צו זיי. „מיינע קינדער אויף דער ערד פייערן איצטער דעם ערשטן פסח, און זיי זינגען לויב געזאנגען".

און געפייערט דעם ערשטן סדר האבן זיי איילענדיג, זיי זיינען געווארן געבאטן צו עסן דעם קרבן פסח אין אן געגורטע לענדן, די שיך אויף די פיס, דעם שטעקן אין דער האנד, און עסן אין דער גיך.

זיי זיינען געווארן געבאטן צו פייערן דעם יום טוב פסח אלע דורות, אייביג. זיבן טעג זאל מען עסן מצות. גאנץ פסח זאל זיך געפינען קיין חמץ אין א אידיש הויז. דער וועלכער עסט חמץ אין פסח זאל ווערן פארשניטן פון דער אידישער קהילה, סאי דער פרעמדער, סאי דער איין געבארענער אין דעם לאנד.

און דער אויבערשטער האט געזאגט: און אט דאס זאל ווערן אפ געהיט ווי א געזעץ פאר יעדן איינעם אויף אייביג. און אז איר וועט קומען אריין אין דעם לאנד וואס דער אויבערשטער וועט גיבן אייך, ווי ער האט צו געזאגט, זאלט איר אפ היטן דעם דאזיגן דינסט. און ווען אייערע קינדער וועלן פרעגן אייך די בעדייטונג פון דעם דאזיגן דינסט, זאלט איר ערקלעהרן זיי אז דאס איז א קרבן פסח צו דעם אויבערשטן, ווייל פסח, ער האט איבער גע-היפערט די אידישע הייזער אין מצרים, ווען ער האט געשלאגן מצרים, און די אידישע הייזער האט ער אפ געראטעוועט.

נאך דעם ווי די אידן האבן אפ געריכט דעם סאמע ערשטן סדר, האבן זיי גענומען זיך פארלאזן דאס לאנד מצרים, מיט זייערע שאף און רינדער, מיט זייער טייג איידער עס איז געווארן געזייערט און אנדערע זאכן אויף זייערע אקסלן, און מיט די זילבערנע און גאלדענע כלים, און מיט די קליידער וועלכע זיי האבן געליען ביי די מצריים.

די זכות׳ן פאַר יציאת מצרים

און דער נס פון יציאת מצרים, פון די אידנס פאַרלאָזן מצרים איז געשעהן אין פאַרשידענע זכיות [זכויות], זכות׳ן:

אין דעם זכות פון קבלת התורה

דער כוח פון לערנען תורה

תורה איז איינע פון די זיבן זאַכן וועלכע זיינען געוואָרן בעשאַפן פאַר דעם וועלט בעשאַף.

תורה איז איינע פון די דריי זאַכן אויף וועלכע די וועלט האַלט זיך.

אָהן תורה וואָלטן הימל און ערד ניט עקזיסטירט.

דער אויבערשטער אַליין זיצט און לערנט תורה די ערשטע דריי שעה פון דעם טאָג.

דער אויבערשטער אַליין זאָגט אַז זינט דאָס בית המקדש איז געוואָרן חרוב, איז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אין זיין וועלט זיינען די „ד׳ אמות של הלכה״.

דער אויבערשטער זאָגט: ווער עס לערנט תורה און טוט גמילות חסדים און דאַוונט בציבור, איז גלייך ווי ער וואָלט אוים געלייזט מיך און מיינע קינדער פון צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

דער אויבערשטער זאָגט אַז איין טאָג לערנען איז ליבער אים פון טויזנט קרבן עולות.

דער אויבערשטער ווייגט יעדער טאָג אויף דעם וועלכער האָט די מעגליכקייט צו לערנען און לערנט נישט, און אויף דעם וועלכער האָט נישט די מעגליכקייט צו לערנען און לערנט יאָ.

תורה איז איינע פון די דריי מתנות וועלכע דער אוי-בערשטער האָט געגיבן די אידן דורך יסורים. [די אַנדערע צוויי זיינען ארץ ישראל און עולם הבא].

תורה איז ליכט.

תורה איז דער בוים פון לעבן.

די תורה איז א בוים פון לעבן פאר די יעניגע וועלכע האלטן זיך אן פעסט אין איר.

תורה, לערנען, איז געגליכן צו א לעבנס רעצעפט.

תורה איז געגליכן צו א גוטער פרוי.

ווער עס לערנט תורה ביי נאכט, איז די שכינה אנטקעגן אים.

ווער עס לערנט תורה, ערפילט דער אויבערשטער זיינע פערלאנגען.

ווען צען מענטשן, אדער פינף, דריי, צוויי זיצן און שמו־עסן אין לערנען רוט די שכינה צווישן זיי.

אפילו ווען איין מענטש זיצט און לערנט תורה איז די שכינה מיט אים.

ווען דריי מענטשן עסן ביי איין טיש און זיי רעדן דברי תורה, איז גלייך ווי זיי וואלטן געגעסן פון דעם אויבערשטנס טיש.

תורה איז גרעסער פון ראטעווען מענטשן, פון בויען דאס בית המקדש, און פון עהרליך האלטן עלטערן.

די קרוין פון תורה, לערנען, איז וויכטיגער פון דער קרוין פון כהונה, און פון דער קעניגליכער קרוין.

בלויז תורה איז כבוד.

לערנען תורה איז מעהר פון אלץ.

ווער עס לערנט א צווייטנס אינגל תורה איז גלייך ווי ער איז זיין פאטער.

ווער עס איז מקיים, לערנט די תורה אויס ארימקייט, דער וועט ענדליך מקיים זיין זי אויס רייכקייט.

לאנג לעבן איז אין דער תורה'ס רעכטער האנד, רייכקייט און כבוד זיינען אין איר לינקער האנד.

לערנען תורה איז גרעסער פון מקריב זיין דעם קרבן תמיד.

ווען איינער לערנט תורה לשמה, טאקע בלויז צוליב לער־נען, ווערט עס פאר אים א לעבנס רעצעפט.

ווער עס לערנט תורה לשמה איז זוכה צו פילע זאכן.

ווער עס לערנט תורה לשמה, צוליב לערנען, נישט צו ליב פּערזענליכע פּאַרדינסטן, דער מאַכט שלום אין דעם הימלישן געריכט, און אין דעם אונטערשטן געריכט. ער איז גלייך ווי ער האָט געבויט פּאַלאַצן אויבן און אונטן. ער באַשיצט די גאַנצע וועלט. ער דערנענטערט די גאולה, די אויסלייזונג פון דעם גלות.

לערנען איז גוט אפילו שלא לשמה, אפילו ווען מע לערנט נישט צוליב לערנען, נאָר צוליב אַנדערע טעמים. ווייל דאָס לערנען נישט צוליב לערנען פירט צו לערנען צוליב לערנען.

וואָס מעהר איינער לערנט, אַלץ לענגער לעבט ער.

תורה איז דיין לעבן אויף דער וועלט, און דיינע לאַנגע יאָרן אויף יענער וועלט.

תורה לערנען גיט לעבן אויף ביידע וועלטן צו די וועלכע טוען עס.

ווער עס ערווערבט זיך תורה, ערווערבט זיך עולם הבא.

פאַר האָרעווען אין לערנען תורה, איז אַן געגרייט אַ גרויסער שכר.

ווער עס היט די תורה, ווערט זיין נשמה געהיט.

תורה לערנען ברייננט צו פאַרזיכערקייט.

תורה פאַר היט דעם מענטשן פון שלעכטס אין זיין יוגענד, און זי גיט אים אַ לעבנס ציל און האָפענונג אויף די עלטערע יאָרן.

ווער עס נעמט אויף זיך דעם יאָך פון תורה, נעמט מען אַראָפּ פון אים דעם יאָך פון דער רעגירונג.

ווער עס לערנט תורה, זיינען זיינע פעלדער (געשעפטן) מצליח.

ווער עס לערנט תורה, האַלטן יסורים זיך ווייט פון אים.

אַז מע איז עוסק אין תורה, מע לערנט, פאַרגיבט מען די זינד.

דער וועלכער פאַרשוואַרצט זיין פּנים צו ליב תורה אויף דער וועלט, וועט דער אויבערשטער מאַכן בליאַסקען זיין פּנים אויף יענער וועלט.

דער וועלכער הונגערט אויף דער וועלט צוליב לערנען תורה, דעם וועט דער אויבערשטער אַן זעטיגן אויף יענער וועלט.

ווער עס לערנט תורה אויף דער וועלט, וועלכע איז גע־גליכן צו נאכט, ציט אוים דער אויבערשטער אויף אים א פאדעם פון חסד, גענאד, אויף יענער וועלט, וועלכע איז געגליכן צו טאג.

ווער עס לערנט תורה ביי נאכט, ציט אוים דער אוי־בערשטער אויף אים א פאדעם פון חסד, גנאד, ביי טאג.

די נאכט איז געווארן בעשאפן צו לערנען.

ווער עס לערנט תורה אפילו בלויז איין טאג אין יאר, ווערט עס בעטראכט גלייך ווי ער וואלט געלערנט א גאנץ יאר.

אן ארימאן איז בלויז דער יעניגער וועלכער איז ארים אין תורה.

תורה ראטעוועט פון די משיח ווייען.

ווער עס לערנט תורה, און טוט גמילות חסדים, איז זוכה צו די נחלות פון די שבטים יוסף און יששכר, א).

ווער עס פארעהרט די תורה, ווערט פארעהרט פון לייטן.

וואויל איז דעם וועלכער קומט אויף יענער וועלט, און ער האט זיין תורה לערנען, זיין תורה באגאזש מיט זיך.

אפילו א נישט איד, ווען ער לערנט תורה איז ער גע־גליכן צו א כהן גדול.

אז מע לערנט תורה ווערט מען נישט איבער געגיבן אין דעם יצר הרע'ס הענט.

וואויל צו די אידן: ווען זיי לערנען תורה, און טוען גמילות חסדים, ווערט זייער יצר הרע איבער געגיבן אין זייערע הענט, און זיי ווערן נישט איבער געגיבן אין זיינע הענט.

לערנען תורה איז נישט באשרענקט פאר בלויז א געוויסן קלאס מענטשן. יעדער איינער קאן ערווערבן זיך די קרוין פון דער תורה, פון לערנען.

אזוי ווי א קינד דארף זויגן יעדער טאג, אזוי דארף א מענטש הארעווען אין תורה יעדע שעה.

א מענטש דארף נעמען אויף זיך דאס לערנען תורה ווי אן אקס נעמט זיך צום יאך און ווי אן אייזל צו זיין משא, לאסט.

א) זעט רש"י בבא קמא יז, א, ענדע פרק א'.

אפילו ביים שטאַרבן זאָל מען נישט פערמיידן זיך פון דברי תורה.

תורה קומט אַרויס פון דעם אָרימען קלאַס מענטשן.

אַ מענטש דאַרף וואוינען אין אַן אָרט וואו מען לערנט תורה.

אַ מענטש זאָל שטענדיג לערנען תורה אין אַן אָרט וואו עס ווילט זיך אים לערנען.

תורה האָט אַ קיום נאָר ווען מע איז מוסר נפש זיך פאַר דעם.

תורה קאָן עקזיסטירן בלויז ביי דעם וועלכער האַלט זיך פאַר נישט עקזיסטירנד.

אַ מענטש זאָל שטענדיג אָן לערנען זיך מיט תורה צו ערשט, און דער נאָך זאָל ער טראַכטן.

איבער'חזר'ן דעם פרק הונדערט מאָל איז נישט דאָס זעלבע ווי איבער'חזר'ן הונדערט און איין מאָל.

ווער עס באַנוצט זיך מיט דער קרוין פון דער תורה פאַר אַ פערזענליכן צוועק, ווערט אויס געריסן פון דער וועלט.

ווען צוויי תלמידי חכמים געהען אין וועג, און זיי רעדן נישט אין לערנען, זיינען זיי ווערט צו ווערן פאַרברענט.

ווען צוויי מענטשן זיצן און רעדן נישט אין לערנען, איז דאָס אַ זיצונג פון אָפּ שפּעטער. און דער פסוק זאָגט „ובמושב לצים לא ישב", און ער איז נישט געזעסן אין דער זיצונג פון אָפּ שפּעטער. [מע זאָל נישט פאַרשווענדן די צייט מיט דברים בטלים, מיט פוסטע רייד].

ווען דריי מענשן עסן ביי איין טיש און שמועסן נישט אין לערנען איז גלייך ווי זיי וואָלטן געגעסן פון גע'פּגר'טע קרבנות.

אַ תלמיד חכם וועלכע הערט אויף לערנען איז ווי אַ וואַנ-דערדיגער פויגל.

פאַר אַראָפּ נעמען פון זיך דעם עול פון תורה, ווערט מען באַשטראָפט אויף דער וועלט.

ווער עס שייד אָפּ זיך פון תורה פאַלט אַריין אין גיהנם.

ווער עס לערנט קיין תורה ווערט אַן גערופן נזוף, געטאַ-דעלטער.

ווער עס הערט אויף צו לערנען, און ער פארנעמט זיך מיט שמועסערייען, קארמעט מען אים מיט קוילן פון בייזעם ביימלאך.

דער וועלכער שייד אפ זיך פון תורה, פארצעהרט אים פייער.

ווער עס נעמט אראפ פון זיך דעם יאך פון תורה, לעגט מען ארויף אויף אים דעם יאך פון דער מלוכה און דעם יאך פון פרנסה.

א הויז וואו מע לערנט תורה ביי נאכט, ווערט נישט חרוב.

א הויז אין וועלכן עס הערט זיך קיין דברי תורה ביי נאכט, ווערט פארברענט.

קיין תורה, קיין דרך ארץ, [קיין דרך ארץ, קיין תורה].

קיין תורה, קיין איינקופט, [קיין איינקופט, קיין תורה].

פאר ביטול תורה, פאר פערנאכלעסיגן צו לערנען תורה, שטארבן קינדער.

אז מע לערנט קיין תורה, רעגנט נישט.

ווער עס פארשוועכט די תורה, ווערט פארשוועכט פון לייטן.

ווער עס היט נישט די תורה, ווערט זיין נשמה נישט געהיט.

ווער עס איז מבטל תורה אוים רייכקייט, דער וועט ענדליך מבטל זיין זי אוים ארימקייט.

אזוי לאנג ווי דאס קול פון תורה איז נידעריג, געוועלטיגן עשו'ס הענט.

ווער עס גלויבט נישט אין תורה מן השמים, האט קיין עולם הבא.

ווער עס גלויבט נישט אין תורה מן השמים, דער האט מבזה געווען דעם אויבערשטנס ווארט.

ווער עס טייטשט אוים די תורה נישט ווי די הלכה, אפילו ווען ער האט תורה און מעשים טובים, האט קיין חלק אין עולם הבא.

די פינף תורה חומשים וועלן קיין מאל ווערן בטל.

אין דעם זכות פון תפילה, דאַווענען

דער כוח פון תפילה, פון דאַווענען

דער אויבערשטער אַליין דאַווענט. ער טוט תפילה ער זאָל זיין גוט צו אידן. ער בעט: יהי רצון, אַז זיין רחמים זאָל באַזיגן זיין כעס... ער זאָל זיך פירן מיט זיינע קינדער מיט דער מידה פון רחמים...

דער אויבערשטער זאָגט: ווען מע דאַווענט בציבור [און מע איז עוסק אין תורה און אין גמילות חסדים] איז גלייך ווי מע האָט אויס געלייזט מיך און מיינע קינדער פון צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

דער שטייגער פון דעם מענטשן איז אַז ווען ער דאַרף צו דעם קעניג טוט ער דאָס דורך אַ פּאַרמיטלער. אָבער ביי דעם אויבערשטן איז עס נישט אַזוי. מע דאַרף נישט ווענדן זיך צו דעם מלאך מיכאל, צי צו דעם מלאך גבריאל, נאָר צו דעם בעשאַפער פון דער וועלט אַליין.

ווען צען אידן דאַווענען איז די שכינה מיט זיי.

דער אויבערשטער גליסט צו דער תפילה פון די צדיקים.

די תפילה פון די צדיקים ענדערט דעם אויבערשטנס שטעלונג פון גרויזאַמקייט אויף באַרם האַרציקייט.

ווען דער בעשאַפער האָט בעשאַפן די וועלט „ותוצא הארץ דשא", האָט די ערד אַרויס געבראַכט גראָזן. אָבער די גראָזן זיינען געשטאַנען ביי דעם פלאַך פון דער ערד, און זיינען נישט גע־וואַקסן אַרויס. ערשט ווען אָדם הראשון איז געקומען, און ער האָט געטון תפילה, האָט עס אָן געהויבן צו רעגענען, און די גראָזן זיינען געוואַקסן אַרויס, א).

אברהם האָט מתקן געווען תפילת שחרית. יצחק האָט מתקן געווען מנחה. יעקב האָט מתקן געווען מעריב.

אברהם, יצחק און יעקב האָבן געטון תפילה. „ויתפלל אברהם", „ויעתר יצחק", און דאָס זעלבע יעקב.

א) זעט „אהרן ראַזמאַרין'ס תנ"כ ענציקלאָפּעדיע", צווייטער באַנד.

יעקב האט געבעטן: „הצילני נא מיד אחי, מיד עשו", ראטעווע מיך פון מיין ברודער עשו'ס האנד.

ווען מרים הנביאה, עמרם און יוכבד'ס טאכטער, משה רבינו'ס און אהרן הכהן'ס שוועסטער, איז געווארן באשטראפט מיט א הויט קראנקהייט פאר רעדן לשון הרע אויף איר ברודער משה, האט משה מתפלל געווען צו דעם „רופא חולים", צו דעם היילער פון די קראנקע: „אל נא, רפא נא, לה", איך בעט דיך, א אלמעכטיגער, שיק איר א רפואה.

ווען די אידן האבן געזינדיגט, האט משה רבינו געטון פיל תפילה.

דער אויבערשטער אליין, אויב מען קאן אויסדריקן זיך אזוי, האט אן געטון זיך ווי א שליח צבור, ווי א בעל תפילה, און ער האט געוויזן משה'ן דעם סדר פון דעם דאווענען. ער האט געזאגט צו אים: ווען די אידן וועלן זינדיגן, זאלן זיי טון אזוי ווי דער דאזיגער סדר. וועל איך מוחל זיין זיי זייערע זינד.

דוד המלך און די צען זקנים האבן געשריבן דעם ספר תהלים, וועלכער איז לויטער תפילות.

אגב, ווען דער דריי יאריגער הונגער האט אוים געבראכן אין דוד המלך'ס צייטן... און ער האט געזאגט: אצינד ווענדעט עם זיך אין מיר „ויבקש דוד את פני ה'". טייטשן די חכמים ז"ל דאס מיינט אז ער האט אן געפרעגט ביי די אורים ותומים.

ווען נישט דוד המלך'ס תפילה וואלטן אלע אידן געווען פעטם הענדלערם (א בזויה'דיגע פרנסה).

ווען נישט די תפילה פון דעם נביא חבקוק וואלטן צוויי תלמידי חכמים איין געוויקלט זיך אין איין טלית, און געלערנט תורה (אזוי ארים וואלטן זיי געווען).

יהושע, חנה שמואל הנביא'ס מוטער, שמואל הנביא, דוד המלך, שלמה המלך, יונה הנביא, אליהו הנביא, אלישע, חזקיהו המלך, זיין זון מנשה, דניאל, עזרא, נחמיה, אלע, אלע האבן זיי געטון תפילה.

די אידן אלם א רבים האבן געטון תפילה. ווען די מצריים האבן פערשקלאפט און געפייניגט זיי, „ויזעקו... ותעל שועתם", האבן זיי געשריען צום אויבערשטן, און זייער געשריי איז גע־גאנגען ארויף צו אים.

תפילה איז גרעסער פון מעשים טובים, פון קרבנות.

תפילה איז איינע פון די דריי זאַכן וועלכע מאַכן בטל, אַנולירן אַ שלעכטע גזרה. [די אַנדערע צוויי זיינען תשובה און צדקה], א).

יעדער איינער דאַרף דאַווענען, כדי יעדער איינער זאָל בעטן רחמים פאַר זיך.

די כנסת ישראל, דאָס אידישע פאָלק זאָגט צו דעם אויבערשטן: ווען בין איך באַליבט ביי דיר, ווען דו פאַרנעמסט מיין געבעט.

די אידן זיינען זיכער אַז ווען זיי דאַווענען איז דער אויבערשטער נאָענט צו זיי.

עס איז גוט צו גיבן אַ נדבה פאַר דעם דאַווענען. רבי אלעזר פלעגט גיבן אַ פרוטה אַן אָרימאַן פאַר דעם דאַווענען.

מע דאַרף נישט האָבן אין זינען לומדות אין מיטן דאַווענען. דאָס דאַווענען טאָר נישט זיין מיט טרויעריקייט, פוילקייט, לאַ-

---

א) „ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה". אַלע דריי צוזאַמען אַנולירן אַ גרויזאַמע גזרה. יעדע איינע פון די דאָזיגע דריי איז דאָך געוואַלדיג מעכטיג. אָט זעהען מיר דאָך דאָ ווי גרויס עס איז דער כוח פון תפילה.

און קיין זאַך איז גרעסער פון תשובה. תשובה איז דאָך בעשאַפן געוואָרן נאָך פאַר דעם וועלט בעשאַף (זעט זייטן קטו—קכ).

צדקה איז דאָך אַזוי גרויס אַז „תציל ממות", עס ראַטעוועט אָפּ פון טויט. צדקה דערנעהנטערט די גאולה, די אויס לייזונג פון דעם גלות. צו וואָס זשע אַלע דריי צוזאַמען. איינס אַליין וואָלט דאָך בעדאַרפט גענוגן.

וואָלט איך אהרן בר' משה ערקלעהרט עס אַזוי:

ווען אַ מענטש פאַסט (תשובה) איז דאָס נוגע בלויז אים אַליין. זיין פאַסטן געהט אָן קיינעם, עס רירט אָן קיינעם. עס איז אינטראַנסעטיוו.

ווען איינער טוט תפילה צו דעם אויבערשטן איז וואָס אַנבעלאַנגט דעם צווייטן מענטשן, איז עס דאָס זעלבע ווי מיט דעם יעניגן וועלכער פאַסט. וואָס האָט איין מענטש פון דעם אַנדערנס דאַווענען! אָבער עס איז שוין נישט אַזוי אינטראַנסעטיוו ווי פאַסטן. ווייל עס איז שוין דאָ דערביי אַ שותף, אויב מע קאָן אויס דריקן זיך אַזוי, נעמליך דער אויבערשטער. דער מענטש דאַווענט, בעט, און דער אַלץ הערענדיגער הערט.

ווען אַ מענטש גיט צדקה איז שוין דאָ דערביי אַ מקבל, אַ נעמער. עס איז טראַנסעטיוו. איינער גיט, דער צווייטער נעמט. עס איז נישט ווי תשובה (פאַסטן) וואָס איז אַ ריין פערזענליכער ענין. און עס איז נישט ווי טון תפילה וואָס האָט צו טון בלויז מיט דעם באַטרעפענדיגן און דעם אויבערשטן, נאָר עס האָט צו טון מיט דעם צווייטן מענטש.

אָט די דריי טאָטן צוזאַמען אין וועלכע עס איז פאַראַן אי דאָס פערזענליכע, אי דאָס הימלישע, אי דער צווייטער מענטש (אַלטרואיסטישעס), זיינען אַזוי מעכטיג אַז זיי קאָנען מאַכן בטל, אַנולירן די גרויזאַמסטע גזרה. זיי קאָנען „צערייסן" דעם האַרבסטן גזר דין.

בענדיג, ליצנות'דיג, לייכט זיניג, דברים בטלים'דיג. עס דאַרף זיין ווי אַ שמחה של מצוה.

מע דאַרף דאַווענען מיט אונטערטעניקייט.

אַ מענטשנס תפילה ווערט נישט געהערט סאַידן ער מאַכט זיין האַרץ ווייך ווי פלייש.

ווער עס דאַווענט מיט אַ צעבראָכן האַרץ, ווערט זיין תפילה נישט צוריק געוויזן.

אַזוי וויכטיג איז תפילה, אַז ווען אלעזר בן דורדיא איז בעגאַנגען, ווי עס טרעפט זיך, אַ זעהר האַרבע עבירה, האָט ער גע־בעטן די בערג, דעם הימל, די ערד, די זון, די לבנה, די שטערן, און אויך די פּלאַנעטן, זיי זאָלן בעטן רחמים פאַר אים. אָבער יעדער איינער פון זיי האָט אָפּ געזאָגט אים, מיט דער טענה אַז אויב בעטן, וועל איך בעסער בעטן פאַר זיך אליין. האָט ער געזאָגט: אַצינד ווענדעט עס זיך אין מיר אליין. ער האָט אריין געלעגט דעם קאָפּ צווישן זיינע קניעס און ער איז פערגאַנגען זיך אין אַזאַ וויינענדיג געבעט אַז זיין נשמה איז אַרוים געפלויגן. איז אַרוים אַ בת קול און האָט אוים גערופן: ר' אלעזר בן דורדיא וועט האָבן עולם הבא.

מע מוז דאַווענען מיט כוונה.

ווער עס טוט דעם אויבערשטנס רצון און ער דאַווענט מיט כוונה, הערט ער זיין געבעט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

ווען מע דאַווענט מיט כוונה, ווערט מען געענטפערט.

דער דאַווענער דאַרף מיינען גלייך ווי די שכינה שטעהט אנטקעגן אים.

דער וועלכער שטאַרקט זיך אין תפילה אונטן, דעם קאָנען די איין קלענער טון גאַר נישט אויבן.

אַז מע יאָגט נישט מיט דעם דאַווענען, מע דאַווענט לאַנג, לעבט מען לאַנג. אָבער מע דאַרף וויסן ווען איין און ווען אוים. פאַראַן אַ מאָל ווען מע מעג אַ ביסל אונטער איילן זיך, ווי למשל משה רבינו ביי דעם ים סוף.

ווער עס פאַרלענגערט דאָס דאַווענען, קעהרט זיין בעטן זיך נישט אום ליידיג.

ווען איינער געהט אַרוים, וואַשט זיך די הענד, לעגט

תפילין, לייענט קריאת שמע און דאווענט, איז גלייך ווי ער האט געבויט א מזבח, און ער האט מקריב געווען אויף אים א קרבן.

דער וועלכער בענטשט אתרוג, איז גלייך ווי ער וואלט געבויט א מזבח און האט מקריב געווען אויף אים א קרבן.

אז מע טראכט נאכן דאווענען דער אויבערשטער זאל באצאלן דערפאר, טויג עס נישט.

אלימלך און זיינע זין מחלון און כליון זיינען געווארן באשטראפט ווייל זיי האבן נישט געבעטן רחמים פאר זייער דור.

א שלאפענס תפילה פאר זיך אליין איז בעסער פון אלצדינג.

ווען איינער וויל האבן איינגעלאך. ער האט געטון די פאר געשריבענע מיטלען, און עס האט נישט געהאלפן. זאל ער טון תפילה.

ווען איינער וויל ערווערבן זיך חכמה, זאל ער לערנען פיל און האנדלען ווייניג. אויב דאס העלפט נישט, זאל ער טון תפילה.

אפילו ווען איינער איז נישט ווערט אז זיין געבעט זאל ווערן געהערט, און מע זאל טון חסד מיט אים, אבער ווען ער טוט פיל תפילה, טוט דער אויבערשטער חסד מיט אים.

אפילו אזעלכע וועלכע לערנען נישט תורה, האבן קיינע מעשים טובים, און זייערע עלטערן האבן געהאט קיינע מעשים טובים. אויב נאר זיי דאנקן, לויבן דעם אויבערשטן און בעטן פיל צו אים, איז ער געניינגט צו דאפלן זייערע פרנסה.

ווען מע דאווענט, איז אפילו ווען דער קעניג באגריסט ענטפערט מען נישט אים. ווען אפילו א שלאנג וויקעלט זיך ארום דעם פוס, זאל מען נישט מפסיק זיין, איבער שלאגן דאס דאווענען.

די וועלכע לעגן קיין תפילין ווערן אן גערופן פושעי ישראל, זינדיגע.

אגב'דיגם: דער לובלינער „חוזה" האט א מאל געפרעגט דעם „איד הקדוש" ז"ל פאר וואס זיין דרך אין עבודה איז צו דאווענען גיך. האט ער געענטפערט אים: „ווייל די ווערטער זיינען ביי מיר טייער, שלינג איך זיי". „איז פאר וואס זשע דאוון איך ניט גיך?" פרעגט דער „חוזה", „צי האב איך דען חלילה ניט ליב צו דאווענען?" „אייערע ווערטער זיינען פייער,

און פייער אז מען כאפט, ברענט מען זיך אפ", האט דער „איד הקדוש" געענטפערט.

און מע דארף נישט שרייען אויף דעם קול ביי דעם דא־ווענען. ר' חיים בריסקער ז"ל האט א מאל באמערקט: דעם כהן גדול'ס מלבוש האט געהאט גלעקלאך, כדי מע זאל הערן אים אריין קומען אין קדשי קדשים. דערפון זעהט מען אז מע דארף נישט ליארמען ביי דעם דאווענען. ווייל ווען דער כהן גדול וואלט געווען געשריען ביי דעם דאווענען, וואלט מען דאך נישט געווען בעדארפט די גלעקלאך.

מע דארף נישט ארום לויפן ביי דעם דאווענען. איינער פון די נסים וועלכע זיינען געשעהן אין דעם בית המקדש איז געווען וואס „עומדים צפופים, ומשתחוים רוחים". מע איז געשטאנען ענג, צוזאמען געדרוקט, אבער געבוקט האט מען זיך גראמער־הייט. איז דאך די קשיא פאר וואס איז דער נס נישט געווען אויך אויף צו שטעהן גראמערהייט? האט ר' חיים בריסקער ז"ל געענטפערט דארויף: ווען עס וואלט געווען געווען פלאץ צו שטעהן גראמערהייט וואלטן זיי דאך געווען געלאפן אהין און צוריק ביי דעם דאווענען. איז געדרונגען דערפון אז מע דארף נישט ארום לויפן ביי דעם דאווענען.

ר' אליעזר יצחק, ר' איצעלע וואלאזשינער'ס איידעם ז"ל, האט א מאל באמערקט ווי א ישיבה בחור דאווענט צו גיך. האט ער אריין גערופן אים צו זיך און אן געהויבן צו שמועסן מיט אים וועגן דעם ענין פון תפילה, און ער האט באמערקט אז דאווענען דארף מען מיט כוונה, פאמעלעך, נישט מאכן טעותים, פונקט ווי מען צעהלט געלט. רופט זיך אן דער בחור: „איר ווייסט דאך, רבי, אז ווען מען פארט פאמעלעך, כאפן זיך ארויף שקצים אויף דעם וואגן. אבער ווען מען פארט גיך, קאנען זיי זיך נישט ארויף כאפן. ווען מען דאווענט גיך, האבן די פרעמדע מחשבות קיין שליטה..." האט דער רבי באמערקט מיט א שמייכל: „איך האב מורא, אז דו דאווענסט אזוי גיך אז דו „שייגעץ" אליין קאנסט דיך אויך נישט ארויף כאפן..."

אין דעם זכות פון תשובה

דער כוח פון תשובה, אום קעהרן זיך צום אויבערשטן

דער כח פון תשובה איז געוואַלדיג גרויס.

קיין זאַך איז גרעסער פון תשובה.

אַלץ איז אָפּהענגיג פון, אַלץ ווענדעט זיך אין תשובה.

אָהן תשובה וואָלט ניט געווען כדאי די עקזיסטענץ פון דער וועלט.

דער אויבערשטער אַליין איז מבטל, אַנולירט, זיינע אייגענע רייד צוליב תשובה.

עס איז ניט פאַראַן אַ בעסערע מידה, אַטריבוט, פון תשובה.

תשובה איז איינע פון די זיבן זאַכן וועלכע זיינען געוואָרן בעשאַפן נאָך איידער די וועלט איז געוואָרן בעשאַפן (פאַראַן אַנדערע מיינונגען).

תשובה דערגרייכט צום כסא הכבוד, צום דעם הימלישן טראָן.

זי דערנענטערט דעם מענטשן צו דער שכינה.

ווען איינער טוט תשובה, איז פונקט ווי ער וואָלט גע־גאַנגען קיין ירושלים, געבויט דאָס בית המקדש, געבויט דעם מזבח און מקריב געווען קרבנות אויף אים.

איין שעה תשובה (און מעשים טובים) אויף דער וועלט, איז בעסער פון דעם גאַנצן לעבן אויף יענער וועלט.

די טויערן פון תשובה זיינען קיין מאָל פאַרשלאָסן.

פונקט ווי דער ים איז אָפן שטענדיג, אַזוי זיינען אויך די טויערן פון תשובה אָפן שטענדיג.

דער אויבערשטער פּסל'ט קיין בעשאַפעניש. ער נעמט אויף אַלע. די טויערן פון תשובה זיינען אָפן יעדע שעה, און ווער עס וויל קומען אַריין, זאָל ער קומען אַריין.

ווער עס קומט רייניגן זיך, טון תשובה, העלפט מען אים.

יעדע שעה ווען אַ מענטש וויל טון תשובה, נעמט דער באַרם הערציגער אים אויף.

ווען אַ רשע טוט תשובה, נעמט דער הייליגער, געבענטשט זיין נאָמען, אים אויף.

ווען אַ זינדיגער טוט תשובה, נעמט דער פאַרגיבער פון זינד אים אויף.

ווער עס טוט תשובה, דער פאַרמעהרט דעם אלמעכטיגנס כבוד.

ווען איינער טוט תשובה, רופט דער פאָטער אין הימל אים אַן חביב, ליבלינג, געליבטער.

דעם אלמעכטיגנס האַנד איז אויס געשפּרייט צו אויף נעמען בעלי תשובה פון דעם מידת הדין.

ווען די אידן טוען תשובה נעמט דער אויבערשטער עס אָן.

קיין זאַך קאָן ביי שטעהן געגען בעלי תשובה.

דאָרט וואו עס שטעהען בעלי תשובה, קאָנען ניט שטעהן פּערפעקטע, קאָמפּלעטע, פולשטענדיגע צדיקים.

תשובה איז איינע פון די פינף (פיפצן) זאַכן פאַר וועלכע די אידן זיינען געוואָרן אויס געלייזט פון דער מצרים׳שער, עגיפּ־טישער, קנעכטשאַפט.

תשובה דערנאָענטערט די גאולה, די אויס לייזונג פון דעם גלות.

ווען אלע אידן וואָלטן געטון תשובה איין טאָג, וואָלט געקומען משיח.

ווען אלע אידן זאָלן טון תשובה איין טאָג, וואָלטן זיי געוואָרן אויס געלייזט באַלד.

ווען אידן טוען תשובה, ווערן זיי אויס געלייזט.

ווען דאָס פאָלק ישראל טוט תשובה, ווערן זיי אויס געלייזט; ווען זיי טוען קיין תשובה, ווערן זיי ניט אויס געלייזט.

די אידן ווערן אויס געלייזט פון דעם גלות בלויז דורך טון תשובה.

תשובה פאַר גיבט לייכטע עבירות, געבאָטן און פאַרבאָטן.

זינד וועלכע זיינען געוואָרן בעגאַנגען באַוויסט זיניג, ווערן בעטראַכט ווי אום גערן געטוענע עבירות.

ווען אידן זינדיגן און זיי טוען תשובה, ווערן זייערע באַוויסט זיניג בעגאַנגענע זינד בעטראַכט ווי אום גערן געטוענע עבירות.

תשובה פערוואַנדעלט באַוויסט זיניג געטוענע זינד אין זכיות.

אפילו ווען איינער איז בעגאַנגען פילע זינדן, פערוואַנדעלט תשובה זיי אין זכיות.

תשובה פערוואַנדעלט אַן עבירה אין אַ מצוה; זי מאַכט אַ מצוה פון אַן עבירה.

תשובה פאַר גיבט אַלע עבירות, זינדן.

זי שטופּט אָפּ אַ לא תעשה, אַ פאַרבאָט.

זי צערייסט, אַנולירט אַ גזירה אויף אַ מענטשן.

זי אַנולירט אַפילו הונדערט גזירות.

זי איז איינע פון די דריי זאַכן וועלכע מאַכן בטל, אַנולירן, אַן עבירה. (די אַנדערע צוויי זיינען תפילה און צדקה), א).

אָט האָט דאָך תשובה שוין געראַטעוועט קין'ען פון טויט שטראָף פאַר זיין הרג'ענען זיין ברודער הבל. אגב, עס איז פאַראַן אַ מיינונג אַז בלויז אַ העלפט איז געוואָרן פאַרגיבן אים.

תשובה איז גוט שטענדיג. ווען אפילו אַ שאַרפע שווערד ליגט אויף אַ מענטשנס האַלז, זאָל ער ניט אויף גיבן, ווייל תשובה קאָן העלפן.

תשובה איז טאַקע גוט שטענדיג. אָבער נאָך בעסער איז עס אין עשרת ימי תשובה, אין די טעג פון אָנהויב ראש השנה ביז מוצאי יום הכיפורים. אין די דאָזיגע טעג ווערט זי אָנגענומען באַלד.

די תשובה פון אַ יחיד, פון אַן אינדיווידואום, פון אַן איינצעלנעם מענטשן איז גוט באַזונדערס אין די עשרת ימי תשובה, אין די טעג פון אָנהויב ראש השנה ביז מוצאי יום הכיפורים.

די תשובה פון אַ צבור, פון אַ גרופּע מענטשן, פון אַ קהילה, געמיינדע, איז גוט צו יעדער צייט. ווען זיי זאָלן טון תשובה מיט דעם גאַנצן האַרץ, וואָלטן זיי געוואָרן געענטפערט.

ווען איינער באַגעהט אַ זינד, און ער האָט חרטה, איז מען מוחל אים, מע פאַר גיבט די זינד אים.

א) זעט זייט קיא, נאָטע א.

ווען איינער טוט אן עבירה און ער שעהמט זיך, פאר גיבט מען אים.

ווען איינער זינדיגט און ער זאגט חטאתי, איך האב געזינדיגט, טאר א מלאך ניט אנרירן, ניט טשעפן אים.

אפילו ווען איינער איז א רשע זיין גאנץ לעבן, און צום סוף האט ער געטון תשובה, דערמאנט מען ניט זיינע זינד אים.

אפילו ווען איינער האט געזינדיגט זיין גאנץ לעבן, און ער האט געטון תשובה אין דעם טאג פון זיין שטארבן, ווערן פארגיבן אלע זיינע זינד.

צוליב דער תשובה פון איין מענטש פאר גיבט מען די זינד פון דער גאנצער וועלט.

תשובה פון פערפעקטע, קאמפלעטע, פולשטענדיגע רשעים האלט צוריק אום גליקן.

אז מען טוט תשובה ווערט מען פארשריבן מיט די צדיקים. אבער תשובה רייניגט די זינד פון בלויז די יעניגע וועלכע קערן זיך צוריק צום אויבערשטן מיט אן אמת, אנדערש ניט.

ווען מען טוט תשובה, פאר גיבט יום הכפור די זינד. אבער ווען איינער זאגט: איך וועל זינדיגן און יום הכיפור וועלן מיינע זינד ווערן פאר גיבן, וועט יום הכיפור ניט פאר גיבן זיינע זינד.

אדער איינער זאגט: איך וועל זינדיגן, טון תשובה און ווידער זינדיגן, וועלן זיינע זינד ניט ווערן פארגיבן.

גאר וואויל איז דעם יעניגן וועלכער טוט תשובה ווען ער איז נאך א מאן, איננ, ווען ער איז נאך בכוח צו זינדיגן.

תשובה און מעשים טובים זיינען א שוץ געגן אום גליקן.

תשובה און מעשים טובים, גוטע טאטן, זיינען דעם מענ־טשענס פארטיידיגערס. אפילו ווען ניין הונדערט און ניין און ניינציג אנקלעגער באשולדיגן אים, און בלויז איין מלאך פאר־טיידיגט אים, ווערט ער געראטעוועט.

תשובה איז גרעסער, וויכטיגער פון צדקה.

זי ברענגט היילונג אויף דער וועלט.

זי פארלענגערט דעם מענטשנס לעב שפאן.

אין דעם זכות פון תשובה רעגנט.

עס זיינען אָבער פאַראַן פיר און צוואַנציג זאַכן וועלכע זיינען מעכב, האַלטן צוריק תשובה:

דאָס מאַכן זינדיגן אַ רבים, אַ גרופּע מענטשן;

דאָס אַראָפּ פירן איינעם פון דעם גוטן וועג;

ווען איינער זעט זיין זון אָוועק געהן אויף שלעכטע וועגן, און ער וועהרט אים ניט; ער טוט גאָר נישט וועגן דעם;

ווען איינער זאָגט: איך וועל זינדיגן און איך וועל טון תשובה, צי איך וועל זינדיגן און יום הכיפור וועט פאַרגיבן מיינע זינד;

דאָס אָפּטיילן זיך פון אַ ציבור;

דאָס קריגן אויף די ווערטער פון אונזערע חכמים, ז״ל;

דאָס אָפּ שפּאָטן פון מצוות;

דאָס פאַרשעהמען זיינע רביים;

דאָס האָבן פיינד שטראָף רייד;

דאָס שעלטן אַ רבים, אַ גרופּע מענטשן (מע ווייסט דאָך ניט וועמען צו איבער בעטן);

דאָס טיילן זיך מיט אַ גניבה;

דאָס געפינען עפּיס, און ניט אוים רופן, מודיע זיין, פּוב־ליצירן דאָס געפינען, דאָס געפינאַכץ;

דאָס ערוועהרבן זיך כבוד, עהרע, דורך פאַרשעהמען אַ צווייטן אונטער די אויגן;

דאָס פאַרדעכטיגן כשר׳ע, פרומע, עהרליכע מענטשן;

דאָס רעדן רכילות;

דאָס רעדן לשון הרע;

דאָס טראָגן זיך אַרום מיט שלעכטע געדאַנקען;

דאָס חבר׳ן זיך מיט רשעים;

און נאָך.

און כאָטש אָט די עבירות און עהנליכע צו זיי, זייער גלייכן, זיינען מעכב, האַלטן צוריק, שטערן דאָס טון תשובה. דאָך, אויב דער זינדיגער טוט תשובה, ווערט ער בעטראַכט ווי אַ בעל תשובה, און ער האָט עולם הבא, א).

א) זעט איינצעלהייטן וועגן די פיר און צוואַנציג זאַכן אין רמב״ם, מדע הלכות תשובה, פרק ד.

וועגן תשובה זעט „אהרן ראָזמאַרין׳ס תנ״כ ענציקלאָפּעדיע", צווייטער באַנד.

אין דעם זכות פון רחמים, רחמנות

דער כוח פון רחמים, בארם הארציקייט

דער אויבערשטער ווערט באצייכענט מיט דרייצן מידות פון רחמים, רחמנות.

ער ווערט באצייכענט מיט אב הרחמן, אב הרחמים, רחום, רחמנא.

ער אליין בעט: יהי רצון אז זיין רחמים זאל איין נעמען, זאל שטארקן זיך איבער זיין כעס... ער זאל פירן זיך מיט זיינע קינדער מיט דער מידה פון רחמים. ער זאל זיין גוט צו אידן.

ער איז מרחם, ער דערבארעמט זיך אפילו אויף אזעלכן וועלכער איז עס נישט ווערט.

מיר ווייסן דאך אז „ורחמיו על כל מעשיו", זיין רחמים איז אויף אלע זיינע בעשאפענישן, אויף אלץ וואס ער טוט.

אפילו ווען דער אויבערשטער איז אין כעס, געדענקט ער רחמים.

דער אויבערשטער זאגט: זענט איר דען מעהר רחמנים פון מיר?

רחמים איז איינע פון די זיבן (צען) זאכן מיט וועלכע די וועלט איז געווארן בעשאפן.

ר' יוחנן פלעגט זאגן נאך דעם דאווענען: יהי רצון... דו זאלסט אן קליידן דיך מיט דיין רחמים...

ווען א מענטש איז א רחמן, א בארם הארציגער, דערבארמט זיך דער רחמן, דער בארם הארציגער אויף אים.

די טויערן פון רחמים זיינען קיין מאל פערשלאסן.

ווער עס דערבארמט זיך אויף מענטשן, דערבארמט מען זיך אויף אים פון הימל.

רחמים ווערט אן גערופן צדקה.

דער וועלכער האט רחמנות אויף מענטשן, איז פון אברהם אבינו'ס קינדער.

רחמים איז אַזוי שטאַרק אַז ווען איינער בעט רחמים פאַר אַ צווייטן, און ער אַליין נייטיגט זיך אין רחמים, ווערט ער גע־ענטפערט פריער, א).

דער וועלכער פערמייד רחמים פון דעם צווייטן, איז גע־גליכן צו געצען דינערס; און ער טוט אָפּ דעם הימלס יאָך פון זיך.

דער וועלכער קאָן בעטן רחמים פאַר אַ צווייטן און ער בעט נישט, ווערט ער אָן גערופן „זינדיגער״.

ווען איינער איז שלאַף, זאָל מען געהן צו אַ חכם ער זאָל בעטן רחמים פאַר אים.

אַפילו ווען אַ „בעל החלומות״, אַ באַשיידער פון חלומות, זאָגט אַ מענטשן אַז מאָרגן וועט ער שטאַרבן, זאָל ער נישט פערמיידן צו בעטן רחמים.

אַפילו ווען אַ שאַרפע שווערד ליגט אויף אַ מענטשנס האַלז, זאָל ער נישט אויף הערן צו בעטן רחמים.

רחמנים, באַרם האַרציגע איז איינער פון די דריי כאַראַקטער שטריכן פון דעם אידישן פאָלק.

אגב, אָבער איבער טרייבן רחמנות, זיין אַ רחמן, אַ באַרם האַרציגער, איבער דער מאָס, מעהר פון וויפיל עס איז נייטיג, טויג נישט. ווייל דער וועלכער טרייבט עס איבער, איז איינער פון די דריי וועמענס לעבן איז קיין לעבן. ווייל ער האָט קיין מנוחה, קיין רו. ער איז שטענדיג באַזאָרגט וועגן דעם אַנדערנס שיקזאַל.

א) ווען אבימלך האָט גענומען אַוועק שרה׳ן פון אברהם׳ן, זיינען ער און אַלע זייניגע, דערוואַקסענע און קליינע, מענער און פרויען, געוואָרן באַשטראָפט מיט פאַר־שטאָפּונג. זייערע אַלע קערפּערליכע קוואַלן זיינען געוואָרן פאַרשטאָפּט. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרקעהרן, אויס שפּייען, רייניגן די נאָז, לאָזן אַ טרער. אַפילו די היהנער האָבן געלעגט קיין אייער.

ערשט ווען אברהם האָט געבעטן : „האַר פון אַלע וועלטן, דו האָסט בעשאַפן דעם מענטשן ער זאָל פּרוכטבאַרן און מעהרן זיך, זאָלן זשע אבימלך און זיין הויז געזינד מעהרן זיך״, האָט דער אויבערשטער דערהערט זיין געבעט. די פאַרשטאָפּונג האָט אויף געהערט. די פרויען האָבן געבאָרן קינדער. אויך אונזער מוטער שרה איז געוואָרן געהאָלפן מיט אַ קינד. ווייל „ווער עס בעט רחמים פאַר אַ צווייטן, ווערט ער געענטפערט פריער״. זעט מיין בוך „אברהם אבינו׳ס לעבן און שאַפונג״, זייטן 134־139.

אגב, אין דער גמרא, בבא קמא צב, א, איז דאָס לשון : „כל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר, הוא נענה תחילה״. און די אַלע וועלכע ציטירן דעם מאמר חז״ל „כל המתפלל בעד חבירו . . .״ ציטירן פאַלש. און עס איז כדאי צו באַמערקן אַז ווער עס האָט אַ חוש, אַ געפיל פאַר שפּראַך ווייסט אַז תפילה און רחמים זיינען צוויי באַזונדערע באַגריפן.

אין דעם זכות פון קרבנות

דער כוח פון קרבנות

מקריב זיין קרבנות איז איינע פון די דריי זאכן פון דעם אויבערשטנס בונד מיט די אידן.

קרבנות זיינען באליבט ביי דעם אויבערשטן ווי די שירה וועלכע משה און די אידן האבן געזינגען ביי דעם ים סוף.

די וועלט שטעהט, עקזיסטירט אויף קרבנות.

אהן קרבנות וואלטן הימל און ערד נים עקזיסטירט.

אדם הראשון האט שוין מקריב געווען א קרבן. אגב, דער אקס וועלכן ער האט מקריב געווען האט געהאט איין הארן אין זיין שטערן. לויט אן אנדער מיינונג זיינען זיינע הערנער געווען פאר זיינע קלויען.

די בני נח האבן מקריב געווען קרבנות.

די אבות אברהם, יצחק און יעקב האבן געבויט מזבחות.

משה רבינו און זיין ברודער אהרן הכהן האבן מקריב געווען קרבנות.

יתרו, משה רבינו׳ס שווער, האט מקריב געווען קרבנות.

אין דעם זכות פון די צוויי און פערציג קרבנות וועלכע בלק הרשע האט מקריב געווען, האט ער זוכה געווען וואס רות, דוד המלך׳ס עלטער באבע, האט אפ געשטאמט פון אים.

קרבנות זיינען מכפר, פארגיבן א מענטשנס זינד.

מקטיר זיין קטורת, רויכערן ווייריך צום אויבערשטן, פאר־גיבט לשון הרע.

א קרבן (און תורה) ראטעוועט אפ דעם מענטשן פון גיהנם.

ווער עס איז מקריב א קרבן אויף דער וועלט, העלפט עס אים אויף יענער וועלט.

וואויל דעם דור וועמענס נשיא איז מקריב א קרבן.

דער אויבערשטער זאגט: ווען מע זאגט קרבנות, איז עס גלייך ביי מיר ווי מע האט מקריב געווען זיי פאר מיר.

אין דעם זכות פון מל זיין

דער כוח פון ברית מילה

ברית מילה איז איינע פון די דריי מצוות וועלכע ווערן אַ גערופן אות, דער אייביגער צייכן פון דעם בונד צווישן דעם אויבערשטן און די אידן. די אַנדערע צוויי מצוות זיינען שבת און תפילין.

די וועלט איז בעשאַפן געוואָרן בלויז צוליב דער דאָזיגער מצוה.

ווען ניט די מצוה פון מילה וואָלטן הימל און ערד ניט געקאָנט עקזיסטירן (לויט אַן אַנדער מיינונג: ווען ניט די תורה).

זי איז גליידך צו דעם גאַנצן וועלט באַשאַף.

זי איז געוואָרן געגיבן די אידן נאָך פאַר מתן תורה, נאָך איידער די תורה איז געוואָרן געגיבן די אידן. שוין פאַר מתן תורה האָט דער אויבערשטער געוואָרנט די אידן וועגן דעם. ווי עס שטעהט אין פסוק: „ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי", און איצט אויב איר וועט צו הערן צו מיין קול, און איר וועט אָפּהיטן מיין בונד.

די מצוה פון מל זיין וועט קיין מאָל ווערן בטל, וועט קיין מאָל אויף הערן.

אַ דאַנק צוויי בלוטן, דאָס בלוט פון דעם קרבן פסח און דאָס בלוט פון מצות מילה, זיינען די אידן געוואָרן ניצול, גע־ראַטעוועט פון מצרים.

אין דעם זכות פון ברית ווערט דער אויבערשטער וויליג צו די אידן.

אַזוי גרויס איז די דאָזיגע מצוה, אַז כאָטש אברהם האָט דאָך אָפּ געהיט אַלע מצוות, אַפילו עירובי תבשילין און עירובי חצרות, אָבער ערשט נאָך דעם מל זיין זיך איז ער געוואָרן אַ גערופן „תמים", פּערפעקט.

אַלע זכיות, זכות'ן וועלכע משה רבינו האָט געהאַט, זיינען ניט ביי געשטאַנען אים ווען דער מלאך האָט איין געשלינגען אים פון דעם קאָפּ ביז דער דיך פאַר זיין פאַרשפּעטיגן אַ ביסל

צו מל זיין זיין זון אליעזר, ערשט ווען זיין ווייב צפורה האָט געמ'ל'ט דאָס קינד, האָט דער מלאך אָפּ געלאָזט אים.

ווען מען האָט אַריין געוואָרפן יונה הנביא אין ים אַריין, און ער האָט געוויזן אברהם'ס חתימה דעם לויתן, איז ער אַנט־לאָפן.

„מילה... דוחה שבת". די מצוה פון מל זיין שטופּט אָפּ שבת. מע מוז מל זיין אפילו שבת.

מצות מילה שטופּט אָפּ אפילו יום הכיפור, מע מוז מל זיין אפילו אין יום הכיפור.

איין טראָפּן בלוט פון ברית מילה איז באַליבט, אַן געלייגט ביי דעם אויבערשטן ווי קרבנות. דער פאַר האָט ער אַנטפּלעקט זיך צו אברהם'ן ווען ער האָט געמ'ל'ט זיך, פונקט ווי ער האָט אַנטפּלעקט זיך ביי די קרבנות.

מצות מילה איז געגליכן צו אַלע מצוות צוזאַמען.

אַזוי וויכטיג איז די דאָזיגע מצוה אַז „שלש עשרה **ב**ריתות" (נישט כריתות), דרייצן מאָל ווערט דערמאָנט ברית אין דער פרשה פון מצות מילה, וועלכע איז געוואָרן געזאָגט צו אברהם אָבינו, א):

ואתה בריתי, בראשית יז, ב;

הנה בריתי, בראשית יז, ד;

והקימותי את בריתי, בראשית יז, ז;

לברית עולם, בראשית יז, ז;

את בריתי תשמור, בראשית יז, יט;

א) שבת קלב, א און רש"י אונטער דעם וואָרט י"ג בריתות, דריטע שורה אויבן און קלג, א; נדרים לא, ב און ר"ן אונטער דעם וואָרט ששלש; ירושלמי נדרים פרק ג, הלכה ט; מכילתא דרבי ישמעאל יתרו זייט נח, א, אויפלאַגע 40; ילקוט המכירי אויף תהלים קאַפּיטל יח, סימן סה. אום; מדרש תנחומא לך לך סימן יז; מדרש לקח טוב [פסיקתא זוטרתא] לך לך יז, ז, הערה ז; פרשה וירא יח, א און פרשה תולדות כו, ה; מדרש ילמדנו א', פרשה לך לך לב; מדרש הגדול בראשית יז, א; מדרש הגדול שמות זייט

אין מדרש במדבר רבה פרשה יד, סימן ב שטעהט עשרה בריתות, צען בריתות. דאָס מיינט די צען געבאָטן מל צו זיין. און דריי מאָל ווערט דערמאַנט ברית נאָך דעם ווי די מצוה איז געווען שוין דורך געפירט [פסוקים יט און כא]

זאת בריתי, בראשית יז, י;

לאות ברית, בראשית יז, יא;

והיתה בריתי, בראשית יז, יג;

לברית עולם, בראשית יז, יג;

בריתי הפר, בראשית יז, יד;

והקימותי את בריתי, בראשית יז, יט;

לברית עולם, בראשית יז, כא;

ואת בריתי אקים, בראשית יז, כא, ב).

דער אויבערשטער האָט געזאָגט אברהם'ען: אין דעם זכות פון מצות מילה וועל איך אויף שטעלן פון דיר זיבעציג. ווי עס שטעהט אין פסוק: „בשבעים נפש ירדו אבותיך", מיט זיבעציג נפשות האָבן דיינע עלטערן געגידערט (קיין מצרים).

איך וועל אויף שטעלן פון זיי זיבעציג זקנים, ווי עס שטעהט אין פסוק: „אספה לי שבעים איש מזקני ישראל", זאָמל מיר איין זיבעציג מאַן פון די עלצטע פון ישראל.

איך וועל אויף שטעלן פון זיי משה'ן, וועלכער וועט דערקלעהרן די תורה אין זיבעציג שפּראַכן. ווי עס שטעהט אין פסוק: „הואל משה באר"..., האָט משה אַן געהויבן צו דער־קלעהרן, באַשיידן (די תורה).

אין דעם זכות פון ברית מילה איז אהרן הכהן אריין גע־

צוזאַמען דרייצן. זעהט דאָרט רד"ל סימן צג; מדרש תדשא פרשה ה אין בית המדרש יעללינעק חדר ג, זייט קסח.

פערגלייכט: מדרש הגדול בראשית יז, י; משנת רבי אליעזר כ, זייט 369, עדיציע ענעלאַאו. און זעט אומעטום ווער עס זאָגט עס.

ב) רמב"ם הלכות מילה פרק ג', הלכה ט. פערגלייכט רמב"ם משניות, נדרים פרק ג, משנה יא.

אין ירושלמי נדרים פרק ג, הלכה ט זאָגט רבי יוחנן בר מרייה: עס שטעהט: „ביום ההוא כרת ה' ברית את אברם לאמר", בראשית טו, יח [אגב, אין פסוק שטעהט „כרת ה' את אברם ברית לאמר"], באַמערקט דאָרט דער „שירי קרבן" אַז לויט דעם דאָזיגן ירושלמי זייגען דאָך פאַראַן פערצן מאָל ברית. איז דאָך אַ קשיא אויף דעם רמב"ם. פאַרענטפערט דאָרט דער „פני משה" [דעם ווילנער גאון'ס רבי ז"ל] אַז לאו דוקא. נעמליך, דער דאָזיגער פסוק געהערט צו דעם „ברית בין הבתרים". דערפאַר רעכענט דער רמב"ם אים נישט.

אגב, אויך די גמרא און די מדרשים זאָגן דרייצן.

גאנגען אין קדשי קדשים, אין דעם סאמע הייליגסטן אָרט אין דעם בית המקדש, וואוהין קיין מענטש האָט געטאָרט אריין גען. און אפילו אהרן הכהן איז אריין געגאנגען אהין בלויז יום הכיפורים.

דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם'ן: אויב דיינע קינדער וועלן אָפּ היטן די מצוה פון מל זיין, וועלן זיי אריין גען קיין ארץ ישראל.

ברית מילה פערמייד פלאָגן, הויט קראנקהייטן.

אלע גע'מל'טע אידן קומען אָן אין גן עדן אריין.

דער אויבערשטער האָט געשוואָרן אברהם'ן אָז אַ גע'מל'טער איד וועט נישט אראָפּ נידערן אין גיהנם אריין.

פאר דעם נישט גע'מל'טן זיינען אָפן די טויערן פון דעם גיהנם.

דער וועלכער מאכט צונישט אברהם'ס בונד מיט דעם אויבערשטן, נעמליך דעם ברית מילה, אפילו ווען ער פארמאָגט תורה און מעשים טובים, האָט ער קיין חלק אין יענער וועלט.

אלע עבירות וועלכע ווערן דערמאָנט אין דער תורה, צי דער זינדיגער האָט יאָ געטון תשובה צי נישט, איז יום הכיפור מכפר, ווערן די זינד פארגיבן יום הכיפור, אַ חוץ די זינד פון נישט מל זיין.

מצות מילה איז געוואלדיג וויכטיג. דער נס פון יציאת מצרים, די בעפרייאונג פון די אידן פון דער עגיפטישער קנעכט־שאפט, איז גלייך צו אלע נסים. און אָט דער דאָזיגער גרויסער נס איז געשעהן אין דעם זכות פון מצות מילה, א).

א) זעט „אהרן ראָזמאַרין'ס תנ״כ ענציקלאָפּעדיע", ערשטער באַנד, אויסגאַבע אום פּאָבלישינג קאָ., ניו יאָרק, תשכ״ד, 1964, זייטן 118־114.

וועגן דעם מלאך'ס איין שלינגן משה'ן פון דעם קאָפּ ביז צו דער דיך, און דערנאָך פון די פיס ביז צו דער דיך, פאַר זיין נישט מל זיין אליעזר'ן, זעט: זייט עה; נדרים לב, א; ירושלמי נדרים ענדע פרק ג; מכילתא יתרו נח, א, הוצאת אום; שמות רבה פרשה ה, סימן ח; ילקוט שמעוני לך לך רמז פא; רש״י שמות ד, כד.

אין דעם זכות פון נישט רעדן לשון הרע

די וויכטיקייט פון נישט רעדן לשון הרע

לשון הרע, רעדן שלעכטס אויף מענטשן, איז שוין אַזוי אַלט ווי די שאַפונג פון דער וועלט.

דער אויבערשטער זאָגט, אויב מען קאָן אוים דריקן זיך אַזוי, אַז ער קאָן ניט זיין צוזאַמען מיט דעם לשון הרע׳ניק אין דער וועלט.

דאָס רעדן לשון הרע, איז אַזוי שלעכט אַז עס האָט געבראַכט טויט אויף דער וועלט.

דער שלאַנג, וועלכער האָט אָן גערעד חוה׳ן צו עסן פון די פאַרבאָטענע פרוכט, איז געווען דער סאַמע ערשטער לשון הרע׳ניק.

זיין מעטאָדע וועלכע ער האָט אָן געווענד אין זיין איבער רעדן חוה׳ן צו עסן פון די פאַרבאָטענע פרוכט, פון דעם עץ הדעת, איז געווען לשון הרע. און אָט דער דאָזיגער לשון הרע האָט געבראַכט טויט אויף דער מענטשהייט. ווייל ווען אדם און חוה וואָלטן ניט געווען געגעסן פון די פאַרבאָטענע פרוכט, וואָלט די מענטשהייט געווען געלעבט אייביג. האָט, אַלזאָ, לשון הרע גע־בראַכט טויט אויף דער וועלט, א).

לשון הרע איז אַזאַ הארבע עבירה ווי פאַרגיסן אַ מענטשנס בלוט.

דער גזר דין, דער האַרבער אורטייל וועלכער איז געוואָרן אַרויס געגיבן אויף די אידן אין דער מדבר, איז געוואָרן אונטער געשריבן בלויז פאַר זייער רעדן לשון הרע.

דער מענטש וועלכער רעד לשון הרע איז גלייך ווי אַ כופר בעיקר, ווי ער לייקענט אין דעם בעשאַפער פון דער וועלט.

רעדן שלעכטס אויף אַ מענטשן פאַרגרעסערט די זינד ביז צו דעם הימל.

מע רעד לשון הרע אין רוים, און עס הרג׳עט אַוועק אין סוריא.

א) זעט: „אהרן ראַזמאַרין׳ס תנ״כ ענציקלאָפעדיע״, צווייטער באַנד; מיין בוך „די שעהנקייט פון אידענטום״.

דאָס רעדן שלעכטס אויף מענטשן הרג'עט אוועק דריי מענטשן: דעם וועלכער רעד דאָס לשון הרע, דעם וועלכער הערט זיך צו צו דעם לשון הרע, און דעם וועגן וועלכן דאָס לשון הרע ווערט גערעד.

א לשון הרע'ניק קאָן ניט אויף נעמען די שכינה.

פאַר רעדן שלעכטס אויף מענטשן ווערט מען באַשטראָפט אויף דער וועלט.

א לשון הרע'ניק פאַרדינט צו ווערן פאַרשטויינט.

פאַר רעדן לשון הרע ווערט מען געשלאָגן מיט פלאָגן (קרעץ).

מרים וועלכע איז געווען די טאָכטער פון עמרם'ן וועלכער איז געווען דער ראש הסנהדרין, און ער איז געבאָטן געוואָרן אין מצרים מיט ספּעציעלע מצוות; זי איז געווען די טאָכטער פון יוכבד'ן וועלכע האָט אלם באַבע אָפּ געראַטעוועט די ניי געבאָרענע אידישע אינגעלאַך פון צו ווערן אריין געוואָרפן לעבעדיגערהייט אין טייך אריין; זי אליין האָט אלם באַבע אָפּ געראַטעוועט די ניי געבאָרענע אידישע אינגעלאַך פון צו ווערן אריין געוואָרפן לעבעדיגערהייט אין טייך אריין; זי איז געווען אהרן הכהן'ס און משה רבינו'ס שוועסטער; זי איז געווען אליין א נביאה; אין איר זכות האָט דער אויבערשטער געגיבן די אידן דעם „באר מרים", מרים'ס ברונעם וועלכער האָט באַזאָרגט זיי מיט וואַסער אין דער מדבר; דער מלאך המות האָט געהאַט קיין שליטה איבער איר, נאָר זי האָט אוים געהויכט איר נשמה דורך א קוש פון דער שכינה. און דאָך אפילו ווען אזא גרויסע פערזענלעכקייט האָט גערעד לשון הרע (אויף משה רבינו), איז זי געוואָרן באַשטראָפט מיט א הויט קראַנקהייט, א).

א לשון הרע'ניק פאַרדינט צו ווערן געוואָרפן צו די הינט.

פאַר צו הערן זיך, פאַר אָן נעמען לשון הרע איז מען ווערט צו ווערן געוואָרפן צו די הינט.

פאַר רעדן לשון הרע אויף א תלמיד חכם... פאַלט מען אריין אין גיהנם אריין.

דאָס רעדן לשון הרע ברענגט קראַנקייטן אויף דער וועלט.

צוליב רעדן שלעכטס אויף מענטשן, ווערט רעגן אויף געהאַלטן.

א) זעט במדבר יב, א און ווייטער זייט קעא, נאָטע א.

אַ מענטש רעד קיין לשון הרע ביז ער לייקענט אין דעם בעשאַפער פון דער וועלט.

די תורה פערבאָט לשון הרע. „לא תלך רכיל", זיי קיין פלאַטקע טראָגער.

דער בעל התהלים זאָגט „נצור לשונך מרע, ושפתיך מדבר מרמה", היט דיין צונג פון שלעכטס, און דיינע לעפצן פון רעדן פאַלשקייט.

דער מחבר פון משלי לערנט אונז „מות וחיים ביד לשון", א) טויט און לעבן איז אין דער צונג.

די חכמים ז"ל זאָגן: דער לשון הרע רעדער און דער לשון הרע צוהערער „זיינען ווערט מע זאָל וואַרפן זיי צו די הינט".

מע פרעגט דעם שלאַנג: וואָס פאַר אַ הנאה האָסטו דו, אייגענטליך, פון דיין בייסן? מילא דער לייב, דער וואָלף בייסן, פאַרצוקן זיי זייער קרבן און האָבן הנאה דערפון. עס זעטיגט זייער הונגער. אָבער וואָס פאַר אַ הנאה האָסטו דו פון דיין בייסן?! ענטפערט דער שלאַנג: נו, און וואָס פאַר אַ הנאה האָט דער לשון הרע'ניק פון זיין באַרעדן דעם צווייטן?

מע פרעגט דעם שלאַנג: פאַר וואָס איז עס אַז ווען דו בייסט, איז כאָטש דו בייסט בלויז איין אבר, פילן עס דאָך אַלע אברים? און דער שלאַנג ענטפערט: מיך פרעגט איר? געהט פרעגט דעם לשון הרע'ניק, וועלכער רעד לשון הרע אין רוים און הרג'עט אוועק אין סוריא.

ווען דוד המלך וואָלט ניט געווען צו געהערט זיך צו לשון הרע, וואָלט מלכות בית דוד, דוד המלך'ס דינאַסטיע ניט געווען געוואָרן צעטיילט. די אידן וואָלטן ניט געווען געדינט די עבודה זרה. און מיר וואָלטן ניט געווען געוואָרן פאַרטריבן פון אונזער לאַנד.

ירבעם האָט זוכה געווען דער פאַר וואָס ער האָט ניט אויף גענומען לשון הרע.

א) משלי יח, כא. דער פּאָפּולערער אויסדריק „החיים והמות ביד הלשון" געפינט זיך נישט אין גאַנץ תנ"ך. ווער עס ציטירט אַזוי, ציטירט לײדער פאַלש.

אין דעם זכות פון גמילות חסדים

דער כוח פון גמילות חסדים

גמילות חסדים איז דעם אויבערשטנס באשעפטיגונג, פראַפעסיע.

דער אויבערשטער האָט געטון און טוט גמילות חסדים.

דער אויבערשטער זאָגט: דער וועלכער איז עוסק אין גמילות חסדים [און אין תורה און דאַווענט בציבור] ווערט בעטראַכט גלייך ווי ער וואָלט אוים געלייזט מיך און מיינע קינדער פון צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

דער אויבערשטער זאָגט: גמילות חסדים איז באַליבטער פון די קרבנות זבחים און עולות.

די תורה הויבט אָן זיך מיט גמילות חסדים און ענדיגט זיך מיט גמילות חסדים.

די וועלט איז געוואָרן בעשאפן מיט חסד.

גמילות חסדים איז איינע פון די דריי זאַכן אויף וועלכע די וועלט שטעהט, עקזיסטירט. (די אַנדערע צוויי זיינען לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן), א).

גמילות חסדים ווערט אָן גערופן חיים, לעבן.

גמילות חסדים ווערט אָן גערופן רחמים.

גמילות חסדים (און צדקה) איז גלייך צו דער גאַנצער תורה.

גמילות חסדים (און צדקה) איז גלייך צו אַלע מצוות.

גמילות חסדים איז גרעסער פון צדקה אין דריי זאַכן.

צדקה איז דאָך אַזוי גרוים אַז: „תציל ממות”, עס ראַטעוועט אָפּ פון דעם טויט; ירושלים וועט אוים געלייזט ווערן נאָר דורך צדקה; עס איז גרעסער פון אַלע קרבנות; עס איז איינע פון די זאַכן וועלכע צעררייסן, אַנולירן אַ שלעכטע גזרה; פאַר נישט גיבן צדקה הערט דער רעגן אויף; ווער עס פאַרהוילט זיין אויג פון צו גיבן צדקה, איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט די

א) עס איז פאַראַן נאָך אַ מיינונג, זעט פרקי אבות, אָנהויב און ענד פון דעם ערשטן פרק.

עבודה זרה; ווען איינעמס פרנסה שרענקט איין, זאָל ער גיבן צדקה; צדקה ראַטעוועט פון דעם גיהנם; צדקה איז גלייך צו אַלע מצוות; אַפילו דער וועלכער לעבט פון צדקה דאַרף אויך גיבן צדקה; צדקה דערנענטערט די גאולה, די אויסלייזונג פון דעם גלות; עס איז אַ סגולה צו האָבן אײנגלאַך; אין אַ שטאָט וואו עס איז נישט פאַראַן אַ צדקה פּושקע טאָר אַ תלמיד חכם נישט וואוינען; פאַר גיבן צדקה האָט מען רייכע, געראָטענע קינדער; דער וועלכער גיבט צדקה „בסתר", קיינער זאָל וויסן, איז גרעסער פון משה רבינו; ואחרי כל אלה, און נאָך דעם אַלעם איז גמילות חסדים באַליבטער פון צדקה.

עס איז וויכטיגער פון לערנען תורה.

די אותיות פון די ווערטער „גמילות חסדים" באַטרעפן אין צאָל זעקס הונדערט עלף פונקט ווי דאָס וואָרט תורה.

דער וועלכער איז עוסק, גיט זיך אָפּ, באַשעפטיגט זיך מיט גמילות חסדים [און מיט לערנען תורה] איז זוכה צו די נחלות פון די צוויי שבטים יוסף און יששכר, א).

ווער עס באַשעפטיגט זיך מיט גמילות חסדים איז זוכה צו זיצן, צו זיין געשיצט אין דעם שאָטן פון דעם אויבערשטן.

גמילות חסדים איז איינע פון די זאַכן וועלכע ווען דער מענטש באַשעפטיגט זיך מיט זיי, געניסט ער זייערע פרוכט אויף דער וועלט, און דעם קרן קיימת אויף יענער וועלט.

ווער עס באַשעפטיגט זיך מיט גמילות חסדים, דעם ווערן פאַרגיבן זיינע אַלע זינד.

ווען אידן באַשעפטיגן זיך מיט גמילות חסדים (און מיט תורה) איז זייער יצר הרע איבער געגיבן אין זייערע הענט, און זיי זיינען נישט איבער געגיבן אין דעם יצר הרע'ס הענט.

יעדער חסד (און צדקה) וואָס אידן טוען אויף דער וועלט שאַפט גרויס שלום און גרויסע פאַרטיידיגער צווישן די אידן און זייער פאָטער אין הימל.

גמילות חסדים (און לערנען תורה) וועט אָפּ ראַטעווען אַ מענטשן פון חבלי משיח, פון די ווייען אין משיח'ס צייטן.

עס רעגנט אין דעם זכות פון גמילות חסדים.

גמילות חסדים ברענגט גוטס אויף דער וועלט.

א) זעט רש"י בבא קמא יז, א, ענדע פרק א'.

איינער פון די דריי נאַציאָנאַלע כאַראַקטער שטריכן פון דעם אידישן פאָלק איז וואָס מיר זיינען „גומלי חסדים״, און די קינדער פון גומלי חסדים.

ווען שלמה המלך האָט געזעהן אַ גרופּע גומלי חסדים, האָט ער געבויט פאַר זיי צוויי טויערן איינעם פאַר חתנים און איינעם פאַר אבלים... זיי זאָלן טון חסדים איינער מיט דעם אַנדערן.

דניאל האָט באַשעפטיגט זיך מיט גמילות חסדים.

דער וועלכער איז עוסק אין תורה, ער לערנט תורה, און ער באַשעפטיגט זיך נישט מיט גמילות חסדים איז גלייך ווי ער האָט קיין אויבערשטן.

ווער עס לייקנט גמילות חסדים איז גלייך ווי ער לייקנט אין עיקר, אין אויבערשטן.

*

אגב, אונזערע חכמים ז״ל זאָגן, אַז גמילות חסדים איז באַליבטער, איז גרעסער פון צדקה. ערקלעהרט מען בדרך הלצה: ווען איינער קומט צום ערשטן מאָל נאָך אַ נדבה, גיבט מען אים אַ גרעסערע מטבע. ווען ער קומט אַ צווייט מאָל, גיבט מען שוין אים אַ קלענערע מטבע. וואָס אָפטער ער קומט אַלץ ווייניגער באַקומט ער.

אין דעם פאַל פון גמילות חסדים איז עס פאַרקעהרט. ווען איינער קומט דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ גמילות חסד, איז מען פאַרזיכטיג. מע לאַיט אים וואָס ווייניגער. אַז ער האָט אָפּ געצאָלט דעם חוב, און קומט נאָך אַמאָל נאָך אַ גמילות חסד, געטרויעט מען אים אַ ביסעל מעהר. און אַזוי נאָך יעדער אָפּ צאָלן די הלואה, געטרויעט מען אים אַלץ מעהר און מעהר. אַלזאָ, ביי צדקה גיבן ווערט עס אַלע מאָל קלענער. ביי גמילות חסדים ווערט עס אַלץ גרעסער, גמילות חסדים איז „גרעסער״ פון צדקה.

און אין פאָלגענדיגע זכות'ן:

אין דעם זכות פון אברהם אבינו, א) ;

אין דעם זכות פון יעקב אבינו ;

א) זעט מיין בוך „אברהם אבינו'ס לעבן און שאַפונג״ לויט תלמוד, מדרש, זהר, ראשונים און אחרונים, אויסגאַבע אום, ניו יאָרק, תשכ״ד, 1964.

„אהרן ראָזמאַרין'ס תנ״כ ענציקלאָפּעדיע״, זייט 44 נאָטע ד, אויפלאַגע אום, ניו יאָרק תשכ״ד, 1964.

אין דעם זכות פון די אבות, אונזערע פאָטערס אברהם, יצחק און יעקב;

צוליב די אמהות, אונזערע מוטערס שרה, רבקה, רחל און לאה;

אין דעם זכות פון עמרם און יוכבד, מרים הנביאה׳ס, אהרן הכהן׳ס און משה רבינו׳ס עלטערן;

אין דעם זכות פון ישעיה הנביא׳ס דור;

אין דעם זכות פון חנניה, מישאל און עזריה;

אין דעם זכות פון די כשרים, די כשר׳ע, פרומע אידן;

אַלס שכר פאַר די נשים צדקניות, די פרומע פרויען;

ווייל „ויאמן העם וישמעו״, דאָס פאָלק האָט געגלויבט אין משה׳ן, און זיי האָבן געהערט, געפאָלגט;

אין דעם זכות פון זייער בוקן זיך. ווען די אידן האָבן געהערט פון משה׳ן און אהרן׳ען אַז דער אויבערשטער האָט געדאַכט וועגן די קינדער פון ישראל, און אַז ער האָט געזעהן זייער פיין, האָבן זיי געבוקט זיך;

ווייל די אידן האָבן ניט געענדערט זייערע נעמען אין מצרים;

ווייל די אידן האָבן ניט געענדערט זייער שפּראַך;

ווייל זיי האָבן געפירט אַ ריין פאַמיליע לעבן;

ווייל זיי האָבן ניט געאַנדערשט זייערע קליידער;

ווייל זיי האָבן ניט ענטפּלעקט זייער סוד, סעקרעט. צוועלף חדשים האָבן זיי דערצעהלט קיינעם אַז זיי זיינען געוואָרן אָן געזאָגט צו לייען זילבערנע און גאָלדענע כלים ביי זייערע שכנים;

פאַר יחוד השם;

צוליב דעם אויבערשטנס נאָמען;

אין דעם זכות פון דעם אהל מועד;

אין דעם זכות פון דעם משכן;

„מתוך הקץ, מתוך צרה, מתוך צווחה״, צוליב דער אויס לייזונג, צוליב זייער פּיין, און צוליב זייער שרייען צו דעם אויבערשטן.

אין דעם זכות פון דעם בלוט פון דעם קרבן פסח, ב).

ב) זעט „אהרן ראָזמאַרין׳ס תנ״כ ענציקלאָפּעדיע״, ערשטער באַנד, זייטן 118, 119, זייט 115, נאָטע ג. אויסגאַבע אום פּאַבלישינג קאָ., ניו יאָרק תשכ״ד, 1964.

יציאת מצרים, דער אַרויס צוג פון מצרים

אַיידער יוסף איז געשטאָרבן, האָט ער באַשוואָרן זיינע ברידער זיי זאָלן מיטנעמען זיין געביין, נאָך דעם אוי־בערשטנס באַפרייען דאָס פאָלק ישראל פון דער עגיפּטישער קנעכט־שאַפט. איז משה אַוועק געגאַנגען צו סרח'ן, אשר'ס טאָכטער, וועל־כע איז נאָך איבער געבליבן פון יענעם דור, און ער האָט זי גע־פרעגט צי זי ווייסט וואו יוסף איז באַערדיקט. זי האָט אים דער־צעהלט, אַז די מצריים האָבן געמאַכט אַ מעטאַלענעם ארון פאַר יוסף'ן, און זיי האָבן אַראָפּ געלאָזט אים אין טייך נילוס, כדי דאָס וואַסער זאָל זיך מעהרן. משה איז אַוועק אַהין, און ער האָט זיך אַני־דערגעשטעלט ביים ברעג פונעם טייך נילוס און האָט אויסגעשריען: „יוסף! יוסף! עס איז געקומען די צייט וואָס דער אויבערשטער האָט געשוואוירן אַרויס צו פירן די אידן. און איצט איז די צייט מקיים צו זיין די שבועה וואָס דו האָסט באַשוואוירן די אידן. אויב דו באַווייזט זיך איז גוט. טאָמער ניט, זיינען מיר פּטור פון דיין שבועה!" ער האָט אָן געשריבן דעם שם המפורש, דעם אויבערשטנס נאָמען וועלכן מע טאָר נישט אַרויס רעדן, אויף אַ שערבעלע. ער האָט אַריין געוואָרפן דאָס שערבעלע אין טייך אַריין, און דער ארון מיט יוסף'ן איז באַלד אַרויף געשווימען אויבן. און יעדער שבט איז געווען פאַרנומען מיט דעם געביין פון זיין שבט וואָס זיי האָבן מיט גענומען מיט זיך ביי זייער פאַרלאָזן דאָס לאַנד מצרים.

פערצן טעג אין חודש ניסן האָבן די אידן גע'שחט'ן דעם קרבן פסח. פופצן טעג אין ניסן האָט משה רבינו אַרויס געפירט זיי פון מצרים. און געווען איז דאָס פרייטאָג. [לויט אַנדערע מיי־נונגען איז דאָס געווען מיטוואָך, דאָנערשטאָג]. פרייטאָג אין מיטן העלן טאָג [אַן אַנדער מיינונג: אין מיטן דער נאַכט] זיינען זיי אַוועק געצויגן פון דער שטאָט רעמסס. זיי זיינען אַרויס געצויגן „בריש גלי", די עגיפּטער, מצריים, זאָלן ניט זאָגן אַז די אידן האָבן אַרויס גע'גנב'עט זיך אין מיטן דער נאַכט ווי גנבים.

אין דעם יאָר 2448, זעקס און צוואַנציג דורות נאָך דעם וועלט בעשאַף, הונדערט זעכצן יאָר נאָך לוי'ס טויט, זיינען די אידן אַרויס געצויגן פון מצרים. און אַט דער נס פון יציאת מצרים, די בעפרייאונג פון די קינדער פון ישראל פון דער מצרים'שער צוויי הונדערט און צען יאָריגער קנעכטשאַפט, איז גלייך צו אַלע נסים.

מיט די אידן זיינען אויך מיטגעגאַנגען אַ גרויס ערב רב. דער ערב רב, הונדערט און צוואַנציג מיריאַדן, לויט אַן אַנדער מיינונג צוויי הונדערט און פערציג מיריאַדן (אַ מיריאַד איז צען טויזנט) איז באַשטאַנען פון אַזעלכע וועלכע זיינען געווען קינדער פון עגיפּטישע פרויען און אידישע מענער; אַזעלכע וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן, ווייל זיי האָבן באַווינדערט דאָס הימליש געפּע-ליקע לעבן פון די אידן, און אַזעלכע וועלכע האָבן זיך מגייר געווען אויס מורא פאַר די מכות.

ביים אַרויס ציען פון מצרים האָבן די אידן געזען ווי דער שר פון מצרים, דער מלאך וועלכער פאַרטרעט מצרים אין הימעל און ער הייסט טאַקע מצרים, פליט אַרום אין דער לופטן. וואָרום דער אַלמעכטיגער וואַרפט נישט אַראָפּ אַ פאָלק, ביז ער וואַרפט אַראָפּ זייער שר אין הימל פריער.

און דער אַלמעכטיגער האָט אויס געפּוצט די אידן מיט דרייצען ערליי צירונגען. און ער האָט געפירט זיי אַרויס פון מצרים אויף אַ זייטיגן וועג. ער האָט גענומען אַ לאַמטערן, און ער איז געגאַנגען אין פאָראויס זיי. ער האָט אַרום געריננגלט די אידן מיט זיבן עהרן וואָלקנס. פאַר די אידן זיינען זיי געווען עהרן וואָלקנס. פאַר די מצריים זיינען זיי געווען פינצטערניש.

ווען משה האָט געפירט אַרויס די אידן פון מצרים, זיינען זיי געווען געגליכן צו אַ טויב וועלכע פליט אַוועק. זיבן טעג האָט געדויערט פון די אידנס פאַרלאָזן מצרים ביז זייער אָנקומען צום ים סוף. און דער נס פון יציאת מצרים איז גלייך צו אַלע נסים ביי דעם אַלמעכטיגן. ער אַליין האָט געזאָגט: איך בין געוואָרן אויס געלייזט צוזאַמען מיט אייך, אויב מען קאָן אויס דריקן זיך אַזוי.

און זיי זיינען אַרויס פון מצרים, עגיפּטן, ניט מיט ליידיגע הענט. נאָך זייער צוויי הונדערט און צען יאָריגער פאַרשקלאַפונג האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס מעכטיגע לאַנד מיט אָהן צאָליגע קאָסט-באַרע מתנות, געשאַנקן, מיט דעם גאַנצן גאָלד און זילבער וואָס יוסף האָט צונויף געזאַמלט און מיט יוסף׳ס אָרון. זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט פינף פאַרשידענע כלי זיין. און כאָטש זיי האָבן גע-האָט מיט זיך גענוג בהמות אויף וועלכע זיי האָבן געקאָנט אָנלאָדן זייער האָב און גוטס, האָבן זיי דאָך געטראָגן די פעקלעך אויף זייערע פלייצעס, ווייל אַזוי באַליבט איז געווען ביי זיי די מצוה.

דאָס טייג וואָס זיי האָבן פאַרקנעטן אין מצרים האָבן זיי מיט גענומען מיט זיך. און זיי האָבן ניט געזאָגט צו משה׳ן: „ווי אַזוי קאָנען מיר ציען אין דער מדבר ניט נעמענדיג שפּייז מיט

זיך!" איז דערפאר וואס זיי האבן געהאט בטחון, איז זיי טאקע געשעהן א נס, און זיי האבן געגעסן פון דעם טייג דרייסיג טעג.

דער אויבערשטער האט ארום גערינגלט זיי מיט זיבן עהרן וואלקנס. פיר עהרן וואלקנס פון אלע פיר זייטן, איינער איבער זיי, צו באשיצן זיי פון דער היץ, איינער אונטער זיי, און איינער איז געגאנגען פאר זיי און האט געמאכט נידעריג די בערג, אויף געהויבן די טאלן און געטויט די שלאנגען און די עקדעשן. ביינאכט איז געגאנגען פאר זיי א פייער זייל צו באלויכטן דעם וועג. און געלויכטן האט דער פייער זייל נאר פאר זיי און ווייטער פאר קיינעם מעהר. דער וואלקן זייל און דער פייער זייל האבן אויך געדינט צו אונטער שיידן צווישן טאג און נאכט.

אט אזוי איז דאס פאלק ישראל ארויס געצויגן פון מצרים, נאך דעם ווי זיי האבן געפייערט דעם ערשטן פסח דארט.

אויפן דריטן טאג, נאך דעם ווי די מצריים האבן באגראבן זייערע מתים, האבן זיי געקריגן חרטה, וואס זיי האבן ארויס־געלאזט די אידן. אן ארמעי פון זיבן הונדערט טויזנט מאן אונטער דער פירונג פון פרעה'ס גענעראלן, האבן גענומען נאך יאגן די אידן, און זיי האבן דערגרייכט זיי פאר פי החירות, וואו זיי האבן אפ געשטעלט זיך צו פייערן א רעליגיעזן דינסט. ווען די מצריים האבן זיי געפרעגט פארוואס זיי קערן זיך ניט אום צוריק און האבן געזאגט צו זיי: „איר האט דאך גערעד נאר פון דריי טעג, און איצט זיינען שוין פאראיבער פינף טעג?" האבן משה און אהרן געענטפערט, אז פון צוריקקערן קען מעהר קיין רייד זיין. ווען די מצריים האבן דאס דערהערט, האבן זיי אנגעהויבן א שלאכט געגן די אידן. די מצריים האבן אבער געליטן א גרויסע מפלה, און דער איבער געבליבענער רעשט איז געלאפן צוריק קיין מצרים און האט מודיע געווען פרעה'ן.

קריעת ים סוף, דאָס שפּאַלטן דעם ים סוף

פּסח איז אייגענטליך אַ יום טוב וועלכער ווערט געפייערט אין אָנדענק פון צוויי פּאַסירונגען. די ערשטע טעג פייערן מיר אין אָנדענק פון יציאת מצרים. דאָס אידישע פאָלק איז ענדליך ארויס פון דעם קנעכטשאַפט לאַנד, וואו עס איז געווען פער־שקלאַפט גאַנצע צוויי הונדערט און צען יאָר. דאָס איז געווים אַ קאָלאָסאַלע היסטאָרישע פּאַסירונג, די איינציגע אין דער גאַנצער וועלט געשיכטע. די צווייטע טעג פּסח פייערן מיר אין אָנדענק פון קריעת ים סוף. דער ים סוף האָט געשפּאַלטן זיך, און די אידן זיינען דורך געצויגן. בעת זייערע נאָך יאָגער, די מצריים זיינען אום געקומען. דאָס איז שוין ניט בלויז אַ היסטאָרישע פּאַסירונג נאָר ממש אַ פענאָמען, אַ ניט נאַטירליכע ערשיינונג.

וואָלטן דאָך די צווייטע טעג פּסח בעדאַרפט פאַרנעמען אַ וויכטיגערן אָרט פון די ערשטע. זיי וואָלטן בעדאַרפט זיין פאַר־בונדן מיט מעהר צערעמאָניעס. עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ נס, שפּאַלטן אַ ים! איז אָבער פאַראַן אַזאַ זאַך ווי מזל. און דער זוהר האָט שוין באַמערקט „הכל תלוי במזל ואפילו ספר תורה שבהיכל", אַלץ איז אָפּהענגיג פון מזל, אפילו אַ ספר תורה אין שוהל דאַרף אויך האָבן מזל. אָהן דעם פּיצעלע מזל, מעג איינער זיין אַזוי שעהן ווי יוסף הצדיק, רייך ווי קורח, קלוג ווי שלמה המלך און אַ למדן ווי דער רמב"ם ז"ל, איז עס ניט ווערט אַ שישקע פּולווער. און דאָס אַלטעגליכע לעבן באַווייזט קלאָר אַז איין לויט מזל איז ווערט מעהר פון אַ פונט שטערלינג. און דאָס איז אַזוי ניט בלויז לגבי מענטשן, נאָר אויך אין באַצוג אויף ימים טובים.

אָט וויסן מיר אַז אַלע ימים טובים זיינען הייליג, און דאָך רעכענט זיך יום הכפור פאַר דעם הייליגסטן טאָג אין יאָר. דער נאָמען יום טוב אַליין איז אַ סאָרט אָן זאָג אַז עס איז אַ טאָג פון פרייד. און דאָך ווען עס קומט צו שמחה, פאַרנעמען שמחת תורה און פּורים דעם אויבן אָן. פון די „שלש רגלים", די דריי ימים טובים אויף וועלכע די אידן פלעגן עולה רגל זיין קיין ירושלים, איז שבועות דער גרעסטער בר מזל. ווי זאָגט דאָס ווערטל: סוכות מעג מען עסן וואָס מען וויל (חמץ און מצה, מילכיגס, פליישיגס) טאָר מען אָבער ניט עסן וואו מען וויל. פּסח מעג מען עסן וואו מען וויל, טאָר מען אָבער ניט עסן וואָס מען וויל. אָבער שבועות מעג מען עסן וואָס מען וויל (כשר, פאַרשטעהט זיך) און וואו מען וויל.

פון דעם שטאנד פונקט פון נסים איז דער זיבעטער טאג פסח אויסערסט וויכטיג, ווייל אין דעם טאג האט געשפאלטן זיך דער ים. איז אויסער דעם וואס דאס איז פאר זיך אליין א געוואלדיגער נס, איז מיט דעם נס פארבונדן א גאנצע רייע פארהעלטנים מעסיג קלענערע נסים'לעך. אין אט דעם טאג זיינען געשעהן מעהר נסים ווי אין וועלכן עס איז אנדערן טאג אין דער געשיכטע פון דעם אידישן פאלק. אין מסכת אבות ווערט געבראכט טאקע אז ביי דעם ים סוף זיינען געשעהן צען נסים, אבער דארט מיינט מען די הויפט נסים, אבער ניט די פילע קלענערע נסים'לאך.

און די מצריים זיינען געווארן געשלאגן ביי דעם ים סוף מיט פיפציג מכות, לויט אן אנדער מיינונג מיט צוויי הונדערט מכות, און לויט נאך א מיינונג מיט צוויי הונדערט און פיפציג מכות.

און ניט נאר איז דער נס פון קריעת ים סוף פון העכסטער אויסער געוויינליכקייט, נאר עס איז אפילו שוועהר צו פארשטעהן פאר וואס דער אלמעכטיגער האט באנוצט זיך מיט אזא נישט נאטירליכן מיטל. ער וואלט דאך געוועזן געקאנט טייטן די עגיפ־טער, אדער פארוועהרן די שלאנגען און די עקדישן צו טשעפען די אידן, וואלטן זיי געוועזן געהאט א דירעקטן וועג צו ציען אין דער מדבר. עס איז פאראן א גמרא „קשה מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף", אז פרנסה איז אזוי שוועהר ווי שפאלטן דעם ים סוף. פרעגט זיך, וואס פאר א פערגלייך איז דאס? ביי דעם אלמעכטיגן שפילט דען א ראליע צו שפאלטן א ים? איין ווארט און אוים ים אין גאנצן! נאר דער ענטפער איז, אז פרנסה איז פונקט אזוי שוועהר, ווי עס איז שוועהר צו פארשטעהן פאר וואס דער אלמעכטיגער האט באנוצט זיך גראד מיט דעם דאזיגן מיטל, מיט דעם מיטל פון שפאלטן דעם ים סוף [געהערט].

ווען פרעה איז געווארן געוואויר אז די אידן, וועלכע ער האט דערלויבט צו פארלאזן דאס לאנד אויף דריי טעג, ווילן ניט צוריק קעהרן זיך מעהר, האט דאס שרעקליך באנג געטון אים. ער האט מאביליזירט אלע מענער פון מצרים. און אין דער שפיץ פון א מיליאן קעפיגער ארמעי האט ער נאך געיאגט די אידן און זיי דערגרייכט ביים ים סוף, וואו זיי האבן געלאגערט. זיין פערד איז געוועזן באפוצט מיט די קאסטבארסטע צירונגען און פערל. ווען די אידן האבן דערזען הינטער זיך די עגיפטער, האט זיי ארום געכאפט א טויט שרעק. די מלאכים האבן געוואלט אראפ נידערן און נוקם זיין זיך אין די מצריים. אבער דער אלמעכטיגער האט געזאגט צו זיי: „דערפאר וואס זייער פאטער

אברהם האָט געטון מיין ווילן, וועל איך אַליין נידערן אַראָפּ און אָפּהיטן מיינע קינדער".

די לאַגע פון די אידן איז געווען אַ שרעקליך קריטישע. פאַר זיי איז געליגן דער ים סוף, און זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרזעצן זייער מאַרש. פון הינטן האָט זיך געפונען די מעכטיגע עגיפּטישע אַרמעי. אין דער ריכטונג פון דער מדבר זיינען געווען שלאַנגען, עקדישן און אַלערליי ווילדע חיות. און אין דעם פאָלק אַליין האָט געהערשט קיין אייניקייט.

בעת די שבטים ראובן, שמעון און יששכר ווילן זיך שטירצן אין ים, אויס מורא פאַר די מצריים, ווילן די שבטים זבולון, בנימין און נפתלי צוריק געהן מיט די עגיפּטער קיין מצרים. דאַגעגן האָבן יהודה, דן און יוסף געוואָלט קעמפן מיט די מצריים; און לוי, גד און אשר האָבן געוואָלט אַז מען זאָל מאַכן אַזעלכע ליאַרמס ביז מען וועט פאַרטומלען די מצריים.

אין אָט דעם דאָזיגן קריטישן מאָמענט האָט דער אַל-מעכטיגער גענידערט אַראָפּ, און ער האָט באַוויזן זיך ביי דעם ים סוף מיט ניינציג טויזענט מלאכי חבלה. האָבן די שבטים אָן געהויבן צו שפּאַרן זיך. יעדער שבט האָט געוואָלט זיין דער ערשטער צו שפּרינגען אַריין אין וואַסער אַריין. אָבער בעת די אַנדערע האָבן געהאַלטן זיך אין שפּאַרן, איז נחשון בן עמינדב געשפּרונגען אַריין און זיין שבט נאָך אים, א). אַלע אַנדערע שבטים האָבן נאָך געטון, און זיי זיינען שוין געשטאַנען אין וואַסער ביז צום האַלז. האָט דער באַרג מוריה אָפּגעריסן זיך פון זיין אָרט, און אויף אים איז געשטאַנען דער מזבח אויף וועלכן אברהם אבינו האָט געזאָלט מקריב זיין זיין זון יצחק.

אין אָט דעם מאָמענט איז משה געשטאַנען און ער האָט געבעטן צום אויבערשטן. האָט דער אַלמעכטיגער געזאָגט צו אים: וואָס שרייסטו צו מיר! מיינע קינדער געפינען זיך אין אַן עת צרה און דו שטעהסט און בעטסט! וואָס בעטסט דו! מיינע קינדער האָבן שוין געבעטן, און איך האָב געהערט זייער געבעט. מיינע קינדער געפינען זיך אין אַ געפאַר און דו שטעהסט און האַלסט גאָר אין איין מתפלל זיין! הייס, און איך וועל טון!

באַפעהל די אידן צו ציען! שטרעק אויס דיין שטעקן, וועט דער ים שפּאַלטן זיך!

משה האָט געוויזן אים יוסף׳ס ארון, דעם שטעקן אויף וועלכן עס איז געווען אויס געקריצט דער שם המפורש (טעט-

---

א) עס איז פאַראַן אַן אַנדער מיינונג.

ראַגראַמאַטאַן), דער נאָמען וועלכן מע טאָר נישט אַרויס רעדן, אָבער דער ים האָט נישט געוואָלט פאָלגן.

דער ים האָט גע'טענה'ט צו משה'ן: פאַר דיר וועל איך זיך שפּאַלטן! איך בין גרעסער פון דיר. איך בין בעשאַפן געוואָרן דעם דריטן טאָג, דינסטיק, פון דעם וועלט בעשאַף. און דו ביזט בעשאַפן געוואָרן ערשט דעם זעקסטן טאָג, פרייטיק, פון דעם וועלט בעשאַף! דו האָסט אַן גערופן די אידן „ממרים", ווידער־שפּעניקע, וועל איך שפּאַלטן זיך פאַר דיר?

ווען משה האָט איבער געגיבן דעם אַלץ ווייסער אַז דער ים וויל נישט זיך שפּאַלטן, האָט דער אויבערשטער געגיבן זיין רעכטע האַנד אויף משה'ס רעכטער האַנד. ווי עס שטעהט אין פּסוק „מוליך לימין משה", ער באַגלייט משה'ס רעכטע האַנד.

און דער אויבערשטער האָט באַוויזן זיך ווי אַ קריגס העלד אויף אַ פערד, באַגלייט פון נייגציג טויזנט מלאכי חבלה, פאַר־דאַרבענדיגע מלאכים.

און „הים ראה וינס", א) דער ים האָט דערזען ווי דער אַל־מעכטיגער אַליין האָט זיך אַנטפּלעקט, און ער האָט דערזען משה'ס שטעקן, און „ויגער בים סוף", און דער אַלמעכטיגער האָט אַן געשריען אויף אים. האָט ער נישט געקאָנט אויף האַלטן, און „ויחרב", און ער איז באַלד אויס געטריקנט. האָט משה גע־פרעגט אים: „פאַר וואָס אַנטלויפסטו דו?" האָט דער ים געענטפערט אים: פאַר דעם אויבערשטן, פאַר יעקב'ס האָבן מורא פאַר אים.

און ניט נאָר דער ים סוף, נאָר דאָס וואַסער אין אַלע טייכן, קוואַלן, ברונעמס, פעסער, פלעשער, גלעזער און יעדער אַנדערער טראָפן וואַסער האָט געשפּאַלטן זיך.

די זכותין פאַר קריעת ים סוף

און געשפּאַלטן האָט דער ים סוף זיך אין פאַרשידענע זכות'ן [זכיות, זכויות].

אין דעם זכות פון ברית מילה;

א) אגב, זאָגענדיג „הלל" ביי דעם סדר, האָט אַ אינגעלע געפרעגט זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ קנאַפּער ידען אין די דריבנענקע אותיות'לאך: טאַטע, עס שטעהט „הים ראה, וינס הירדן". דער ים האָט געזעהן, איז דער ירדן אַנטלאָפן. נו, אַז דער ים האָט געזעהן, צו וואָס זשע עפּיס איז גאָר דער ירדן אַנטלאָפן?!

האָט דער פאָטער געענטפערט: מיין קינד, דו ביזט אַזוי גרויס ווי דער בעל התהלים אַליין. דער בעל התהלים אַליין פרעגט דאָך טאַקע: „מה לך הים, כי תנוס הירדן", וואָס איז געשעהן מיט דיר אָה ים, וואָס דער ירדן איז אַנטלאָפן!

אין אברהם אבינו׳ם זכות;

אין דעם זכות פון אברהם אבינו׳ם גלויבן אין דעם אויבערשטן, ווי עס שטעהט אין פסוק „והאמין בה׳״, און ער האָט געגלויבט אין דעם אויבערשטן;

אין דעם זכות פון עקידת יצחק;

אין דעם זכות פון יעקב אבינו. דער אויבערשטער האָט גענומען יעקב׳ס פּיס, האָט אַוועק געשטעלט זיי אויף דעם ים סוף, און ער האָט געזאָגט צו אים: זע דעם נס וואָס איך טו דיינע קינדער. לויט אַן אַנדער מיינונג זיינען אויך די פּיס פון די אַנדערע אבות געשטאַנען דאָרט.

אין דעם זכות פון דעם אויבערשטנס צוזאָג צו יעקב׳ן „והיה זרעך כעפר הארץ **ופרצת ימה**״. דער אויבערשטער האָט מרמז געווען, אַן געווינקן יעקב׳ן, **פרוץ** את הים, צו דורך ברעכן, שפּאַלטן דעם ים.

אין דעם זכות פון זייערע אבות;

אין יוסף הצדיק׳ס זכות;

צוליב יוסף׳ס ארון;

צוליב יוסף׳ס געביין;

אין דעם זכות פון די שבטים;

אין משה רבינו׳ס זכות;

אין דעם זכות פון תורה און תפילה;

אין דעם זכות פון תורה און מזוזה;

אין דעם זכות פון מזוזה און תפילין;

אין דעם זכות פון קריאת שמע און תפילה;

אין דעם זכות פון ירושלים;

אין דעם זכות פון די אידן.

ווען דער ים האָט דערזען ווי די אידן קריגן זיך איינער מיט דעם אַנדערן צוליב דער הייליקייט פון דעם אויבערשטנס נאָמען, האָט ער געזאָגט: וואָס שטעה איך עפּיס! און ער איז באַלד אַנטלאָפן (געשפּאָלטן זיך).

אגב, דער בעשאַפער פון דער וועלט האָט אוים גענומען אַ תנאי מיט דעם ים סוף אַז ער זאָל זיך שפּאַלטן פאַר די אידן, א).

א) זעט „אהרן ראָזמאַרין׳ס תנ״כ ענציקלאָפעדיע״, ערשטער באַנד, זייט 123־119, אויסגאַבע אום, ניו יאָרק, תשכ״ד, 1964.

און געשפאלטן האט דער ים סוף זיך אויף צוועלף טיילן. און די וואסערן זיינען געבליבן שטעהן ווי געמויערטע ווענט פון קריסטאל. דער אפגרונד איז ארויף געשווימען אין דער הויך, און ער האט אוים געגלייכט זיך מיט דעם פלאך פון דעם ברעג ים. עס האט אוים געזען ווי א פעלד מיט שמעקענדיג גראז און בלומען. און א קוואל פון זים, געשמאק וואסער האט ארוים גע־קוועלט, די אידן זאלן האבן וואס צו טרינקען. און בשעת די אידן האבן געצויגן, האט דער מלאך גבריאל אפגעהיט זיי. צו די וואסערן פון רעכטס האט ער געזאגט: „זייט פארזיכטיג מיט די אידן וועלכע וועלן מקבל זיין די תורה פון דעם אויבערשטנס רעכטער האנט". צו די וואסערן פון לינקס האט ער געזאגט: זייט פארזיכטיג מיט די אידן וועלכע לייגן תפילין אויף דער לינקער האנט". צו די וואסערן פון פארענט האט ער געזאגט: „זייט פארזיכטיג מיט די אידן וועלכע וועלן מקיים זיין ברית מילה". און צו די הינטערשטע וואסערן האט ער געזאגט: „זייט פארזיכטיג מיט די אידן וועלכע לייגן דעם קשר של תפילין אויף דעם הינטערשטן טייל פון דעם קאפ".

דער מלאך מיכאל איז דערווייל געווארן פערוואנדלט אין א פייערדיגער וואנט צווישן די אידן און די מצריים. גבריאל, וועלכער האט צו זאגן איבער טריקעניש, האט אוים געטריקנט דעם ים. און די אידן האבן געצויגן אויף אוים געטריקנטע סטעזשקעס. און ווען דער לעצטער איד איז שוין געהאט געגאנגען ארוים פון דעם וואסער, איז דער לעצטער מצרי געגאנגען אריין. האט דער ים אן געהויבן צו פערמאכן זיך פון אלע זייטן. און די מצריים האבן אן געהויבן צו טרענקען זיך. איז געקומען דער שר פון מצרים פאר דעם אויבערשטן געריכט, און ער האט גע'טענה'ט: „פאר וואס קומט זיי אזא טויט? אמת, זיי האבן טאקע געדינט די עבודה זרה. אבער אויך די אידן האבן דאך געטון דאס זעלבע! און אויב דאס איז דער פאר, ווייל זיי האבן פערשקלאפט די אידן, איז דאך דאס געווען דעם בעשאפערס באפעהל!"

אבער דער מלאך מיכאל האט דערווידערט: ריכטיג, אבער דער אויבערשטער האט דאך ניט געהייסן אריין ווארפן אידישע קינדער אין וואסער אריין! דערווייל האט ער געגיבן א ווינק צום מלאך גבריאל, און מיט איין שוועב האט ער געבראכט פון מצרים א ציגל מיט ליים און אויך א קינד וואס איז געווען איין געמויערט אין דעם בנין. צוליב דעם וואס די אידן האבן ניט געקאנט מאכן די באשטימטע צאל ציגל, האבן די מצריים געצווינגען זיי צו איין בויען זייערע אייגענע קינדער אויפן ארט

פון די געפעהלטע ציגל. ווי נאָר דער מדת הדין האָט דאָס דערזעהן, זיינען די מצריים געוואָרן געפונען שולדיג.

צוערשט האָט דער אַלמעכטיגער דערטרונקען דעם הימלישן שר, האַר פון מצרים, וועמענס נאָמען איז טאַקע מצרים. ווייל ווען דער אַלמעכטיגער וויל באַשטראָפן אַ פאָלק באַשטראָפט ער זייער האַר אין הימל פריער.

זייענדיג גרויסע כישוף מאַכערס האָבן די מצריים אָן געהויבן צו שווימען מיט כישוף. אָבער דער ים סוף האָט געזאָגט: „ווי קאָן איך אָפלאָזן אַ זאַך וואָס דער אַלמעכטיגער האָט בעהאַלטן ביי מיר?" און דאָס וואַסער האָט אָן געהויבן צו לויפן נאָך יעדער מצרי. און וואוהין אַ מצרי האָט געוואָלט אַנטלויפן, איז דער ים סוף געלאָפן אַנטקעגן אים. און ווען די צוויי באַרימטע כישוף מאַכערס, די ברידער יוחני און ממרא, האָבן געמאַכט זיך פליגל און זיינען געפלויגן אין דער לופטן, האָט מיכאל אָן געכאַפּט זיי ביי די קעפּ, און ער האָט אַריין געשליידערט זיי אין וואַסער אַריין.

און ניט בלויז דאָס וואַסער, נאָר אויך פייער האָט אום געבראַכט די מצריים. דער וואָלקן זייל האָט געמאַכט דעם אָפּגרונד פון דעם ים סוף ווי ליים. און דער פייער זייל האָט אָן געגליט די רעדער. זיינען די רייט וואָגנס געוואָרן פאַרברענט. אויך דער ריח פון דעם וואַסער האָט אוים געפאָלגט זיין מיסיע. דער גערוך האָט זיי פאַר׳חלש׳ט אַזוי אַז זיי האָבן פשוט ניט געקאָנט אָטעמען.

דער אויבערשטער באַשטראָפט מידה כנגד מידה, מאָס פאַר מאָס. מיט דער מאָס מיט וועלכער זיי האָבן געמאָסטן, זיינען זיי אַליין געוואָרן געמאָסטן. זיי האָבן געוואָלט אום ברייגגען די אידן דורך ליים, זיינען זיי אַליין אום געקומען דורך ליים. אין דעם טאָפּ אין וועלכן זיי האָבן געקאָכט, זיינען זיי אַליין געוואָרן אָפּ געקאָכט. איז די בהלה ביים ים סוף געווען אַן אויסערסט שרעקליכע, אָבער דער פּראָצעס איז געוואָרן דורך געפירט מיט פּרעציזקייט, סיסטעמאַטיש און פונקטליך. און אַ דאַנק דער פּרעציזקייט זיינען די אידן געוואָרן געראַטעוועט, און די מצריים זיינען אום געקומען.

אין דער אמת׳ן האָט דער ים סוף געשפּאָלטן זיך צוויי מאָל. דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען ספּעציעל צוליב דתן׳ען און אבירם׳ן. אָט די דאָזיגע צוויי חברה לייט האָבן בשום אופן געוואָלט פאַרלאָזן מצרים. אָבער ווען זיי זיינען ענדליך געקומען צו לויפן פאַרשפּעטיגטע צום ים סוף, האָט ער געשפּאָלטן זיך נאָך אַמאָל ספּעציעל פאַר זיי. און דורך דער גאַנצער צייט ווען דאָס וואַסער איז געשטאַנען ווי ווענט, זיינען געוואַקסן אַרוים

פון זיי אלערליי פרוכטן, אזוי, אז וואס פאר א פרוכט א קינד האט געוואלט, האט עס בעדארפט בלויז אוים שטרעקן דאס הענ־טעלע און אפרייסן.

נאך דעם ווי אלע מצריים זיינען אום געקומען, האט דער ים סוף ארוים געשליידערט זיי אויף דעם ברעג, כדי די אידן זאלן זעהן מיט זייערע אייגענע אויגן אז זיי זיינען טויט, און זיי זאלן ניט האבן מורא פאר זיי מעהר.

די אידן האבן, נעמליך, געהאט שטארק מורא. זיי האבן געזאגט: פונקט אזוי ווי מיר געהען ארוים פון דעם ים פון דער זייט, קאנען דאך נאך די מצריים ארוים געהן פון אן אנדער זייט. האט דער אלמעכטיגער באפוילן דעם שר, דעם אויף זעהער פון דעם ים „שפיי זיי אוים". ער האט אפילו געקווענקעלט זיך א ביסל. ער האט ניט געוואלט גיבן צוריק די מתנה וועלכע זיין האר, דער אויבערשטער, האט געגיבן אים, אבער ער האט פארט אוים געשפיגן זיי.

אט אזוי זיינען די מצריים געווארן געקאכט אין דעם טאפ אין וועלכן זיי האבן געקאכט די אידן. זיי האבן געווארפן די אידישע קינדער אין וואסער אריין, זיינען זיי אלע אום געקומען אין וואסער. געבליבן לעבן איז בלויז פרעה, און דאס איז געווען דער פאר וואס ער האט געזאגט: „דער אויבערשטער איז גערעכט, און איך און מיין פאלק זיינען רשעים". און אויך צוליב דעם אז ער זאל דערצעהלן דעם בעשאפערס מעכטיקייט.

צוערשט האט דער מלאך מיכאל געלייגט ארויף אן אייזער־נע קייט אויף פרעה'ס האלז. ער האט פארזונקן אים אין ים סוף, און ער האט געפייניגט אים דארט פיפציג טעג. דער נאך האבן מיכאל און גבריאל ארוים געצויגן און פארווארפן אים אין דער שטאט נינוה, וואו ער האט געהערשט פיר הונדערט יאר.

און אזא גרויסן זכות האבן די אידן געהאט ביי דעם ים סוף, אז אפילו א דינסט האט געזען דארט זאכן, וועלכע אפילו די נביאים ישעיהו און יחזקאל האבן נישט געזען.

איז בעת די ערשטע טעג פסח זיינען אין אנדענק פון יציאת מצרים, פאראייביגן די צווייטע טעג פסח דאס שפאלטן פון דעם ים סוף, דער גרעסטער פון אלע נסים וועלכע דער אלמעכטיגער האט געטון די אידן דורך משה רבינו.

ווען די אידן האבן געזען דעם אלמעכטיגנס שטארקע האנט, האבן משה און זיי געזונגען א לויב געזאנג צו אים.

משה און די אידן זינגען שירה, אַ לויב געזאַנג

משה און די אידן האָבן געזאָגט הלל. זיי האָבן געזאָגט „לא לנו, ה׳, לא לנו״... נישט אונז, אָה אויבערשטער, נישט אונז, נייערט דיין נאָמען טייל צו כבוד. און דער רוח הקודש האָט גע־ענטפערט „למעני, למעני אעשה״, איך טו עס, איך טו עס פון מיינעט וועגן, א).

און „אז ישיר משה ובני ישראל״. און משה און די אידן, אַלע אידן, זויגלינגע און אפילו קינדערלאַך אין דער מוטערס טראַכט האָבן געזונגען אַ לויב געזאַנג צו דעם אַלמעכטיגן. און מרים האָט געזינגען שירה מיט די פרויען. אויך די מלאכים האָבן געזינגען שירה.

וועגן דעם זינגען די שירה זיינען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען:

משה האָט געזאָגט „אשירה לה׳ ״, און די אידן האָבן נאָך געזאָגט „אשירה לה׳ ״.

משה האָט אָן געהויבן אַ פסוק, און די אידן האָבן געענדיגט אים. משה האָט אָן געהויבן „אשירה לה׳ ״, און די אידן האָבן געענדיגט „כי גאה גאה״. משה האָט אָן געהויבן „עזי וזמרת...״, און די אידן האָבן געענדיגט „ויהי לי לישועה״. משה האָט אָן געהויבן „ה׳ איש מלחמה״, און די אידן האָבן געענדיגט „ה׳ שמו״. און אַזוי אויך אַלע פסוקים.

משה האָט געזאָגט די גאַנצע פרשה „אז ישיר...״, און דער נאָך האָבן די אידן געזאָגט דעם גאַנצן „אז ישיר...״, ב). און:

„אָז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה׳, ויאמרו לאמר״: און דענצמאָל האָבן משה און די קינדער פון ישראל געזינגען דאָס דאָזיגע געזאַנג צו דעם אויבערשטן, און זיי האָבן געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:

איך וועל זינגען צום אַלמעכטיגן, וואָרום ער איז דער־

א) תהלים קטו, א; ישעיה מח, יא; פסחים קיז, א.

ב) ברכות ג, א; כתובות ז, ב; סוטה כז, ב; ל, ב—לא, א, רש״י און תוספות דאָרט; מכילתא דרבי ישמעאל לד, א, הוצאת אום; מדרש תנחומא בשלח יא; שמות רבה כג, ט; ילקוט שמעוני, בשלח רמז רמא; מדרש לקח טוב (פסיקתא זוטרתא) בשלח טו, א; רבינו בחיי, בשלח, טו, א.

זעט אומעטום ווער עס זאָגט וואָס.

הויבן זעהר הויך; דאָס פערד מיט זיין רייטער האָט ער געשליי־דערט אין ים אריין.

דעם אויבערשטנס שטאַרקייט און לויב זיינען געווען מיר אַ הילף; דאָס איז מיין אַלמעכטיגער, און איך וועל באַשעהנען אים; ער איז מיין פאָטערס אויבערשטער, און איך וועל דערהויבן אים.

השם איז דער זיגער פון מלחמה; זיין נאָמען איז ה׳.

פרעה'ס רייט וואַגנס און זיין מיליטער האָט ער אריין געוואָרפן אין ים אריין; און זיינע אויס געקליבענע קאַפּיטאַנען זיינען געוואָרן דערטרענקן אין דעם ים סוף.

די אָפּגרונטן האָבן צו געדעקט זיי; זיי האָבן אראָפּ גע־נידערט אין די טיפענישן ווי שטיין.

דיין רעכטע האַנד, ה׳, גלאָריפיצירט אין מעכטיקייט; דיין רעכטע האַנד, ה׳, צעשמעטערט דעם פיינד.

און מיט דיין אום געהויערער מאַכט פאַרניכטעסט דו דיינע געגנערס; דו שיקסט דיין גרים צאָרן, און ער פאַרצעהרט זיי ווי שטרוי.

און דורך דיין וואָרט איז דאָס וואַסער געבליבן שטעהן ווי אַ הויפן; די שטראָמען זיינען געבליבן שטעהן ווי אַ מויער; די אָפּגרונטן זיינען געוואָרן פאַרגליווערט אין מיטן ים.

דער פיינד האָט געזאָגט: איך וועל נאָך יאָגן, איך וועל דערגרייכן, איך וועל צעטיילן דעם רויב; מיין לייב וועט אָן זעטיגן זיך פון זיי; איך וועל אַרויס ציען מיין שווערד, מיין האַנד וועט פאַרטיליגן זיי.

דו האָסט געטון אַ בלאָז מיט דיין אָטעם, האָט דער ים פאַרדעקט זיי; זיי זיינען געזונקען אראָפּ ווי בליי אין די מעכטיגע וואַסערן.

ווער איז אַזוי ווי דו צווישן די מעכטיגע, אָה, ה׳; ווער איז אַזוי ווי דו באַצירט מיט הייליקייט, פורכטיג אין לויבונגען, טוער פון ווינדערס.

דו האָסט גענייגט דיין רעכטע האַנד, האָט די ערד איין געשלינגען זיי.

דו האָסט געפירט מיט דיין גנאָד דאָס פאָלק וועלכעס דו

האָסט אוים געלייזט; האָסט געלייטעט עס מיט דיין מעכטיקייט צו דער וואוינונג פון דיין הייליקייט.

פעלקער האָבן געהערט, האָבן זיי געשווידערט; אַ ציטער־ניש האָט אָן געכאַפּט די איינוואוינער פון פלשת.

דענצמאָל זיינען געוואָרן דערשראָקן די פירשטן פון אדום, די מעכטיגע האָט אָן געכאַפּט אַ שוידער; צעגאַנגען זיינען אַלע איינוואוינער פון כנען.

עס איז אָן געפאַלן אויף זיי אַ שרעק און אָן אַנגסט, דורך דער גרייסקייט פון דיין אָרעם זיינען זיי געוואָרן שטיל ווי אַ שטיין; ביז עס איז אַריבער דיין פאָלק, אָה השם, ביז עס איז אַריבער דיין פאָלק וועלאַכם דו האָסט ערוואָרבן.

דו וועסט ברענגען און איין פלאַנצן עס אויף דעם באַרג פון דיין ערבשאַפט (ירושה, אייגענטום), דאָס אָרט וואָס דו האָסט געמאַכט פאַר דיין וואוין זיץ (רעזידענץ), אָה האר; דעם הארם הייליגטום וואָס דיינע הענט האָבן אויף געשטעלט.

דער אויבערשטער וועט קיניגן שטענדיג, אייביג.

ווייל פרעה איז אַריין אין ים אַריין מיט זיינע פערד און רייט וואַגנס, און דער אַלמעכטיגער האָט אום געקעהרט דאָס וואַסער פון דעם ים, און די קינדער פון ישראל זיינען געגאַנגען אויף טריקעניש אין מיטן ים.

און די נביאה מרים, אהרן׳ס שוועסטער האָט גענומען די פויק אין איר האַנד, און אַלע ווייבער זיינען געגאַנגען נאָך איר מיט פויקן און מיט טענץ.

און מרים האָט געענטפערט זיי: זינגט צו דעם אַלמעכטיגן וואָרום ער איז דערהויבן זעהר הויך; דאָס פערד מיט זיין רייטער האָט ער געשליידערט אין ים אַריין.

משה און די אידן אין דער מדבר

דאס וואסער איז ביטער

פון דער קנעכטשאפט באפרייט, פון די פארפאלגערס ניצול געווארן, האט משה באפוילן די אידן צו ציען אוועק פון דעם ים סוף. אבער די אידן האבן ניט געוואלט אוועק ציען פון דארט. ווייל זיי זיינען געווען שטארק באשעפטיגט מיט דעם צונויף זאמלען דאס צירונג, מיט וועלכן די מצריים האבן באפוצט זייערע פערד, און דער ים סוף האט ארויס געווארפן עס אויף דעם ברעג.

עס איז פאראן אויך א מיינונג אז ווען זיי האבן געזעהן די מצריים ארום שווימען טויטע אויף דעם וואסער, האבן זיי געוואלט אום קעהרן זיך קיין מצרים. משה אבער האט געצוווינגען זיי, און זיי זיינען געצויגן אוועק פון דארט.

דריי טעג האבן זיי מארשירט און ניט געפינען וואסער. ווען זיי זיינען געקומען קיין מרה, האבן זיי ניט געקאנט טרינקען דאס דארטיקע וואסער, ווייל עס איז געווען ביטער. דאס פאלק האט זיך גענומען בייזערן אויף משה'ן און געזאגט: „וואס זאלן מיר טרינקען?" משה האט געשריען צום אלמעכטיקן, האט ער געוויזן אים א בוים. משה האט אריין געווארפן דעם בוים אין וואסער, און דאס וואסער איז געווארן זיס. דארט האט דער אויבערשטער געגיבן זיי געזעצן, און דארט האט ער געפריווט זיי.

און ער האט געזאגט: אויב דו וועסט צו הערן צו דיין אויבערשטנס קול, און דו וועסט טון דאס וואס איז רעכט פארטיג אין זיינע אויגן, דו וועסט צו הערן צו זיינע געבאטן און היטן זיינע געזעצן, וועל איך נישט ברענגן אויף דיר די אלע קראנק־הייטן וועלכע איך האב געבראכט אויף מצרים, ווייל איך השם בין דיין היילער.

פון מרה האבן די אידן געצויגן קיין אלים. דארט האבן זיי געפונען צוועלף וואסער קוואלן און זיבעציק פאלמען ביימער, קעגן די צוועלף שבטים און די זיבעציק זקנים. און זיי האבן געלאגערט דארט ביים וואסער. פון אלים האבן זיי געצויגן ווייטער און דעם פיפצענטן טאג פונעם צווייטן חודש נאך דעם ארויס צוג פון מצרים זיינען זיי געקומען צו דער מדבר סין, וואס ליגט צווישן אלים און סיני.

דער מן

אזוי ווי די גאַנצע מיטגענומענע שפּייז איז שוין געווען פאַרצעהרט, האָבן די אידן אָן געהויבן צו הונגערן. אין מצרים זיינען זיי געווען געוואוינט צו עסן גוט. זיי פלעגן געהן דאָרט אויפן מאַרק און נעמען ברויט, פלייש, פיש און קיינער האָט זיי גע־ווערהרט. זיי פלעגן געהן אין פעלד אַריין און נעמען טרויבן, טייטלען, גראַנאַטן און קיינער האָט זיי געשטעהרט. האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַקלאָגן זיך אויף משה׳ן און אהרן׳ען, און זיי האָבן געזאָגט צו זיי: „הלואי וואָלטן מיר געווען אויס געשטאָרבן דורכן אויבערשטנס האַנט אין דעם לאַנד מצרים, ווען מיר זיינען געזעסן דאָרט ביי דעם טאָפּ פלייש און געגעסן ברויט צו זאַט. איר אָבער האָט אונז אַרויס געפירט פון דאָרטן און אַריין געפירט אין דער דאָזיגער מדבר צו טייטן אונז דורך הונגער".

ווען די אידן האָבן באַקלאָגט זיך אין דער מדבר אַז אין מצרים האָבן זיי געהאַט ברויט צו זאַט, און דאָ, אין דער מדבר, האָבן זיי קיין ברויט, האָט דער אַלמעכטיגער געזאָגט צו משה׳ן: איך וועל אַראָפּ רעגענען ברויט פון דעם הימל פאַר אייך.

און אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך אַ חוץ שבת און יום טוב, האָט אַראָפּ גערעגנט מן פון דעם הימל.

דער מן איז געוואָרן בעשאַפן פרייטאָג פאַרנאַכט פון דעם וועלט בעשאַף.

דער מן איז געפאַלן זעכציג איילן הויך [פאַראַן אַנדערע מיינונגן]. אַלע מלכים פון מזרח און פון מערב האָבן געקאָנט זעהן אים. אונטער אים איז געווען אַ ווייסער טוי, און ער איז געווען באַדעקט מיט טוי (ראָסע). אַזוי אַז דער מן איז געליגן ווי אין אַ קעסטל.

פאַר צדיקים איז ער געפאַלן ביי זייער הויז טיר. זיי האָבן ניט בעדאַרפט איבער טרעטן אפילו די שוועל צו קלויבן מן. די מיטעלע מענטשן האָבן בעדאַרפט אַרויס געהן פון דעם הויז אויף דער גאַס צו קלויבן. און די רשעים האָבן שוין בעדאַרפט אַרום געהן קלויבן.

דער מן האָט אויס געזעהן ווי אַ קערענדל. ער איז געווען ווייס ווי אַ פּערל. ער האָט געגלאַנצט, געלויכטן ווי גאָלד. און עס זיינען אַראָפּ געפאַלן מיט אים פאַרשידענע צירונגען פאַר פרויען, דימענטן, פּערל, און אויך בשמים, געווירצן. קיין פרוי האָט

בעדארפט קימערן זיך וועגן געווירצן. זיי האבן גערופן אים „מן", ווייל איינער האט געפרעגט דעם צווייטן: „וואס איז דאס?".

און אראפ געפאלן איז דער מן אין משה רבינו'ס זכות. לויט אן אנדער מיינונג איז ער אראפ געפאלן אין אברהם אבינו'ס זכות. דערפאר וואס אברהם האט געגיבן די מלאכים צו עסן פוטער און מילך, האט ער זוכה געווען אז אין זיין זכות זאל דער מן אראפ פאלן אין דער מדבר פאר די אידנס וועגן.

און עס איז ניט געווען א נפקא מינה, עס האט נישט אויס געמאכט ווי פיל אדער ווי ווייניג איינער האט געקליבן. ווארום וויפל איינער האט געקליבן, פיל צי ווייניג, האט ער געהאט ניט מעהר און ניט ווייניגער וויפל ער האט בעדארפט. ווען ער האט געקליבן מעהר איז אים ניט איבער געבליבן. ווען ער האט געקליבן ווייניגער האט ניט אויס געפעהלט אים.

און געווען איז דער מן זעכציג מאל אזוי זיס ווי האניג. ער האט געהאט אלע טעמים. וואס פאר א טעם אין דער וועלט איינער האט געוואלט פילן, האט ער געפילט, א חוץ דעם טעם פון אוגערקעס, מעלאנען, גרינצייג, ציבעלעס, קנאבל, א). פונקט ווי א זויגלינג פילט אלע טעמים אין דער מוטערס מילך, אזוי האט יעדער איינער געפילט אלע געשמאקן אין דעם מן. א חוץ דעם איז פאר יונ־גע לייט איז עס געווען ברויט. פאר עלטערע מענטשן איז עס געווען בוימל. פאר קינדער איז עס געווען האניג. פאר קראנקע איז עס געווען האניג טייגלאך (עס זיינען פאראן אנדערע מיינונגען). שבת האט דער מן געהאט א גאר באזונדערן טעם.

אויסער דעם וואס דער מן האט געשפייזט די אידן אין דעם פארלויף פון דער גאנצער צייט וואס זיי האבן געפונען זיך אין דער מדבר, האט ער געדינט גלייך צייטיג די אידן ווי א וועג ווייזער צו פסק'ענען א דין, צו גיבן ארויס א גערעכטן אורטייל.

אט צום ביי שפיל, ווען צוויי מענטשן זיינען געקומען צו משה רבינו האבן א דין תורה. איינער האט גע'טענה'ט אז דער צווייטער האט אוועק גע'גנב'עט זיין קנעכט. און דער צווייטער האט גע'טענה'ט אז ער האט געקויפט דעם קנעכט פון אים, האט משה געזאגט זיי אז מארגן פרי וועט ער ארויס גיבן דעם אורטייל.

א) די ווערטער הקישואים, האבטיחים, החציר, הבצלים און השומים אין במדבר יא, ה ווערן פערטייטשט, אדער איבער געזעצט אנדערש פון פארשידענע מפרשים און איבער זעצערס.

תרגום יונתן בן עוזיאל איבער זעצט ניט דאס ווארט החציר דארט. זעט דארט תרגום אונקלוס און רש"י.

מאָרגן אין דער פרי האָט משה געזעהן אויב דעם קנעכטס מעסטל מן האָט געפונען זיך אין דעם הויז פון זיין ערשטן בעל הבית, האָט ער געוויסט אַז דער צווייטער בעל הבית האָט גע־גנב'עט דעם קנעכט.

אויב דעם קנעכטס מעסטל מן האָט געפונען זיך אין דעם הויז פון דעם צווייטן בעל הבית, האָט ער געוויסט אַז דער צווייטער בעל הבית האָט געקויפט דעם קנעכט.

פערציג יאָר נאָך אַנאַנד האָבן די אידן געשפייזט זיך מיט דעם מן. ווען משה רבינו איז נפטר געוואָרן, איז פערציג טעג נאָך זיין פטירה האָט דער מן אויפגעהערט אַראָפּ צו פאַלן פון דעם הימל.

אין דעם פאַרלויף פון די גאַנצע פערציג יאָר אין וועלכע די אידן האָבן געשפייזט זיך מיט דעם מן, האָבן זיי ניט בעדאַרפט האָבן דעם מאָגן, אַרויס געהן.

אַ קריגעלע מן איז בעהאַלטן געוואָרן לעתיד לבא, פאַר יענער וועלט.

וואַסער

פון דער מדבר סין האָט משה געפירט דאָס פאָלק ווייטער ביז עס איז געקומען קיין רפידים. דאָרט זיינען זיי געבליבן לאַגערן. ווען עס איז געווען דאָרט אַ מאַנגל אין וואַסער, האָבן די אידן זיך געבונטעוועט געגן משה'ן.

זיי האָבן געמורמלט געגן משה'ן: צו וואָס האָסט דו אונז אַרויס געבראַכט פון מצרים „צו טויטן מיך און מיינע קינדער און מיין פי דורך דורשט?" האָט משה געשריען צו דעם אויבערשטן: וואָס זאָל איך טון דעם דאָזיגן פאָלק? אָט נאָך אַ ביסל, און זיי פאַרשטיינען מיך". האָט דער אויבערשטער געהייסן אים נעמען פון די עלצטע פון ישראל, און דעם שטעקן מיט וועלכן ער האָט געשלאָגן דעם טייך און געהן. „איך וועל שטעהן פאַר דיר דאָרט אויפן פעלז אין חורב. און דו זאָלסט שלאָגן דעם פעלז, א). עס וועט פליסן אַרויס וואַסער, און דאָס פאָלק וועט טרינקן. און משה האָט געטון אַזוי.

ער האָט גערופן דאָס אָרט מסה (פריוואונג) און מריבה (קריגעריי), וועגן די אידנס צאַנקען, און פריוועו דעם בעשאַפער.

א) דער אויבערשטער האָט געזאָגט משה'ן בפירוש, אויסדריקליך „והכית בצור", און דו זאָלסט קלאַפּן [שלאָגן] דעם פעלז, שמות יז, ו. זעט זייטן קמח, קעה.

די מלחמה מיט עמלקין

נאך דעם ווי משה איז איבער געקומען די אינערליכע שוועריקייטן, האט ער געמוזט זיך ווענדן געגן אן אויסערליכן פיינט. עמלק, דער זון פון אליפז, דער זון פון עשו, איז געקומען מיט אן ארמעי פון טויזנט אכציג רבוא, א) צוויבערערס און כישוף מאכערס און האט אטאקירט די אידן אין רפידים. ער האט געוואלט נוקם זיין זיך פאר זיין זיידן עשו. די אידן האבן געשטעלט זיך געגן אים.

משה האט ניט מיטגעמאכט פערזענליך דעם דאזיקן צוג. וויל לויט א טראדיציע קאנען נאר די קינדער פון רחל באזיגן עשו'ן. האט משה באפוילן יהושע'ן אז ער זאל אויסקלייבן א צאל מענער און קעמפן געגן עמלק'ן. משה אליין איז ארויף געקלעטערט אויף א שפיץ בארג מיט דעם הימלישן שטעקן אין דער האנט. זיין ברודער אהרן און זיין שוועסטער מרים'ס זון חור האבן אים באגלייט.

און עס איז געשעהן אזוי: האט משה אויף געהויבן זיין האנט, האבן די אידן געזיגט. ווייבאלד, אבער, ער האט געלאזט זיין האנט רוען, האט עמלק געזיגט. אזוי ווי זיינע הענט זיינען געווארן שוועהר, דערפאר וויל ער האט אפ געלייגט די מלחמה ערשט אויפן צווייטן טאג און האט ניט געראטעוועט די קינדער פון ישראל נאך אין דעם זעלבן טאג, האבן זיי גענומען א שטיין און משה האט זיך געזעצט אויף אים. אויף א ווייכן קישן אדער אויף א פאלסטער האט משה ניט געוואלט זיצן, און ער האט געזאגט: „ישראל איז אין נויט, וויל איך אויך זיין מיט זיי אין נויט". נאך א העפטיקער שלאכט האט יהושע באוויזן אפצוהאקן די קעפ פון די פיינטלעכע העלדן, און די מאכט פון עמלק'ן איז געווארן געבראכן.

און דער אויבערשטער האט געזאגט משה'ן: שרייב איין דאס אין דעם בוך פאר א געדעכעניש, און טו עס אין יהושע'ס אויערן, אז איך וועל אויס מעקן דאס געדענקן פון עמלק'ן פון אונטער דעם הימל.

און משה האט געבויט א מזבח, און ער האט גערופן אים „השם נסי", דער אויבערשטער איז מיין פאן.

א) רבוא איז א מיריאד, צען טויזנט.

יתרו, צפורה, גרשם, אליעזר קומען צו משה'ן

נאָך דעם דאָזיגן טאָג האָט משה אַרוים געפירט די אידן פון רפידים. דעם דריטן חודש נאָכן אַרויס ציען פון מצרים זיינען זיי געקומען אין דער מדבר סיני און האָבן געלאַגערט קעגן איבער דעם באַרג. ווען יתרו, משה'ס שווער, האָט געהערט וועגן די נסים וועלכע דער אַלמעכטיגער האָט געטון מיט משה'ן און די אידן, האָט ער גענומען משה'ס ווייב צפורה און זייערע צוויי זין גרשם און אליעזר, און אַוועק געלאָזט זיך מיט זיי אין דער מדבר צו משה'ן. יתרו האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, ער האָט אַרום געוויקלט אים אַרום אַ פייל. ער האָט אויס געשאָסן די פייל, און דער בריוו און זיי זיינען אָן געקומען צו משה'ן.

ווען משה איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם, זיינען ער, אהרן, נדב און אביהו, די זקנים און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל געגאַנגען מיטן אָרון אַנטקעגן זיי. משה האָט דערציילט יתרו'ן אַלצדינג. יתרו האָט זיך זעהר געפרייט. יתרו האָט זיך מגייר געווען, און ער איז געבליבן אַ לענגערע צייט ביי די אידן.

נאָך דעם ווי משה האָט שוין באַזאָרגט די אידן מיט עסן און באַזיגט דעם אויסערליכן פיינט, האָט ער אָן געהויבן איינצופירן רעכט און גערעכטיקייט. ער אַליין איז געווען דער ריכטער פונעם פאָלק. ווען יתרו, פרעה'ס אַמאָליקער ראָט גיבער, האָט געזען ווי משה זיצט און משפט דאָס פאָלק וואָס שטעהט אַרום אים פון פרי־מאָרגן ביז אין דער נאַכט, האָט ער געזאָגט צו משה'ן: „דאָס וואָס דו טוסט איז ניט גוט. דו וועסט מיד ווערן, און דאָס פאָלק וועט מיד ווערן. די אַרבעט איז צו שוועהר פאַר דיר. דו אַליין וועסט ניט קאָנען עס אויספירן". ער האָט אים געראָטן אויסצוקלייבן מענטשן, וועלכע האָבן ליב דעם אמת. די דאָזיקע מענטשן זאָלן דערליידיקן די גרינגערע פּראָצעסן, און ער אַליין זאָל זיך באַטייליקן נאָר אין די וויכטיקסטע פער־האַנדלונגען. אויב דו וועסט טון אַזוי, און דער אויבערשטער וועט הייסן דיר אַזוי, דאַן וועסט דו קאָנען באַשטעהן. און אויך דאָס דאָזיגע גאַנצע פאָלק, וועט געהן אַ היים אין שלום.

משה האָט אָנגענומען די דאָזיקע עצה. מיט דער הילף פון אויסגעקליבענע ריכטער האָט ער איין געפירט רעכט און גערעכטיקייט. נאָך אַ לענגערער צייט האָט יתרו געזאָגט צו משה'ן: „איך וויל איצט געהן צוריק אין מיין לאַנד און וועל דאָרט מגייר זיין מיין פאַמיליע און מיינע שטאָט גענאָסן". משה האָט מיטגעגיבן אים אויפן וועג פילע רייכע מתנות.

דער אויבערשטער לערנט משהין תורה

דעם צווייטן טאג פון דעם דריטן חודש נאך דעם ארויס־צוג פון מצרים, איז משה ארויף געשטיגן גאנץ פרי צום אויבערשטן. משה׳ס פיס זיינען געשטאנען אויפן בארג, און דער איבעריקער טייל פון זיין קערפער איז געווען אין הימל. און דער אוי־בערשטער האט גערעד צו אים ווי איין מענטש צום אנדערן. און ער האט געזאגט צו משה׳ן: „אז איר וועט צו הערן צו מיין קול און האלטן מיין בונד, וועט איר זיין דאס טייערסטע פון אלע פעלקער, ווייל די גאנצע וועלט איז מיינע״.

משה איז ארונטער געשטיגן פון דעם בארג און ער האט עס מיטגעטיילט די זקנים, און דאס גאנצע פאלק האט געזאגט: „אלץ וואס דער אויבערשטער זאגט וועלן מיר טון״. פינף טעג נאך אנאנד איז משה ארויף און אראפ דעם בארג, אום איבער־צוגיבן דעם אויבערשטנס ווערטער צו דעם פאלק און זייער ענטפער צו אים. משה האט צוגעגרייט דאס פאלק.

משה איז דענצמאל ארויף געשטיגן אויפן בארג, וועלכן א וואלקן האט פארדעקט זעקס טעג. דער אלמעכטיגער האט אים אנגעכאפט און אים ארייגעבראכט אין דעם וואלקן. פערציק טעג און פערציק נעכט איז משה געבליבן דארט. איידער משה איז ארויף אויפן בארג, האט ער מיטגעטיילט דעם פאלק, אז צום סוף פון פערציק טעג,ביים אנפאנג פון דער זעקסטער שטונדע, וועט ער קומען צוריק מיט דער תורה.

די גאנצע צייט ווען משה איז געווען אויפן בארג, האט דער אויבערשטער געלערנט מיט אים. בייטאג האט ער געלערנט מיט אים תורה שבכתב און ביינאכט תורה שבעל פה. נאר אזוי ווי משה׳ן איז געווען שווער צו באגרייפן די תורה, האט דער אויבערשטער געגיבן אים די תורה אלס מתנה.

שפעטער האט משה געלערנט תורה מיט די אידן אין זיבעציק שפראכן. דאס לערנען פלעגט פארקומען אויף פאלגענדיקן אופן: צוערשט איז אהרן אריין געקומען, און משה האט מיט אים געלערנט. נאכן לערנען זעצט זיך אהרן ביי משה׳ס לינקער האנט. אהרן׳ס זין אלעזר און איתמר קומען אריין. און נאך דעם ווי משה האט אפ געלערנט מיט זיי, זעצט זיך אלעזר ביי משה׳ס רעכטער האנט און איתמר ביי אהרן׳ס לינקער האנט. דערנאך זיינען געקומען די זקנים; און ווען משה האט מיט זיי געענדיקט דאס לערנען, איז דאס גאנצע פאלק אריין געקומען און משה האט מיט זיי געלערנט.

דער גאָלדענער קאַלב

נאָך פערציק טעג האָט דער אויבערשטער געגיבן משה'ן די לוחות, וועלכע זיינען געווען פון סאַפּירשטיין. זיי האָבן גע־וואויגן פערציק סאה, פּונקט ווי דער הימלישער שטעקן, און זיי זיינען געווען געשריבן מיט הימליש פייער. אַזוי ווי אָבער משה האָט זיך פאַרשפּעטיקט אַראָפּצונידערן פון דעם באַרג, האָבן זיך פאַרזאַמלט פערציק טויזנט מאַן, וועלכע האָבן מיטגעצויגן מיט די צייכן דייטערס יונוס און ימברוס, און זיי האָבן געפאָדערט פון אהרן'ען, אַז ער זאָל מאַכן פאַר זיי געטער.

אהרן און חור האָבן זיי געענטפערט, אַז משה האַלט איצט אין אַראָפּנידערן פון דעם באַרג, אָבער זיי האָבן ניט געגלויבט, ווייל דער שטן האָט צעטומלט די וועלט און ער האָט געזאָגט די אידן, אַז משה איז טויט. ער האָט זיי געוויזן משה'ס מטה. ווען חור האָט אָנגעשריען אויף זיי, האָבן זיי אים דער'הרג'עט.

ווען אהרן האָט געזען חור'ן אַ טויטן פאַר זיך, האָט ער זיך געטראַכט, אַז אויב ער וועט זיי ניט פאָלגן, וועלן זיי אויך אים הרג'ענען, און עס וועט מקוים ווערן אויף זיי: „זאָל דער־מאָרדעט ווערן אין דעם אויבערשטנס הייליקטום אַ כהן און אַ נביא", וועט דאָך דעמאָלט זיין פאַר זיי קיין שום תשובה. עס וועט דעריבער זיין בעסער צו מאַכן דעם גאָלדענעם קאַלב, וועלן זיי נאָך אפשר קאָנען געהאָלפן ווערן דורך תשובה טון. האָט ער אַ זאָג געטון צו זיי: „נעמט אַראָפּ די אויערינגלעך פון אייערע פרויען, זין און טעכטער און ברענגט זיי צו מיר".

ער האָט זיך געטראַכט, אַזוי ווי די פרויען און די קינדער וועלן דאָך ניט וועלן גלייך געבן דאָס צירונג, וועט דערווייל משה אָנקומען. אָבער זיי האָבן גאָרניט לאַנג געקלערט און האָבן גלייך אויסגעטון דאָס צירונג און עס איבער געגיבן אהרן'ען. זיי האָבן אים געוואָלט העלפן מאַכן דעם מזבח. אָבער אום צו געווינען צייט, האָט אהרן זיי דערקלערט אַז עס איז מעהר כבוד פאַר אַ מזבח געבויט צו ווערן פון איין מענטשן. אהרן האָט אַריין געוואָרפן דאָס צירונג אין פייער אַריין. עס איז געקומען אַרויס אַ גאָלדענער קאַלב. זיי האָבן געבראַכט קרבנות צום קאַלב.

רופט זיך אָן דער אויבערשטער צו משה'ן: „משה, נידער אַראָפּ פון דיין גרויסקייט. איך האָב דאָך געמאַכט גרויס דיך נאָר צוליב די אידן. אָבער אַזוי ווי ישראל האָט געזינדיקט, צו וואָס זשע דאַרף איך איצט דיך?" משה'ס כח איז באַלד געוואָרן

שוואַך, און ער האָט ניט געקאָנט רעדן מעהר. אָבער ווען דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט: „לאָז מיך אָפּ, וועל איך זיי פאַרטיליגן", האָט זיך משה געטראַכט: איצט איז די זאַך אָפּ־הענגיק פון מיר.

משה, ישראל׳ס פאַרטיידיגער, האָט באַלד זיך אויף גע־שטעלט און געבעטן חסד. ער האָט געזאָגט צום אויבערשטן: „דאָס גאָלד און זילבער וואָס דו האָסט געגיבן די אידן אין אַזאַ איבער פליסיקער מאָס, ביז זיי אַליין האָבן שוין געזאָגט „גענוג", אָט דאָס איז שולדיק אין דעם וואָס זיי האָבן געמאַכט דעם קאַלב". משה האָט ווייטער געזאָגט צום אויבערשטן: „ווען אַפילו די שטול מיט דריי פיס, נעמלעך, אברהם, יצחק און יעקב, קאָן ניט שטעהן פאַר דיר ווען דו ביזט צאָרנדיק, מכל שכן אַ שטול מיט איין פוס". אָבער ער האָט אָנגעכאַפּט דעם אויבערשטן, כביכול, ביי זיינע קליידער, ווי איין מענטש כאַפּט אָן דעם צווייטן, און ער האָט געזאָגט: „רבונו של עולם! איך לאָז דיך ניט אָפּ, ביז דו ביזט זיי מוחל. די אומות העולם קאָנען איצט זאָגן: זיין כוח איז געוואָרן אַזוי שוואַך ווי דער כוח פון אַ פרוי, און ער קאָן זיי ניט העלפן".

„זיי האָבן דאָך שוין אָבער געזען", ענטפערט דער אוי־בערשטער, „די וואונדערס וועלכע איך האָב געטון פאַר זיי ביים ים סוף?"

„זיי קאָנען אָבער נאָך איינווענדן", טענה׳ט משה, „געגן איין קעניג האָט ער געקאָנט ביישטעהן אָבער ניט געגן איין און דרייסיק".

רופט זיך אָן דער אויבערשטער און זאָגט: „משה, דו האָסט מיך באַלעבט מיט דיינע ווערטער". אָבער ערשט נאָך דעם ווי משה האָט דערמאָנט דעם אויבערשטן אָן דער שבועה וואָס ער האָט געשוואוירן צו די אבות, צו פאַרמעהרן ישראל, האָט ער געקריגן חרטה אויף דעם שלעכטס וואָס ער האָט געוואָלט טון די אידן.

נאָך דעם ווי עס איז געלונגען משה׳ן צו איבער בעטן דעם אויבערשטן, האָט ער זיך אומגעקערט צו די אידן פריילעך און נידער געשלאָגן. פריילעך איז ער געווען, ווייל דער אויבערשטער האָט אָן גענומען זיינע תפילות. און פול מיט זאָרגן איז ער געווען וועגן דער רשעות פונעם פאָלק. ער האָט מיטגענומען מיט זיך די לוחות וועלכע זיינען בעשאַפן געוואָרן נאָך בין השמשות פון דעם זעקסטן טאָג פון דעם וועלט בעשאַף, און אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט אַ הימלישע שריפט.

משה צעברעכט די לוחות, פאַרברענט דעם קאַלב

און משה האָט אַראָפּ גענידערט פון דעם באַרג מיט די צוויי לוחות, וועלכע זיינען געווען באַשריבן אויףביידע זייטן, אין זיין האַנד. און די לוחות זיינען געווען דעם אויבערשטנס אַרבעט, און דער כתב איז געווען דעם אויבערשטנס כתב, אויס געקריצט אויף די לוחות. און יהושע האָט דערהערט דאָס שאַלן קול פון דעם פאָלק, און ער האָט געזאָגט צו משה׳ן: אַ קול פון מלחמה, פון קריג, איז אין דעם לאַגער. און ער האָט געזאָגט: עס איז קיין קול פון אַ געשריי פון שטאַרקייט, און עס איז קיין קול פון אַ געשריי פון שוואַכקייט. איך הער אַ קול פון לאַכן [זינגן, פרעהליכקייט].

ווען משה האָט זיך דערנענטערט צו דעם אידישן לאַגער און ער האָט געזען דעם גאָלדענעם קאַלב, האָט זיין צאָרן זיך צעברענט אין אים. עס איז געווען זיבעצן טעג אין חודש תמוז. משה און יהושע האָבן צעבראָכן די לוחות ביים פוס פון דעם באַרג. דעם קאַלב האָט ער פאַרברענט אין פייער, צעמאָלן אויף שטויב. און דעם שטויב האָט ער צעשפּרייט איבערן וואַסער. ער האָט געהייסן די אידן טרינקען דאָס וואַסער, כדי זיי אויסצופּרואוון ווי מען פּרואווט אויס סוטות (ווייבער וועלכע ווערן פאַרדעכטיקט אין אומטרייקייט). כאָטש משה האָט צעבראָכן די לוחות אויף זיין אייגענער פעראַנטוואָרטלעכקייט, איז דער אויבערשטער דאָך געווען דערמיט איינפערשטאַנען, פונקט ווי ער האָט מסכים גע־ווען מיט אים אין אַנדערע זאַכן, וועלכע ער האָט געטון אויף זיין אייגענעם אחריות. ער האָט אים געזאָגט: „יישר כוחך ששיברת", זאָל דיין כוח ווערן געשטאַרקט דערפאַר וואָס דו האָסט צעבראָכן די לוחות.

נאָך דעם ווי משה האָט זיך ערקונדיקט ביי אהרן׳ען און ער האָט געזען ווי צעלאָזט דאָס פאָלק איז געוואָרן, האָט ער זיך אַנידער געשטעלט ביים טויער פון דעם לאַגער און האָט אויסגע־שריען: „ווער עס איז מיטן אויבערשטן, צו מיר!" אַלע לויים, וועל־כע זיינען געווען קיין געצנדינערס, זיינען צוגעטראָטן צו אים. ער האָט באַפעהלט זיי צו טויטן אַלע פאַרזינדיקטע, אַפילו ברידער. און זיי האָבן געטויט אַן ערך פון דריי טויזנט לייט.

די צווייטע לוחות

דעם צווייטן טאָג, דעם אַכצנטן תמוז, האָט משה זיך אומגעקערט צום אויבערשטן און געזאָגט: „דאָס פאָלק איז באַגאַנגען אַ גרויסע זינד. זיי האָבן געמאַכט פאַר זיך אַ גאָט פון גאָלד. אָבער זיי זיי מוחל! און טאָמער ווילסטו ניט זיי מוחל זיין, זאָלסטו מיך אויסמעקן פון דעם בוך, אין וועלכן דו האָסט מיך איינגעשריבן". נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט דער אויבערשטער זיי אַרוים געוויזן חסד. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן: „האַק אויס צוויי שטיינערנע לוחות ווי די ערשטע און איך וועל אויפשרייבן אויף זיי די זעלבע ווערטער ווי אויף די ערשטע, וועלכע דו האָסט צעבראָכן".

און ער האָט געהייסן אים געהן אַרויף אין דער פרי אויף דעם שפיץ באַרג, קיין מענטש זאָל אַרויף געהן מיט אים, און קיין מענטש זאָל ווערן געזעהן אויף דעם באַרג. שאָף און רינדער זאָלן נישט ווערן געפּאַשעט אַנטקעגן איבער יענעם באַרג.

פון דעם סאַפּירשטיין שאַכט וואָס דער אויבערשטער האָט אים געוויזן אין זיין געצעלט, האָט משה אויסגעהאַקט צוויי לוחות. אויף מאָרגן איז ער אַרויף געשטיגן מיט זיי אויפן באַרג סיני.

משה האָט געבעטן דעם אויבערשטן ער זאָל זיין צווישן די אידן, ווייל עס איז אַ האַרטנעקיג פאָלק, און ער זאָל פאַרגיבן זיי זייערע זינד.

און דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אים: זע, איך שלים אַ בונד. אין קעגנוואַרט פון דיין גאַנץ פאָלק וועל איך טון ווינדערס וועלכע זיינען נישט געוואָרן געשאַפן אין דער גאַנצער וועלט און ביי קיין פאָלק. און דאָס גאַנצע פאָלק צווישן וועמען דו ביזט, וועט זעהן אַז די טואונג וואָס איך טו מיט דיר איז פורכטיג.

פערציק טעג און פערציק נעכט איז ער געבליבן ביים אויבערשטן. ער האָט געגעסן קיין ברויט און געטרונקען קיין וואַסער, און ער האָט געשריבן דעם אויבערשטנס ווערטער אויף די לוחות. ער איז דעמאָלט אַרונטער געשטיגן פון דעם באַרג. אהרן און גאַנץ ישראל האָבן מורא געהאַט צו צוגיין נאָענט צו משה'ן, ווייל זיין פנים האָט זעהר געשטראַלט. און געשטראַלט האָט עס דערפון, וואָס ווען ער האָט געענדיקט שרייבן די תורה,

איז נאך געבליבן א ביסל אין דער פען וועלכע ער האט אפ־געווישט אן קאפ. משה האט אבער ניט געוויסט אז זיין פנים שטראלט. ער האט זיי צוגערופן. צוערשט זיינען צוגעגאנגען אהרן און די נשיאים. ער האט מיט זיי גערעד. און דאן איז צוגעקומען דאס גאנצע פאלק און ער האט זיי מיטגעטיילט אלץ וואס דער אויבערשטער האט גערעד מיט אים אויפן בארג סיני.

און מיטגעטיילט האט ער זיי אין פאלגענדיגער ארדענונג. נעמליך דאס לערנען איז צוגעגאנגען אזוי: דער אויבערשטער האט געלערנט מיט משה׳ן. איז אריין געקומען אהרן, און משה האט געלערנט מיט אים זיין פרק. נאך דעם לערנען האט אהרן אנידער געזעצט זיך אין משה׳ם לינקער האנד. נאך דעם זיינען געקומען אריין אהרן׳ם זין אלעזר און איתמר. האט משה געלערנט מיט זיי זייער פרק. נאך דעם ענדיגן האט אלעזר געזעצט זיך אין משה׳ם רעכטער האנד, און איתמר האט געזעצט זיך אין אהרן׳ם לינקער האנד. דאן זיינען געקומען אריין די זקנים, די עלצטע. האט משה געלערנט מיט זיי זייער פרק. נאך דעם ענדיגן האבן זיי געזעצט זיך אין די זייטן. איז געקומען אריין דאס גאנצע פאלק און משה האט געלערנט מיט זיי זייער פרק.

און משה האט פערזאמעלט אלע קינדער פון ישראל און ער האט איבער געגיבן זיי דעם אויבערשטנס געבאט: זעקס טעג זאלט איר ארבעטן, און דער זיבעטער טאג זאל זיין הייליג צום אויבערשטן. איר זאלט אן צינדן קיין פייער אין דעם שבת טאג, וואו איר וועט וואוינען, א).

און ער האט געהייסן בצלאל׳ן מאכן דעם משכן און די אלע כלים פאר דעם משכן.

א) זעט דאס קאפיטל „די וויכטיקייט פון שבת״, זייטן יז—כד.

דער באַרג סיני

דער באַרג סיני, אויף וועלכן דער אויבערשטער האָט געגיבן די תורה צו די אידן דורך משה'ן, שבת, דעם זעקסטן טאָג אין חודש סיון, האָט פינף נעמען, און לויט אַן אנדער מיינונג, זעקס.

דער באַרג סיני איז שוין געווען באַוויסט פילע דורות איידער די תורה איז געוואָרן געגיבן אויף אים. עס איז אַ סברא, אַז שוין יעקב אבינו האָט געזעהן אים אין חלום. ווי באַוויסט האָט יעקב געזעהן אין חלום אַ לייטער, און „סלם" (אַ לייטער) באַטרעפט הונדערט און דרייסיג, פונקט ווי די אותיות פון דעם וואָרט „סיני".

אויך משה רבינו האָט געוויסט פון דעם באַרג סיני נאָך פאַר מתן תורה. אייגענטליך זיינען דאָך משה און דער באַרג סיני געוואָרן אַן געגרייט נאָך ביי דער בעשאַפונג פון דער וועלט. און ווען משה האָט געפּאַשעט די שאָף אין דער מדבר, און ער איז צו געקומען צום באַרג סיני און האָט דערזען ווי פייגל פליען אַרום דעם באַרג און אין באַרג געהען זיי ניט אריין, האָט ער דערשפירט באַלד די הייליקייט פון דעם דאָזיגן אָרט.

און אַזוי וויכטיג איז דער באַרג סיני, אַז אין זיין זכות און אין דעם זכות פון דעם באַרג מוריה, אויף וועלכן דער אויבערשטער האָט געהייסן אברהם אבינו ברענגען זיין זון יצחק פאַר אַ קרבן עולה, עקזיסטירט די וועלט. פאַרשטעהט זיך, אַז דער באַרג סיני איז הייליג נאָר דערפאַר ווייל די תורה איז געוואָרן געגיבן אויף אים. דער באַרג אַליין טראָגט אין זיך קיין שום קדושה.

אויסער דעם וואָס די תורה איז געוואָרן געגיבן אויף אים, איז דער באַרג סיני געווען דער פּלאַץ פון פאַרשידענע אַנדערע היסטאָרישע פּאַסירונגען. אהרן הכהן האָט באַגעגענט זיין ברודער משה, ווען ער איז געצויגן קיין מצרים, ביים באַרג סיני. און ווען די אידן זיינען געווען אין רפידים, און דאָס פאָלק האָט געהאַט קיין וואַסער צו טרינקען, האָט משה רבינו דאָרט געשלאָגן דעם שטיין, און וואַסער איז געפלאָסן.

אָבער די הויפּט זאַך וואָס האָט געמאַכט הייליג דעם באַרג סיני, איז דאָס וואָס די תורה איז געוואָרן געגיבן צו די אידן אויף אים. און נאָך איידער די תורה איז געוואָרן געגיבן די אידן, האָט זיך געדרודערט זעהר שטאַרק צווישן די אַנדערע בערג. יעדער באַרג האָט איין געלעגט וועלטן אַז די דאָזיגע אַלער גרעסטע עפּאָכע מאַכענדיגע פּאַסירונג אין דער גאַנצער וועלט געשיכטע זאָל פאַר-קומען אויף אים. אָבער די פעלקער פון יענער צייט האָבן אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אַן נעמען די תורה.

די תורה

די תורה איז איינע פון די זיבן זאַכן וועלכע זיינען געוואָרן בעשאַפן נאָך פאַר בריאת העולם, פאַר דער בעשאַפונג פון דער וועלט. און טאַקע מיט דער תורה האָט דער בעשאַפער געהאַלטן זיך אַן עצה צי ער זאָל בעשאַפן די וועלט צי ניין. און אַז די תורה האָט געזאָגט אים: „האַר פון די וועלטן! אויב אַ קעניג האָט קיין סאָלדאַטן און קיין אַרמעיען, איבער וועמען זשע קיניגט ער? אויב אַ מלך האָט קיין פאָלק וואָס זאָל לויבן אים, וואָס זשע פאַר אַ מלך איז ער?" איז עס געפעלן זעהר דעם הייליגן, געלויבט זיין נאָמען. ער האָט געפאָלגט די עצה, און ער האָט בעשאַפן די וועלט.

און אויך ביים בעשאַפן די וועלט האָט ער געהאַלטן זיך אַן עצה מיט דער תורה. ווייל דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז ווען אַ מלך פון בלוט און פלייש בויעט אַ פּאַלאַץ, בויעט ער ניט גלאַט פון קאָפּ, נאָר ער באַרוט זיך מיט אַ פאַרלעסליכן אַרכיטעקט. און אויך דער אַרכיטעקט בויט ניט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר ער קוקט אַריין אין פאַרשידענע צייכנונגען און פּלענער, צו וויסן ווי אַזוי ער זאָל מאַכן די צימערן, און וואו ער זאָל מאַכן די טירן. אַזוי האָט אויך דער רבונו של עולם, דער האַר פון דער וועלט, געקוקט אין דער תורה, און ער האָט בעשאַפן די וועלט.

די תורה איז געוואָרן בעשאַפן אין פערציג טעג און אין פערציג נעכט, אין דעם זכות פון די אידן און פאַר זייער כבוד וועגן. זי איז געווען אויף געשריבן אויף דעם בעשאַפערס אָרעם. זי איז געווען געשריבן שוואַרץ פייער, אוים געקריצט אויף ווייס פייער. זי הייסט אויך „מצוה" און האָט זיבעציג נעמען. דער אויבערשטער רופט די תורה „מיין טאָכטער". דער אויבערשטער האָט בעהאַלטן די תורה ניין הונדערט פיר און זיבעציג דורות אין זיינע שאַץ קאַמערן ביז אברהם אבינו איז געקומען. אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער וועמען דער אויבערשטער האָט געוויזן די תורה. די תורה ווערט אָן גערופן תורת משה, ווייל ער האָט מוסר נפש געווען זיך פאַר דער תורה, און פאַר זיין באַשיידנ־קייט, פאַר זיין האַלטן זיך פאַר אום וויכטיג. די תורה ענטהאַלט צוויי הונדערט אַכט און פערציג מצוות עשה, פּאָזיטיווע געבאָטן, און דריי הונדערט פינף און זעכציג מצוות לא תעשה, פאַרבאָטן.

די פעלקער ווילן נישט אָן נעמען די תורה

אבער ניט אזוי גיך האָט דער אויבערשטער געגיבן די תורה צו די אידן. וואָרום די וועלט דאַרף שטעהן זעקס טויזנט יאָר. די ערשטע צוויי טויזנט יאָר זיינען געווען אין גאַנצן וויסט. די צווייטע צוויי טויזנט יאָר זיינען שוין געווען יאָרן פון תורה. און די דריטע צוויי טויזנט יאָר זיינען די יאָרן פון וואַרטן אויף משיח'ן. איז טאַקע דערפאַר די תורה געליגן די גאַנצע ניין הונדערט און פיר און זיבעציג דורות איידער די וועלט איז געוואָרן בעשאַפן, און זעקס און צוואַנציג דורות פון אדם הראשון'ען, ביז משה רבינו, ביז זי איז געוואָרן געגיבן די אידן.

און ניט די אידן זיינען געווען די ערשטע וועמען דער אויבערשטער האָט אָן געבאָטן די תורה. צו ערשט האָט ער אַנטפּלעקט זיך צו די קינדער פון עשו'ן, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

„זייט מקבל די תורה".

האָבן זיי געפרעגט:

„וואָס שטעהט געשריבן אין איר?"

„לא תרצח", דו זאָלסט ניט מאָרדן, האָט דער אויבערשטער געענטפערט זיי.

האָבן די קינדער פון עשו'ן געזאָגט:

„האַר פון דער וועלט, אונזער פאָטער עשו איז דאָך געבענטשט געוואָרן מיט דער ברכה ,אויף דיין שווערד זאָלסט דו לעבן', ווי אזוי זשע קאָנען מיר מקבל זיין די תורה?"

איז דער אַלקעגנוואַרטיגער אַוועק צו די קינדער פון עמון און מואב, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

„זייט מקבל די תורה".

„וואָס שטעהט געשריבן אין איר?" האָבן זיי געפרעגט.

„לא תנאף", זאָלסט ניט פירן אַן אוים געלאַסן לעבן, האָט ער געענטפערט זיי.

האָבן זיי געזאָגט:

„האַר פון דער וועלט, מיר אַליין קומען דאָך אַרויס פון זנות. ווי זשע אַזוי קאָנען מיר מקבל זיין די תורה?"

איז דער אַלמעכטיגער אַוועק צו די קינדער פון ישמעאל'ן, און ער האָט אָן געבאָטן זיי די תורה.

„וואָס שטעהט געשריבן אין איר?" האָבן זיי געפרעגט.

„לא תגנוב”, דו זאָלסט ניט גנב'ענען, האָט ער גע־ענטפערט זיי.

„האר פון דער וועלט, דאָס איז דאָך גראָד די ברכה מיט וועלכער אונזער פאָטער איז געוואָרן געבענטשט”, האָבן זיי געענטפערט אים.

עס איז געוועזן קיין אומה, קיין פאָלק צו וועמען דער אַלמעכ־טיגער איז ניט געגאַנגען און האָט געקלאַפּט אין זייערע טירן, זיי זאָלן מקבל זיין די תורה. אָבער קיין אומה ולשון, קיין פאָלק האָט געוואָלט אָן נעמען די תורה.

די בערג ווילן דעם כבוד

און פונקט ווי די פעלקער פון דער וועלט האָבן ניט געוואָלט אָן נעמען די תורה, האָבן די בערג ממש געלעכצט אַז די תורה זאָל ווערן געגיבן אויף זיי. זיי האָבן אָן געהויבן אַרום רייסן זיך צווישן זיך. יעדער באַרג האָט געוואָלט אַז די תורה זאָל ווערן געגיבן אויף אים. דער באַרג תבור האָט גע'טענה'ט: עס פּאַסט זיך אַז די שכינה זאָל רוען אויף אים, ווייל ער איז דער העכסטער פון אַלע בערג, און אין דער מבול צייט איז קיין וואַסער געווען אויף אים. דער באַרג כרמל האָט גע'טענה'ט אַז עס פּאַסט זיך די שכינה זאָל רוען אויף אים, ווייל ווען די אידן האָבן געצויגן דורך דעם ים סוף האָט ער אַריין געשטעלט זיך אין מיטן ים, זיי זאָלן קאָנען דורך ציען.

ווען דער באַרג סיני וועלכער איז נידעריגער פון די אַנדערע בערג, האָט דערזען אַז אַזעלכע „גרויסע”, הויכע בערג בעמיען זיך צו קריגן דעם כבוד, האָט ער ניט געמאַכט אפילו דעם מינדסטן פּאַרזוך. און גראַדע דאָס האָט אימפּאָנירט דעם אַלמעכטיגן. און די עניוות, די באַשיידענקייט פון דעם נידעריגן בערגל האָט געזיגט איבער דער גרויסקייט און שטאָלצקייט פון די הויכע בערג מיט זייערע פּרעטענזיעס. און דער הייליגער האָט אויסגערופן:

„אייער גרוים האַלטן זיך האָט שוין גע'פּסל'ט אייך פאַר מיר. איך וויל דעם באַרג סיני וועלכער איז דער נידעריגסטער פון אַלע בערג”.

און טאַקע באַלד האָט דער באַרג סיני אָפּ געריסן זיך פון דעם באַרג מוריה ווי אַ שטיק חלה פון דעם טייג. דער אַלמעכטיגער האָט געמאַכט דעם באַרג הענגען אין דער לופטן, אַזוי אַז דער שפּיץ באַרג איז געווען אין הימל, און אַ נעבל, אַ טומאַן, האָט באַדעקט דעם גאַנצן באַרג.

די מלאכים זיינען געגן גיבן די תורה די אידן

און משה איז ארויף אויבן צו נעמען די תורה. אבער די מלאכים האבן געוועגד זיך צום אלקעגנווארטיגן, און זיי האבן געזאגט צו אים: „האר פון דער וועלט, וואס וויל דער דאזיגער, א קינד פון א פרוי, צווישן אונז?" און ווען ער האט געענטפערט זיי אז ער איז געקומען נעמען די תורה, האבן זיי אויס געשריען:

דעם טייערן אוצר, וואס ליגט בעהאלטן זינט ניין הונדערט און פיר און זיבעציג דורות, נאך איידער די וועלט איז בעשאפן געווארן, ווילסטו אוועק גיבן צו בלוט און פלייש?! וואס איז דען דער מענטש אין גאנצן וואס דו זאלסט גאר אין זינען האבן אים? און וואס איז דער זון פון א מענטשן אין גאנצן אז דו זאלסט אפ גיבן זיך מיט אים? דיין נאמען איז שטארק אויף דער וועלט, און עס פאסט ניט, אז דו זאלסט שיקן דיין שעהנקייט אהין!"

האט דער אויבערשטער א זאג געטון צו משה'ן: „ענטפער זיי".

„האר פון דער וועלט, איך האב מורא פאר זיי. זיי קאנען נאך פארברענען מיך מיט דעם פייערדיגן אטעם פון זייער מויל", האט משה געזאגט.

„האלט אן זיך אן מיין טראן, און ענטפער זיי", האט דער אויבערשטער באפוילן אים.

און משה האט אן גערופן זיך:

„האר פון די וועלטן, אין דער תורה וואס דו גיסט מיר שטעהט געשריבן: ,איך בין דיין אויבערשטער וועלכער האט ארויס געפירט דיך פון דעם לאנד מצרים'. זענט איר, מלאכים, דען געוועזן אין מצרים, און האט איר דען געשקלאפט ביי פרעה'ן?!"

„ווידער שטעהט אין דער תורה ,דו זאלסט האבן קיינע אנדערע געטער', נו, איר וואוינט דען צווישן די פעלקער פון דער וועלט וועלכע דינען עבודה זרה!"

„עס שטעהט געשריבן אין דער תורה ,דו זאלסט אפהיטן דעם שבת, דו זאלסט געדענקן און הייליגן דעם שבת'. איר טוט דען אזעלכע ארבעטן, וואס איר דארפט רו!"

„די תורה זאגט: ,דו זאלסט האלטן עהרליך דיין פאטער און דיין מוטער'. איר האט דען עלטערן!"

„די תורה זאגט: ,טויט ניט, זיי ניט מזנה, גנב'ע ניט'. איז דען פאראן צווישן אייך קנאה און יצר הרע!"

האבן די מלאכים טאקע באלד איין געזען משה'ס גרעכ־טיקייט און זיי האבן געלויבט דעם אויבערשטן.

מתן תורה, דאָס גיבן די תורה די אידן

האָט דער אויבערשטער באַוויזן זיך צו די קינדער פון ישראל. ער האָט געמאַכט שטורמען די גאַנצע וועלט. און ווען די פעלקער פון דער וועלט האָבן דאָס דערזען, האָט אָן געכאַפּט זיי אַ ציטערניש. זיי האָבן פערזאַמלט זיך אַרום בלעם׳ן, בעור׳ס זון, און זיי האָבן געזאָגט צו אים:

„אונז דאַכט זיך אַז דער אַלמעכטיגער מאַכט חרוב די וועלט".

אָבער בלעם האָט באַרואיגט און געזאָגט זיי, אַז דאָס גיט דער אויבערשטער די תורה די אידן.

און דער אויבערשטער האָט געמאַכט הענגען דעם באַרג איבער די אידן, ווי אַ בעקן, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

ווען איר מקבל זיין די תורה, איז גוט, אויב ניט וועט איר ווערן באַגראָבן דאָרטן.

האָבן די אידן ביטער געוויינט און זיי האָבן געפרעגט:

„וואָס שטעהט געשריבן אין איר?"

און אַז ער האָט געענטפערט זיי: „תרי"ג מצוות", זעקס הונדערט און דרייצען מצוות, האָבן זיי אַלע אוים געשריען:

„נעשה ונשמע", אַלץ וואָס דער אויבערשטער רעד ווען מיר טון, און מיר וועלן הערן.

שבת, דעם זעקסטן טאָג אין חודש סיון האָט דער אַלגע־גענוואַרטיגער באַוויזן זיך אויפן באַרג סיני. די הימלען האָבן גע־עפנט זיך, און דער שפּיץ באַרג איז געווען אין הימל. דער טאָג איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרוים ווי יעדער אַנדערער טאָג. אַ נעבל האָט באַדעקט דעם באַרג. און דער אַלמעכטיגער איז געזעסן אויפ׳ן כסא הכבוד, באַגלייט פון איין זייט פון צוויי און צוואַנציג טויזנט מלאכי השרת, וועלכע האָבן געהאַלטן צוויי און צוואַנציג טויזנט קרוינען און אַרויף געזעצט זיי אויף די קעפּ פון די לוים. פון דער אַנדערער זייט זיינען געשטאַנען זעקס הונדערט און דריי טויזנט און פינף הונדערט און פיפציג מלאכים מיט פייערדיגע קרוינען, וועלכע זיי האָבן אַרויף געזעצט אויף דעם קאָפּ פון יעדער אידן. די צאָל מלאכים פון דער דריטער זייט איז געווען דאָפּלט, און פון דער פערטער זייט אום צייליג. און פלאַץ איז געווען פאַר יעדן איינעם.

די וועלט האָט גענומען שטורמען. די ערד איז געוואָרן אום רואיג, מורא האָבענדיג, אַז עס איז תחיית המתים צייט, און

דער אויבערשטער וועט מאַנען פון איר דין וחשבון פאַר וואָס זי האָט בעהאַלטן די גע'הרג'עטע.

ווער וועט גאַראַנטירן פאַר אייך אַז איר וועט מקיים זיין די תורה? האָט דער אויבערשטער געפרעגט.

„אונזער פאָטער אברהם", האָבן די אידן געענטפערט.

„אברהם איז שולדיג צוליב זיין זון ישמעאל'ן, וועלכער וועט אויס'הרג'ענען מיינע קינדער דורך דורשט".

וועט יצחק ערב זיין פאַר אונז".

„יצחק האָט פאַרשולדיגט זיך וואָס ער האָט ליב געהאַט מיין שונא עשו'ן".

„וועט יעקב ערב זיין פאַר אונז".

יעקב האָט ניט באַצאָלט זיין נדר קומענדיג צוריק פון פדן אַרם.

„וועלן אונזערע קינדער גאַראַנטירן פאַר אונז".

„גיבט זיי אַהער. זיי וועל איך אָן נעמען פאַר ערבים, פאַר זשוראַנטן", האָט דער אַלמעכטיגער געזאָגט.

האָבן די אידן געבראַכט זייערע פרויען מיט די זויגלינגע און אויך די מעוברת'ע. זייערע בייכער זיינען געוואָרן דורך זיכטיג ווי גלאָז.

און דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו זיי:

„זעט, איך גיב די תורה צו אייערע עלטערן, און איר זייט ערב, איר גאַראַנטירט פאַר זיי אַז זיי וועלן מקיים זיין זי".

און זיי האָבן געענטפערט:

„יאָ!"

און הימל און ערד האָבן אָן געהויבן ציטערן. די טייכן און ימים זיינען אַנטלאָפן. די בערג האָבן אויס געגליטשט זיך. די ביימער האָבן זיך געבוקט. די מתים אין די קברים זיינען געוואָרן לעבעדיג און האָבן געשטעלט זיך אויף די פיס. און אַלע מענטשן וועלכע וועלן ווערן געבאָרן אין דער צייט ווען די וועלט וועט שטעהן, זיינען געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני. און ווער עס באַזיצט נישט די מידה פון בושה, ווייסט מען אַז זיינע עלטערן זיינען נישט געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני ווען די תורה איז געוואָרן געגיבן די אידן.

און ווען דאָס ערשטע געבאָט איז אַרויס פון דעם אַלמעכ־טיגנס מויל, אויב מען קאָן אויס דריקן זיך אַזוי, האָט עס צעטיילט זיך אויף זיבן קולות. און די זיבן קולות האָבן צעטיילט זיך

אויף זיבעציג שפראכן, כדי די גאנצע וועלט זאל הערן. און ארויס איז דאס קול מיט פונקען, רעכטס א פלאם פייער, לינקס א פייער פלאם, און דאס קול האט געשוועבט אין דער מיטן און געזאגט:

„מיין פאלק, מיין פאלק ישראל, איך בין דער אלמעכטיגער וועלכער האט ארויס געפירט דיך פון מצרים".

דערהערענדיג דעם ערשטן דבור פון דעם אלער היליגסטנס מויל, האבן זיי אפגערוקט זיך צוועלף מייל צוריק, און זייערע נשמות זיינען ארויס.

האט די תורה געזאגט צום הייליגן:

„האר פון דער וועלט, צו וועמען האסטו געגיבן מיך: צו לעבעדיגע צי צו טויטע?"

„צו לעבעדיגע", ענטפערט דער אלקעגנווארטיגער.

„אבער זיי זיינען דאך אלע טויט", טענה'ט די תורה.

„פאר דיינעט וועגן וועל איך מאכן זיי לעבעדיג".

און דער אלמעכטיגער האט געמאכט אראפ נידערן טוי, מיט וועלכן ער וועט מאכן לעבעדיג די מתים ווען די צייט וועט קומען.

און ווי נאר ער האט ארויס געזאגט דעם צווייטן דבור, זיינען זיי אלע געווארן לעבעדיג, און זיי האבן געזאגט צו משה'ן:

„משה רבינו, מיר קאנען דאך ניט הערן דעם אלמעכטיגנס קול. מיר וועלן דאך שטארבן נאך אמאל".

הערענדיג דאס, האט דער אויבערשטער געשיקט די מלאכים מיכאל און גבריאל. זיי האבן גענומען משה'ן ביי זיין האנט געגן זיין ווילן, און זיי האבן געפירט אים צום נעפל. און דער אלמעכ־טיגער האט אן געהויבן צו זאגן אים אלע אנדערע דברות, געבאטן.

און ווען דער אויבערשטער האט אן געהויבן צו רעדן נאך אמאל, האט ווידער אלץ געשטורעמט, און די אידן האבן ניט געקאנט האלטן זיך אויף די פיס. האט ער אראפ געשיקט צוויי מלאכים פאר יעדן אידן. איינער האט ארויף געלייגט די האנד אויף דעם הארץ, די נשמה זאל ניט ארויס. און דער אנדערער האט אויף געהויבן דעם מענטשנס קאפ, ער זאל קאנען זעהן דעם אלמעכטיגן.

האבן זיי געזעהן ווי דאס קול קייקלט זיך צו זייערע אויערן און זאגט:

„ווייסט דו מקבל זיין די תורה אין וועלכער עס זיינען פאראן צוויי הונדערט אכט און פערציג מצוות, געבאטן, וועלכע זיינען ראוי צו ווערן אפ געהיט געגן דער צאל פון דיינע אברים, און די דריי הונדערט און פינף און זעכציג פארבאטן?

און זיי האבן געענטפערט:

„יא, יא!"

און דער דיבור האט געקושט זיי ווידער א מאל אויפ'ן מויל.

נאך דעם האט דער אויבערשטער געעפנט די זיבן הימלען און די זיבן ערדן, און ער האט געזאגט צו די אידן:

זעט, איר זייט עדים, אז עס איז ניטא אזא ווי איך, סאי אין די הימלען, סאי אויף דער ערד. זעט, אז איך בין איינציג. איך האב זיך אנטפלעקט צו אייך מיט מיין כבוד און מיט מיין מאיעסטעטישער שעהנקייט.

און דאס גיבן די תורה די אידן איז באשטימט געווארן שוין ביי דעם וועלט בעשאף. ווען דער בעשאפער האט בעשאפן די וועלט, האט ער אוים גענומען א תנאי, א באדינג מיט די בעשאפענישן אז אויב די אידן וועלן מקבל זיין די תורה, וועלן זיי עקזיסטירן. אויב נישט וועלן זיי ווערן צוריק תוהו ובוהו, וויסט און לעהר.

און די תורה איז נישט געווארן געגיבן אין ארץ ישראל כדי די פעלקער פון דער וועלט זאלן נישט זאגן אז זיי האבן נישט מקבל געוועזן די תורה דער פאר ווייל זי איז געווארן געגיבן אין זיין לאנד.

און די תורה איז געגיבן געווארן אין דער מדבר, אין דער וויסטע צו ליב צוויי טעמים: ערשטנס, כדי צו פערמיידן מחלוקת צווישן די שבטים. דער זאל נישט זאגן אז די תורה איז געווארן געגיבן אין זיין טייל לאנד, און דער זאל נישט זאגן אז זי איז געווארן געגיבן אין זיין טייל לאנד.

און געגיבן געווארן איז די תורה אין דער מדבר, אין א הפקר ארט, צו אונטער שטרייכן, אז אזוי ווי די מדבר איז הפקר, אזוי אויך איז די תורה פריי פאר יעדן איינעם. ווער עס וויל קאן אן נעמען זי.

עס זיינען פאראן דריי קרוינען: די קרוין פון כהונה, די קרוין פון מלכות און די קרוין פון תורה. די קרוין פון כהונה האט גענומען אהרן הכהן. די קרוין פון מלכות האט גענומען דוד המלך, און די קרוין פון תורה ליגט, און ווער נאר עס וויל קאן ערווערבן זי זיך.

די אויבערשטע און אונטערשטע הימלן זיינען געוועזן אוים געשפרייט אויף דעם בארג ווי א דעק אויף א בעט, און דער כסא הכבוד, דער הימלישער טראן איז געוועזן אויף זיי, און דער אוי-

בערשטער האָט אוים געזען ווי אַ זקן, ווי אַ שליח צבור, ווי אַ סופר, ווי אַ מלמד.

משה דער גיבער פון דער תורה איז געשטאַנען מיט די פים אויף דעם באַרג, און זיין גאַנצער וועזן איז געווען אין דעם הימל.

און געגיבן זיינען געוואָרן צוויי תורות, די „תורה שבכתב", די שריפטליכע תורה, און די „תורה שבעל פה", די מינדליכע תורה.

אויך די „שלש עשרה מידות שהתורה נדרשת בהן", אויך די דרייצן כללים מיט וועלכע די תורה ווערט גע׳דרש׳נט, אוים געטייטשט און דערקלעהרט, זיינען געוואָרן איבער געענטפערט צו משה רבינו.

און געגיבן איז די תורה געוואָרן אין דעם יאָר צוויי טויזנט פיר הונדערט און אַכט און פערציג נאָך דעם וועלט בעשאַף, מיט דריי טויזנט צוויי הונדערט זיבן און זיבעציג יאָר צוריק.

און געגיבן האָט דער אויבערשטער די תורה וועלכע באַ־שטעהט פון דריי [תורה, נביאים און כתובים] צו די אידן וועלכע באַשטעהען פון דריי [כהנים, לויים און ישראלים], דורך משה׳ן וועלכער איז איינער פון דריי [מרים, אהרן און משה], אין דעם דריטן טאָג פון די **שלושת** ימי הגבלה; אין דעם **דריטן** חודש [סיון]. סיון איז דער דריטער חודש ציילענדיג פון ניסן.

אין דער אמת׳ן האָט די תורה בעדאַרפט ווערן געגיבן נאָך טויזנט יאָר. נאָר אַזוי ווי דער אַלמעכטיגער האָט געזען אַז די וועלט וועט נישט קאָנען עקזיסטירן אָהן דער תורה, האָט ער געגיבן זי נאָך זעקס און צוואַנציג דורות פון אדם הראשון׳ען ביז צו משה רבינו.

ווען דער אויבערשטער האָט געזען, אַז די אידן מיינען עס מיט אַן אמת, אַז זיי האָבן מקבל געווען די תורה טאָקע מחמת גרוים ליבשאַפט, האָט ער געלויבט זיי שטאַרק.

דער גאַנצער דור וועלכער האָט זוכה געווען צו הערן דעם הייליגנם קול, האָט זוכה געווען צו זיין גלייך צו די מלאכים. און נאָך זייער טויט האָבן די ווערים געהאַט קיין שליטה איבער זיי. און אויף ווי וויים טייער די תורה איז ביי דעם אויבערשטן קאָן מען זעהן דערפון, וואָס ער אַליין זיצט יעדן טאָג, די ערשטע דריי שעה אין טאָג, און לערנט תורה.

דער משכן

נאָך דעם ווי משה האָט געגיבן די תורה די אידן, האָט ער געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלן ברייגנען תרומה, אַביישטייערונג. אַלע מענער און פרויען, וועמעס הארץ עס האָט געגלוסט, האָבן געבראַכט. די קינסטלערס, אונטער דער לייטונג פון בצלאל בן אורי, האָבן געמאַכט דערפון דעם משכן וואָס איז פארטיק געוואָרן נאָך פינף חדשים. אַזוי ווי אָבער זיי האָבן ניט געקאָנט עס אויף שטעלן, האָבן זיי געבראַכט דעם משכן און אַלע כלים צו משה'ן. און דאָס געהילץ פאַר דעם משכן איז געווען פון „שטים"ביימער, ווייל די אותיות פון דעם וואָרט שטים מאַכן שלום, טובה, ישועה, מחילה. ווען משה האָט געזען אַז זיי האָבן געמאַכט די גאַנצע אַרבעט לויט דעם אויבערשטנס געבאָט, האָט ער געבענטשט זיי.

דער אויבערשטער האָט געבאָטן משה'ן צו אויף שטעלן דעם משכן דעם ערשטן טאָג פונעם ערשטן חודש. אין די שבעת ימי המלואים, פון דעם דריי און צוואַנציגסטן אדר ביז צום ערשטן ניסן, איז משה געווען טעטיג אַלס כהן. יעדער פרי מאָרגן האָט ער אויף געשטעלט דעם משכן, מקריב געווען קרבנות און אים ווידער צענומען. דעם ערשטן ניסן, יצחק'ס געבורטס טאָג, פון דעם צווייטן יאָר נאָך דעם אַרויס צוג פון מצרים, האָט משה אויף געשטעלט דעם משכן. די שכינה האָט אין דעם גערוט, כאָטש די ליצני הדור האָבן חוזק געמאַכט און געזאָגט: איז דען מעגלעך אַז די שכינה זאָל רוען דורך עמרם'ס זון? משה האָט אריין געשטעלט אינעם משכן אַלע כלים און דעם ארון אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די צוויי לוחות און אויך די ערשטע, די צעבראָכענע.

נאָך דעם ווי די אידן האָבן אָפּגעפייערט דעם יום טוב פסח, האָט משה, מיט דער הילף פון אהרן'ען און די צוועלף נשיאים, אָן געהויבן דורכפירן אַ פאָלקס-ציילונג, ווי דער אויבערשטער האָט אים געבאָטן. נאָך דער פאָלקס-ציילונג האָט משה אַרויס געפירט די אידן פון דער מדבר סיני. און נאָך דריי טעג זיינען זיי געקומען אין דער מדבר פאָרן. דאָ האָט דאָס פאָלק זיך באַקלאָגט אויפן אויבערשטן אויף אַ זעהר מיאוס'ן אופן. דער אויבערשטער האָט דאָס געהערט. זיין צאָרן האָט זיך צעגליט, און אַ פייער האָט פאַרניכטעט די רשעים. דאָס פאָלק האָט גענומען שרייען צו משה'ן. אויף משה'ס תפילות איז דאָס פייער פאַרשוואונדן. דאָס דאָזיקע אָרט רופט מען זינט דעמאָלט תבערה, בראַנד אָרט.

דאָס פאָלק פאָדערט פלייש

דעם ערב רב, און אויך די אידן אַליין האָט זיך אָבער פאַרגלוסט פלייש, און זיי האָבן געוויינט: ווער וועט אונז גיבן פלייש צו עסן? מיר דערמאָנען זיך נאָך אין די פיש וואָס מיר האָבן געגעסן אומזיסט אין מצרים. משה האָט געבעטן דעם אויבערשטן, און אַ מעכטיקער מערב ווינט האָט געבראַכט וואַכטאַלן, מיט וועלכע דאָס פאָלק האָט גענעהרט זיך אַ גאַנצן חודש. אָבער דער אויבערשטער האָט באַשטראָפט דאָס פאָלק. דאָס אָרט וואו דאָס האָט פּאַסירט רופט מען „קברות התאוה", קברים פון גלוסטיקייט, ווייל דאָרט האָט מען באַגראָבן דאָס גלוסטיקע פאָלק.

פון „קברות התאוה" איז דאָס פאָלק געצויגן קיין חצרות, און זיי זיינען געבליבן דאָרט.

מרים ווערט באַשטראָפט פאַר רעדן לשון הרע

מרים און אהרן האָבן גערעדט אויף משה'ן וועגן דער כושית פרוי וועלכע ער האָט גענומען, א). זיי האָבן געזאָגט: האָט דען דער אויבערשטער גערעדט בלויז צו משה'ן. האָט ער נישט גערעדט אויך צו אונז! און דער אויבערשטער האָט געהערט דאָס.

האָט דער אויבערשטער געהייסן פלוצים משה'ן, אהרן'ען און מרים'ן אַרויס געהן צו דעם אוהל מועד. און זיי זיינען אַלע דריי געגאַנגען אַרויס.

דער אויבערשטער האָט גענידערט אַראָפּ אין אַ וואָלקן זייל. ער האָט געשטעלט זיך אַנידער ביי דעם אַריין גאַנג פון דעם אוהל, געצעלט, און ער האָט גערופן אהרן'ען און מרים'ן. זיי זיינען ביידע געגאַנגען אַרויס. און ער האָט געזאָגט צו זיי: ... משה איז דער באַגלויבטער אין מיין גאַנצן הויז. איך רעד מיט אים מויל צו מויל, בעשיינפּערליך, נישט מיט רעטענישן... ווי זשע קומט עס וואָס איר האָט נישט געהאַט מורא צו רעדן אויף מיין קנעכט משה!

דעם אויבערשטנס צאָרן האָט געגרימט אויף זיי, און ער איז געגאַנגען אוועק. דער וואָלקן האָט אָפּ געטון זיך פון איבער דעם אוהל, געצעלט, און מרים איז געוועזן קרעציג, ווייס ווי שניי.

א) „כושית" באַטרעפט „יפת מראה", שעהנע. זעט מיין בוך „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה" [אין דייטש], נאָטע 240.

כאָטש זי איז געווען עמרם'ס און יוכבד'ס אַ קינד, משה רבינו'ס און אהרן הכהן'ס אַ שוועסטער. זי איז געווען אַליין אַ נביאה. אין איר זכות האָבן די אידן געהאַט וואַסער אין דער מדבר, א). איז זי געוואָרן באַשטראָפט פאַר רעדן לשון הרע.

ווען אהרן האָט דערזען דאָס, האָט ער געווענד זיך צו משה'ן: איך בעט דיך מיין האַר, האַלט נישט פאַר אַ זינד אונזער בענאַרישן זיך און אונזער האַנדלונג געגען דיר. איך בעט דיך, זע זי זאָל נישט זיין ווי אַ טויטע געבאָרענע, וועמענס קערפּער קומט אַרויס פון דער מוטערס טראַכט האַלב צעפרעסן.

האָט משה געשריען צום אויבערשטן: אָה, אַלמעכטיגער, איך בעט דיך הייל זי אויס.

מרים איז געווען אַפּ געזינדערט זיבן טעג אויסערהאַלב דעם לאַגער. דאָס פאָלק האָט געוואַרט ביז זי איז געוואָרן געזינד. נאָך דעם האָט דאָס פאָלק פאַרלאָזט חצרות, און זיי האָבן געלאַגערט אין דער מדבר פארן.

משה שיקט אויס קוקן דאָס לאַנד כנען

דעם אַכט און צוואַנציקסטן טאָג אין סיון זיינען די אידן אַנגעקומען אין דער מדבר. באַלד אויפן צווייטן טאָג האָט משה געשיקט צוועלף מענער קיין כנען, זיי זאָלן אויסקוקן דאָס לאַנד. נאָך פערציק טעג זיינען זיי געקומען צוריק. צען פון זיי האָבן געבראַכט שלעכטע באַריכטן. אָבער כלב בן יפונה און יהושע בן נון האָבן דערצעהלט אַז דאָס לאַנד איז זעהר גוט. אָבער דאָס פאָלק האָט זיך גערעכנט גיכער מיט די רייד פון די צען. זיי האָבן אָנגעהויבן מורמלען געגן משה'ן און אהרן'ען און געזאָגט: „איז עס ניט בעסער פאַר אונז זיך אומצוקערן קיין מצרים. לאָמיר באַשטימען אַ האַר איבער אונז און געהן צוריק קיין מצרים". דער אויבערשטער האָט געוואָלט פאַרניכטן דאָס פאָלק, אָבער גערירט פון משה'ס תפילות, האָט ער געזאָגט: איך בין מוחל לויט דיינע רייד, אָבער דער דאָזיקער דור, אַ חוץ כלב און יהושע, וועט אויסשטאַרבן אין דער מדבר, און ערשט זייערע נאָך קומענדיקע וועלן זיך באַזעצן אין דעם לאַנד.

ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט משה געהאַט זעהר פילע שוועהריקייטן צו איבערקומען. זיינען עס ניט געווען מלחמות געגן אַן אויסערלעכן פיינט, האָט ער געמוזט מיט דער גרעסטער

א) זעט: זייט קעה; מיין בוך „די שעהנקייט פון אידענטום", זייט 44.

ענערגיע אונטערדריקן די זעהר אָפטע אויפשטאַנדן אין די אייגענע רייען. די ביז איצטיקע אויסברוכן האָבן געהאַט עקאָנאָמישע אור־זאַכן. עס זיינען געווען הונגער־אויפשטאַנדן, וועלכע האָבן געפונען זייער אורשפּרונג אין די אַזוי־געררופענע נידעריקע פאָלקס מאַסן. איצט, אָבער, האָט משה געמוזט זיך געפינען פאַר אַ פּאָליטישן אויפשטאַנד פון דעם אדעל קלאַס.

קרח׳ס אויף שטאַנד געגן משה׳ן

קרח׳ן, משה׳ס אַן ערשטער קוזין, האָט זעהר פאַרדראָסן וואָס משה האָט געמאַכט אליצפן׳ען דעם זון פון זיין אינגסטן אַנקל, עוזיאל, און ניט אים, דעם זון פון זיין עלצטן פעטער, פאַר נשיא איבער דעם שטאַם הויז פון קהת. אויפגעהעצט פון זיין וויב, א) האָט קרח אַן געהויבן פירן אַ קאַמף געגן משה׳ן. צו אים זיינען צוגעשטאַנען דתן, אבירם, און בן פלת און צוויי הונדערט און פיפציג אַנגעזעענע פערזענליכקייטן. און בן פלת האָט זיך שפּעטער צוריקגעצויגן אויף דעם ראַט פון זיין פרוי. זי האָט געזאָגט צו אים: „דיר איז עס דאָך אייגענטלעך קיין אונטערשייד ווער עס איז דער פירער. אויב משה איז פירער ביזט דו אונטער אים. און אויב קרח איז פירער, ביזט דו אונטער אים.״

קרח וועלכער ווערט באַצייכנט אַלס „אפיקורס,״ „לץ גדול״, רשע איז געווען שטאַרק רייך. יוסף האָט בעהאַלטן אין מצרים דריי אוצרות. קרח איז געווען דער אויף זעהער איבער פרעה׳ס שאַץ קאַמערן, און ער האָט געהאַט די שליסלען צו זיי. איין אוצר איז געוואָרן אַנטפּלעקט צו אים, און ער האָט מיט גענומען אים. זיין פאַרמאָג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מע האָט בעדאַרפט דריי הונדערט אייזלען צו טראָגן בלויז די שליסלען אַליין, וועלכע זיינען געווען פון לעדער, צו די שאַץ קאַמערן. און אַז מע האָט די מאה, ווילט זיך האָבן די דעה.

קרח האָט דאָך געשטאַמט פונם זעלבן יחוס וואָס משה און אהרן. ער איז געווען אויך קלוג און רייך. פאַר וואָס זשע איז ער טאַקע נישט געוואָרן אַ פירער? ווייל: ויקח קורח, לקח

א) לויט אַן אַנדער מיינונג: זיין אויג האָט פאַרפירט אים. ער האָט געזען אַז עס וועט אַרויס קומען פון אים אַ גרויסע קייט, נעמליך שמואל הנביא וועלכער איז געגליכן צו משה׳ן און אהרן׳ען, האָט ער געטראַכט זיך אַז ער וועט ניצול ווערן אין זיין זכות.

את עצמו, ער האט געוואלט אליין נעמען פירערשאפט, און האט נישט געוואלט ווארטן מע זאל גיבן עס אים, א).

איז קרח געגאנגען פון איין שבט צום אנדערן און האט זיי געזאגט, אז ער איז אויסן קיין שום פערזענלעכע פאר־דינסטן. ער וויל נאר פארבעסערן די לאגע פון דעם פאלק. און עס איז אים ענדלעך געלונגען צו געווינען דאס פאלק אויף זיין זייט. ווען די אידן האבן געזען משה'ן געהן, האבן זיי אים נאך געשריען: „קוקט נאר אן זיין קארק, זיינע פולקעס! ער עסט פון די אידן און טרינקט פון די אידן. אלץ וואס ער האט איז פון די אידן". זיי האבן אפילו חושד געווען אים אין אומ־טרייקייט אין זיין פאמיליע לעבן.

ווען משה האט דאס געהערט איז ער געפאלן אויף זיין פנים. ער האט זיך באמיט צו ווירקן אויף קרח'ן מיט פרידלעכע און פריינטלעכע ווערטער, אבער עס איז אים ניט געלונגען. ער האט אויך געפאדערט דתן'ען און אבירם'ן זיי זאלן זיך שטעלן פאר א געריכט, ווייל זייענדיק פונעם שבט ראובן זיינען זיי ניט געווען בארעכטיקט צו הויכע אמטן, אבער זיי האבן אים אפגעזאגט. קרח'ן האט משה ניט אויף געפאדערט צו קומען אין געריכט, ווייל זייענדיק א לוי וואלט מען אפשר געקאנט בא־רעכטיקן זיינע פרעטענזיעס.

דער געדולדיגער משה האט אבער דורך אויס געוואלט שליכטן דעם שטרייט אויף א פרידלעכן אופן. אין דער באגליי־טונג פון די זקנים איז ער פערזענלעך געגאנגען צו דתן'ען און אבירם'ען. זיי האבן אים אבער באגעגנט מיט זידלערייען. ווען משה האט געזען ווי די רעדל פירער בלייבן פאר'עקשנ'ט, האט ער זיי געזאגט אז ער איז געשיקט פונעם אויבערשטן. די ערד האט זיך דאן געעפנט און פארשלונגען זיי מיט זייערע הייזער און אלע מענטשן וועלכע האבן געהערט צו קרח'ן און זייער גאנץ האב און גוטס. און א הימליש פייער האט פארצעהרט די צוויי הונדערט און פופציק מענטשן.

בעת א טייל פון זיי איז פארשלונגען געווארן פון דער ערד, און א טייל איז אומגעקומען דורך פייער, איז קרח געפאלן א קרבן צו ביידע. ער איז אי פארברענט געווארן, אי פאר־שלונגען געווארן. און בן פלת און קרח'ס זין וועלכע האבן זיך ניט באטייליקט אין דעם אויפשטאנד פון זייער פאטער, זיינען געשוינט געווארן. דער אויבערשטער האט צוגעגרייט פאר זיי א הויכן פלאץ אין גיהנם, און זיי זיצן דארט.

א) אזוי טייטשט דער פשיסכער רבי זצ"ל. זעט רש"י אנהויב פרשה קורח.

די אידן האָבן גאָרניט געהאַט געגן דעם טויט פון דתן און אבירם. אָבער וועגן דעם טויט פון די צוויי הונדערט און פיפציק מענער זיינען זיי געווען זעהר אויפגערעגט. זיי זיינען געווען מיט דער מיינונג אַז משה און אהרן האָבן זיי געטויט. באַלד אויפן פאָלגענדיקן טאָג האָבן זיי געמורמלט געגן משה'ן און אהרן'עז. דער אויבערשטער האָט געוואָלט אומברענגען זיי דערפאַר, אָבער משה און אהרן האָבן געבעטן פאַר זיי. עס איז אָבער שפּעטער געקומען אויף זיי אַ מגפה, וועלכע האָט אוועק־געראַבט פערצן טויזענד און זיבן הונדערט נפשות.

מרים'ס פטירה, אַ וואַסער פּראָבלעם

דעם צענטן טאָג אין ניסן אין דעם פערציקסטן יאָר נאָך דעם אַרויס גאַנג פון מצרים, נאָך דעם ווי דער דור המדבר איז שוין געווען אויסגעשטאָרבן, זיינען די אידן געקומען אין דער מדבר צין, און זיי זיינען געבליבן אין קדש. אין דעם זעלבן טאָג איז געשטאָרבן מרים, דורך אַ הימלישן קוש, און זי איז דאָרט געוואָרן באַערדיקט. מיט מרים'ס טויט איז אויך פאַר־שוואונדן געוואָרן דער ברונעם, וועלכער איז בעשאַפן געוואָרן בין השמשות פון דעם זעקסטן טאָג פון דעם וועלט בעשאַף, און וועלכער איז געגיבן געוואָרן די אידן אין איר זכות.

דאָס פאָלק איז ווידער אַ מאָל געבליבן אָהן וואַסער. די אידן זאַמלען זיך נאָך אַ מאָל צונויף געגן משה'ן און אהרן'עז. זיי בעטן צום אויבערשטן, און ער זאָגט צו משה'ן: „נעם דעם שטעקן און פערזאַמל די קהילה, און רעד צום פעלז פאַר זייערע אויגן, אַז ער זאָל גיבן וואַסער", א). משה האָט אויף געהויבן זיינע הענט, און ער האָט געשלאָגן דעם פעלז. עס איז אָבער אַרויס געקו־מען ווייניק וואַסער. האָבן די אידן געזאָגט צו משה'ן: „דאָס דאָזיקע וואַסער איז פאַר זויגענדיקע קינדער". איז משה געוואָרן אין כעס. ער האָט געשלאָגן נאָך אַמאָל דעם פעלז, און דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן צו פליסן.

דערפאַר וואָס משה האָט ניט גערעדט צום פעלז, ווי דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט, נאָר ער האָט געקלאַפּט אים,

---

א) דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן און אהרן'עז, „ודברתם אל הסלע" (במדבר כ, ח), און איר זאָלט רעדן צום פעלז. ער האָט נישט געהייסן שלאָגן. דאַגעגן ווען עס האָט געמאַנגלט אין וואַסער אין רפידים, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה'ן „והכית בצור" (שמות יז, ו), און דו זאָלסט קלאַפּן דעם פעלז. זעט זייטן : קמח, קנא. אגב אין שמות שטעהט בצור, און אין במדבר — הסלע.

האט ער ניט זוכה געווען צו אריין פירן דאס פאלק ישראל אין דעם לאנד ישראל.

נאך דעם ווי משה האט אויך דאס מאל געלייזט דאס וואסער פראבלעם, האט ער געשיקט פון קדש שלוחים צום קעניג הדד, פון אדום, און אים געבעטן ער זאל לאזן די אידן דורכ־ציען דורך זיין לאנד. משה האט אים אויך פארזיכערט אז די אידן וועלן ניט באַרירן זייערע פרויען. אבער אדום האט ניט דערלויבט. משה האט גענומען אן אנדער וועג, און זיי זיינען געקומען צום בארג הר.

אהרן'ס פטירה

דארט האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה'ן: „נעם אהין אהרן'ען און זיין זון אלעזר, און פיר זיי ארויף אויפן בארג הר. דארט זאל אהרן אויסטון זיינע קליידער, און טו זיי אן אלעזר'ן, און אהרן זאל שטארבן". משה האט אזוי געטון. צו אלעזר'ן האט משה געזאגט: „ווארט דא ביז מיר וועלן צוריק ארויסקומען". ווען משה איז אליין ארויסגעקומען און אלעזר האט געפרעגט אויף אהרן'ען, האט משה אים געענטפערט אז ער איז געשטארבן.

אהרן איז געשטארבן אויפן שפיץ בארג דעם ערשטן טאג אין אב אין דעם פערציקסטן יאר נאך דעם אויסצוג פון מצרים, אין עלטער פון הונדערט דריי און צוואנציק יאר. דאס פאלק האט זעהר ליב געהאט אהרן'ען, ווייל ער האט זיך שטענדיק באמיט צו מאכן שלום צווישן מאן און ווייב, און צווישן איין מענטש און דעם אנדערן. ווען משה און אלעזר זיינען אראפ־געקומען פונעם בארג, האט דאס פאלק זיך פערזאמלט ארום זיי און געפרעגט: „וואו איז אהרן?"

ווען די אידן האבן געהערט אז אהרן איז געשטארבן, האבן זיי געזאגט: „ווי איז דאס מעגלעך אז דער מלאך המות זאל קאנען באַרירן דעם יעניקן, וועלכער האט געקאנט אפשטעלן די מגפה! ברייינגט איר אים צו אונז איז גוט, אויב ניט, פאר־שטיינען מיר אייך". און צו משה'ן האבן זיי געזאגט: „מיר ווייסן ניט וואס דו האסט אים געטון, אפשר האסט דו אים דער־הרג'עט. מיר לאזן דיך ניט אפ ביז דו ברייינגסט אים, טויט אדער לעבעדיק". משה האט געבעטן צום אויבערשטן ער זאל ווייזן זיי אהרן'ען אויף זיין מטה, בכדי זיי זאלן ניט זאגן אז ער לעבט און מאכן אים פאר א גאט. דער אויבערשטער האט

געעפנט דעם קבר, און זיי האָבן געזען אהרן׳ען. די אידן זיינען געווען דענצמאָל איבערצייגט אַז ער איז געשטאָרבן, און זיי האָבן געטרויערט דרייסיק טעג אויף אהרן׳ען, וועלכער האָט געזאָגט נביאות צו זיי אַכציג יאָר, איז געווען אַזוי גרויס ווי משה, און ווערט באַצייכנט: אוהב שלום, אמת, גדול, הודן של ישראל, די שעהנקייט פון די אידן, התייר הגדול, חביב, חסד, חסיד, טהור, נביא, פדגוג, פרנס, צדיק, קדוש ה׳, רודף שלום, און נאָך.

מיט אהרן׳ס פטירה האָבן די עהרן וואָלקנס אָפּ געטון זיך.

משה באַזיגט פילע קעניגס און די קעניגס פון מדין

ווען דער כנען׳ער עמלק, קעניג פון ערד, האָט געהערט אַז אהרן איז געשטאָרבן, און אַז די עהרן וואָלקנס, דער שוץ פון ישראל, וועלכע זיינען געווען אין אהרן׳ס זכות, זיינען מיט אהרן׳ס טויט נסתלק, אָפּגעטון, געוואָרן, האָט ער געגלויבט אַז איצט איז די ריכטיקע צייט צו אַטאַקירן די אידן.

צוערשט האָט ער געזיגט. ווייל די אידן, אויס מורא פאַר זיין צאָל רייכע אַרמעי, האָבן געוואָלט ציען צוריק קיין מצרים, און זיי זיינען אַפילו צוריק געצויגן אַ מרחק, אַ שטרעקע פון דריי טעג רייזע. ווען די לויים האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך אַ נעם געטון צו צווינגען די אידן מיט געוואַלד צוריק צוקערן, זיי האָבן אַפילו געטויט פון זיי זיבעצן משפחות. דעמאָלט האָבן די אידן אָנגע־גריפן דעם קעניג פון ערד, וועלכער האָט געליטן אַ גרויסע מפלה. פון דאָרט האָט משה געפירט דאָס פאָלק אין דער ריכטונג פונעם ים סוף, בכדי אויסצומיידן אדום׳ן. אויך דאָ האָט משה געהאַט גרויסע שוועהריקייטן. ווייל אַ חוץ דעם מאַנגל אין ברויט און וואַסער, איז דאָס פאָלק געוואָרן זעהר אומגעדולדיק.

נאָך דעם זיג איבער דעם קעניג פון ערד, האָט משה געשיקט שלוחים צו סיחון׳ען, דעם קעניג פון אמורי, ער זאָל אים דערלויבן צו דורך מאַרשירן דורך זיין לאַנד. משה האָט אים פאַר־זיכערט, אַז זיי וועלן דורך ציען פרידלעך, און זיי וועלן ניט באַרירן זייערע פרויען. אָבער סיחון, וועלכער האָט גענומען טריבוט, צינזש, ביי אַלע כנען׳ישע מלכים פאַר זיין שיצן זיי געגן זייערע פיינט, האָט געענטפערט: „איך זיץ דאָך דאָ נאָר צוליב דעם אַז איך זאָל זיי שיצן געגן אייך!״ און ער האָט זיי ניט דערלויבט. ער האָט צוזאַמען גענומען זיין פאָלק און האָט מאַרשירט געגן די אידן. אָבער די אידן האָבן אים מנצח געווען און דעראָבערט זיין לאַנד.

ווען דער ריז עוג, קעניג פון בשן, וועלכער איז איבער־געבליבן פון דעם דור המבול האט דאס געהערט, האט ער גענומען מארשירן געגן די אידן. ווי גרויס עוג אליין איז געווען קאן מען זיך פארשטעלן פון זיין קינדער וויגעלע וואס שטעהט אין דער הויפט שטאט רבת פון עמון. דאס וויגעלע איז געמאכט פון אייזן און עס האלט נייען איילן אין דער לענג און פיר אין דער ברייט.

ער איז געווען אזוי גרויס אז ביי דעם מבול האט דאס וואסער דערגרייכט ביז צו זיינע קנעכלן. עוג איז געווען אליעזר, אברהם אבינו'ס קנעכט. איין מאל האט אברהם אן געשריען אויף אים. אויס שרעק איז ארויס געפאלן זיינער א צאן. האט אברהם געמאכט פון אים א שטול [א בעט] פאר זיך. ווען משה און די אידן זיינען געקומען קיין חשבון, האבן זיי געזעהן עוג'ן זיצן אויף דער מויער, און זיינע פיס האבן דערגרייכט ביז צו דער ערד. זיינע פיס זיינען געווען לאנג אכצן איילן.

ער איז עס געווען דער פליט, דער אנטרינענער, וועלכער איז געקומען און זאגן אברהם'ן אז לוט איז געווארן געפאנגן.

ווען אנוקו האט באשייד דעם קעניג נמרוד'ס חלום אז ער וועט האבן צרות פון אברהם'ן און זיינע אפ שטאמלינגע, האט ער געשיקט זיינע קנעכט זיי זאלן ברענגען און טויטן אים. עוג [אליעזר] איז געשטאנען דערביי. איז ער אוועק גיך צו אברהם'ן. אברהם איז אנטלאפן צו נח'ן, און ער האט געראטעוועט זיך פון טויט, א).

עוג האט אויס געריסן א בארג פון גאנצע דריי מייל, קעגן דער גרויס פון דער אידישער מחנה. דעם בארג האט ער ארויף געזעצט זיך אויפן קאפ, אים צו ווארפן אויף די אידן און זיי אזוי ארום פארניכטן. אבער מוראשקעס האבן דורכגעלעכערט דעם בארג, און ער האט זיך אראפ געררוקט אויף זיין האלז. זיינע ציין זיינען דאן אויס געוואקסן. זיי זיינען אריין אין ביידע זייטן פון דעם בארג, און ער האט ניט געקאנט זיך באפרייען פון אים. דער צען איילן הויכער משה האט דעמאלט גענומען א האק פון צען איילן, איז אונטער געשפרונגען צען איילן און האט דער־לאנגט עוג'ן אויפן קנעכל פון פוס און אים דער'הרג'עט. די אידן האבן דאן אטאקירט זיין ארמעי און האבן זיי אזוי צעשלאגן, אז ס'איז ניט געבליבן פון זיי א שריד ופליט, און זיי האבן דעראבערט זיין לאנד. משה האט דאן געשיקט שליחים אויסקוקן די שטאט יעזר. און זיי אליין האבן איין גענומען די שטאט און די פראווינצן.

א) זעט: מיין בוך „אברהם אבינו'ס לעבן און שאפונג", זייט 53; „אהרן ראזמארין'ס תנ"ך ענציקלאפעדיע", ערשטער באנד, זייט 67.

בלק און בלעם

פון דאָרט האָט משה געפירט דאָס פאָלק אין די מדבריות, וויסטענישן, פון מואב, אויף דער זייט ירדן, געבן יריחו. ווען די מואבים האָבן געהערט פון די אידישע נצחונות איבער די מעכטיקע מלכים סיחון און עוג, האָבן זיי זעהר מורא געקריגן. די עלצטע פון מואב האָבן גערוטן צו מאַכן שלום מיט מדין, מיט וועמען זיי זיינען געווען פיינטלעך זינט דעם גרויסן קריג אין דער צייט פון הדד בן הדד, קעניג פון אדום, און פאַראייניקן זיך אין קאַמף געגן די אידן. די זקנים פון מדין האָבן גערוטן מואב'ן, אַז זיי זאָלן שיקן נאָך דעם כישוף מאַכער בלעם, ער זאָל שעלטן די אידן. בלק, וועמען די איינוואוינער פון מואב האָבן געמאַכט פאַר קעניג, האָט געפאָלגט די דאָזיקע עצה. ער האָט געשיקט צו בלעם'ן און געבעטן: קום, שעלט דאָס פאָלק וואָס איז אַרויס געצויגן פון מצרים, אפשר וועל איך עס קאָנען באַקעמפן און פאַרטרייבן.

בלק, וועלכער האָט אָפּ געשטאַמט פון עמלק'ן, איז געווען פון מדין, נאָר די מואבים האָבן געמאַכט אים פאַר זייער קעניג, נאָך דעם ווי מע האָט גע'הרג'עט זייער קעניג סיחון, איז געווען נאָך אַ גרעסערער כישוף מאַכער פון בלעם'ן. ער האָט געהאַט פיינד די אידן מעהר פון דער פיינדשאַפט פון אונזערע אַלע אַנדערע פיינט. און אַזוי ווי ער האָט געוויסט אַז יעקב אבינו האָט באַזיגט דעם אמורי דורך תפילה און געבעט, א) מיט דעם כוח פון דעם מויל, האָט ער נישט פאַרפירט אַ מלחמה געגן די אידן, ווי קעניגם פירן זיך, נאָר ער האָט געוואָלט באַזיגן זיי דורך קללות, מיט דעם כוח פון דעם מויל.

און כאָטש ער איז געווען אַזאַ גרויסער שונא ישראל, האָט ער דאָך זוכה געווען אַז רות, דוד המלך'ס עלטער באָבע, זאָל אָפּשטאַמען פון אים. און דאָס איז געווען אין דעם זכות פון די צוויי און פערציג קרבנות וועלכע ער האָט געאָפּפערט.

אָבער בלעם האָט אים אָפּגעזאָגט. בלק האָט געשיקט צו אים אַ צווייט מאָל. דאָס מאָל האָט בלעם געפאָלגט און ער איז געקומען צו בלק'ן. אָבער אַנשטאָט צו שעלטן די אידן האָט ער זיי געבענטשט.

צו יענער צייט האָבן די אידן פערבראַכט אין שטים. און כאָטש בלעם האָט ניט געהאָלפן בלק'ן מיט טאַט, האָט ער

א) זעט: כלי יקר, במדבר כב, ב; אונקלוס, רש"י, ספורנו, בראשית, מח, כב.

דאָך געהאָלפן אים מיט ראַט. בלעם האָט נעמלעך געוויסט, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין וועג בייצוקומען די אידן. ער האָט געוויסט אַז דער איינציקער וועג בייצוקומען די אידן, איז צו מאַכן אַז זיי זאָלן ניט אָפּהיטן זייערע געזעצן. האָט ער געפּלאַנט צו אַראָפּ פירן זיי פון דעם גלייכן וועג. אַז זיי זאָלן עובר זיין אויף דעם „לא תנאף", דו זאָלסט ניט מזנה זיין, נישט פירן אַן אויסגעלאַסן לעבן, און דאָס איז אים אויך געלונגען.

דורך פאַרשידענע מיטלען איז עס געלונגען די פרויען פון שטים צו פאַרלאָקן די אידן. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרקעהרן מיט די פרויען פון מואב און אויך דינען צו דעם אָפּגאָט בעל פעור. משה האָט באַפוילן די ריכטער זיי זאָלן היגריכטן אַלע די וועלכע האָבן געדינט דעם בעל פעור. יעדער איינער פון די אַכציק טויזנט ריכטער האָט הינגעריכטעט צוויי מענטשן. אַ מגפה, אַ פעסט האָט אויסגעבראָכן, וועלכע האָט אַוועק געלייגט פיר און צוואַנציק טויזנט מאַן. נאָך דעם האָט משה ווידער אַמאָל דורך געפירט אַ פאָלקס ציילונג.

דאַן האָט משה מאָביליזירט דאָס פאָלק צו געהן זיך נוקם זיין אין מדין. פנחס'ן האָט ער געמאַכט פאַר דעם אַרמעי פירער. בלעם האָט צו יענער צייט זיך אויף געהאַלטן אין מדין. ער איז געגאַנגען אַהין אָפּנעמען זיין שכר, לוין, פאַר די פיר און צוואַנציק טויזנט מאַן וועלכע זיינען אוים געשטאָרבן פון דער מגפה, נאָר אַ דאַנק זיין עצה. ווען פנחס איז אָנגעקומען מיט זיין אַרמעי קיין מדין, האָט בלעם זיך דערשראָקן און מיט דער הילף פון דעם שם המפורש, דעם הימלישן נאָמען וועלכן מען טאָר ניט אַרויס זאָגן, איז ער אַרויף געפלויגן אין הימל אַריין. פנחס איז אים נאָך געפלויגן, און ער האָט געטראָפן אים שטעהן פאַרן אויבערשטן און בעטן. פנחס האָט אים אָנגעכאַפּט און ער האָט געבראַכט אים צו משה'ן. די סנהדרין האָבן פאַראורטיילט אים און מען האָט אים הינגעריכטעט. די אידן האָבן דעמאָלט געטויט די מלכים פון מדין, און זיי האָבן אָפּ געהאַלטן אַ גרויסן זיג.

משה ווערט זיך געגן טויט

נאָך איידער משה רבינו האָט גענומען נקמה אין מדין, האָט דער אויבערשטער מודיע געווען אים וועגן זיין שטאַרבן. ער האָט געזאָגט צו אים: „זיי זיך נוקם די נקמה פון די קינדער פון ישראל אין די מדינים, דערנאָך וועסטו דו איינגעזאַמלט ווערן צו דיין פאָלק". משה האָט, אַלזאָ, געקאָנט לעבן לענגער, ווייל זיין טויט איז דאָך געווען אָפּהענגיק פון דער נקמה אין מדין. ער האָט אָבער געשטעלט די נקמה פאַר זיין פאָלק ישראל פיל העכער פון זיין אייגן לעבן. דעם ערשטן טאָג פון דעם חודש שבט, אין דעם פערציקסטן יאָר פון יציאת מצרים, האָט משה אָנגעהויבן צו דערקלערן די תורה. ער האָט דערקלערט די תורה אין זיבעציק שפראַכן, און דאָס האָט געדויערט ביי אים ביז דעם זעקסטן אדר.

דאָס שיידן זיך פון זיין פאָלק, וועלכעס ער האָט געדינט זיין גאַנץ לעבן מיט דער העכסטער טרייקייט און טיפסטער איבער געגיבענקייט, איז געפאַלן משה'ן זעהר שווער. כאָטש משה האָט שוין געוויסט ביי דעם ים סוף אַז ער וועט ניט אַריין געהן אין ארץ ישראל, האָט ער זיך דאָך געווערט מיט זיין גאַנצער מאַכט געגן דעם טויט. אמת, דער טויט איז שוין טאַקע נגזר געוואָרן איבער אים, אָבער דער באַשלוס איז נאָך ניט געווען גע'חתמ'עט. דערפאַר האָט משה גענומען עס לייכט. ער האָט זיך געטראַכט: ישראל האָט אַזוי פיל מאָל שווערער געזינדיגט, און ווי נאָר איך האָב געבעטן פאַר זיי איז מיין תפילה פאַרנומען געוואָרן. מכל שכן, אַז איך וועל בעטן פאַר זיך אַליין, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל געזינדיגט, וועל איך דאָך אודאי און אודאי ווערן געהערט!

ווען דער אויבערשטער האָט געזען אַז משה נעמט ניט ערנסט די גאַנצע זאַך, האָט ער געשוואוירן ביי זיין גרויסן נאָמען, אַז משה וועט ניט אַריין געהן אין ארץ ישראל. די מלאכי השרת האָבן געבעטן דעם אויבערשטן פאַר משה'ן, אָבער ער האָט זיי געענטפערט: „איך האָב עס באַשלאָסן". ווען משה האָט געזען אַז די גזרה טראָגט שוין אויף זיך דעם זיגל, האָט ער אָנגעהויבן בעטן צום אויבערשטן. ער האָט געמאַכט אַ קרייז אַרום זיך און האָט געזאָגט: „איך ריר זיך ניט פון דאַנען, ביז דו ביזט מבטל דיין באַשלוס". ער האָט אָנגעטאָן אַ זאַק און זיך גע־קאַטשעט אין אַש. דער אויבערשטער, אָבער, האָט אוים גערופן

אין אלע הימלען אז משה׳ס תפילות זאלן ניט ווערן פארנומען און זאלן ניט געבראכט ווערן פאר אים.

פינף הונדערט און פיפצן מאל, ווי די צאל פון די אותיות פון „ואתחנן", האט משה געבעטן. די גאנצע ערשטע זיבן טעג פון אדר האט ער געהאלטן אין איין בעטן, אז ער זאל מעגן אריבער געהן און זען דאס לאנד. דעם זעקסטן אדר, אבער, האט דער אויבערשטער אים מודיע געווען: „דיינע טעג נעענטערן זיך צום טויט". משה בעט דאן און זאגט: „בין איך דען אומזיסט געלאפן ווי א פערד פאר דיינע קינדער, אז מיין ענדע זאל זיין ווערים!" און דער אויבערשטער ענטפערט אים אז זינט אדם הראשון׳ען האט נאך קיין מענטש געגאסן אייביק לעבן, אפילו ניט אברהם, יצחק און יעקב.

משה פרובירט אנווייזן, אז ביי אלע אנדערע איז געווען אן אורזאך פאר זייער שטארבן: אדם הראשון האט געגעסן פון די פארבאטענע פרוכט. אברהם אבינו האט געהאט א זון ישמעאל, וועמענס נאך קומענדיקע האבן דערצערנט דעם אויבערשטן. יצחק האט געהאט א זון עשו, וועלכער וועט חרוב מאכן דאס בית המקדש און פארברענען דעם הייליקן היכל. יעקב איז ניט ארויפ־געשטיגן אין הימל, ער איז ניט געווען גלייך מיט די מלאכים, ער האט ניט גערעדט מיטן אויבערשטן פנים צו פנים. ער האט ניט דערהאלטן די תורה פון אים. און דער אויבערשטער ענטפערט אים דערויף: „גענוג דיר! זאלסט מעהר ניט רעדן". משה בעט דאן עס זאל אים דערלויבט זיין אריין צו געהן אין ארץ ישראל כאטש אויף צוויי־דריי יאר, בכדי דאס פאלק זאל מקיים זיין די מצוות דורך אים. אזוי ווי, אבער, דער אויבערשטער האט געשוואוירן אז ער וועט דערפילן אלע זיינע ווינטשן, אויסער צוויי, נעמלעך, דעם ווינטש אריין צו געהן אין ארץ ישראל און דעם ווינטש ניט צו שטארבן, האט ער דערהאלטן פונעם אויבערשטן דעם ענטפער: „איך האב דיך געלאזט זען דאס לאנד מיט דיינע אייגענע אויגן, אריבער געהן אבער וועסט דו ניט".

משה, אבער, הערט ניט אויף צו בעטן און זאגט: „א, האר! ווען ניט אלס קעניג, זאלסט דו מיך לאזן אריבער געהן קיין ארץ ישראל כאטש אלס איינפאכער מענטש". אבער דער אויבערשטער ענטפערט אים: „אין הייליקייט לאזט מען נאר שטייגן אבער ניט נידערן". זאגט משה: „יוסף׳ס ביינער האבן יא געמעגט אריבער געפירט ווערן קיין ארץ ישראל, און איך טאר ניט געהן אין דעם לאנד?" ענטפערט דער אויבערשטער: „דער וועלכער פארשווייגט זיין לאנד, דער וועט ניט באגראבן ווערן אין זיין

לאַנד. דערפאַר וואָס דו האָסט פאַרשוויגן דיין לאַנד, וועסט דו ניט באַגראָבן ווערן אין דעם לאַנד. ער הערט ווי יתרו'ס טעכטער זאָגן: אַן עגיפּטישער מאַן האָט אונז געהאָלפן פון דער האַנט פון די פּאַסטעכער, און ער שווייגט!" משה בעט דאַן ער זאָל כאָטש נאָך דעם טויט ווערן אַריבער געבראַכט אין זיין לאַנד, אָבער אויך דאָס איז אים אָפּגעזאָגט געוואָרן.

„דערלויב מיר צו ווערן פערוואַנדלט אין אַ פויגל", בעט משה, „וועל איך אַריבער פליען דעם ירדן; אָדער לאָז מיך פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ פיש, וועל איך דורך דעם אָפּגרונט אַריבער קיין ארץ ישראל; אָדער צעשנייד מיך אויף שטיקער און צע־שפּרייט זיי דורך דעם מלאך גבריאל איבער דעם ירדן, און דערנאָך וועסטו דו מיך מאַכן צוריק לעבעדיק". אָבער אויך דאָס האָט דער אויבערשטער אים אָפּגעזאָגט.

ווען משה האָט אָנגעהויבן זיך צו דערקונדיקן וועגן די אורזאַכן פונעם אויבערשטנס צאָרן, האָט דער הייליקער, ברוך הוא, אים געענטפערט: „ווייל איר האָט מיך ניט געהייליקט". „אָבער יעדן מענטשן", זאָגט משה, „ביזט דו דאָך מוחל צוויי, דריי מאָל און מיר ווילסט דו אפילו איין זינד ניט פאַרגיבן!" דער אויבערשטער, אָבער, ווייזט אים אַז ער האָט געזינדיגט ניט ווייניקער פון זעקס מאָל. ער זאָגט צו משה'ן: „ערשטנס האָסט דו געזאָגט: שיק דורך וועמען דו וועסט שיקן; צווייטנס האָסט דו געזאָגט: און מציל זיין האָסט דו ניט מציל געווען דיין פאָלק; דריטנס: ווען שאָף און רינדער זאָלן געשאָכטן ווערן פאַר זיי, וועט דאָס זיי דען קלעקן?; פערטנס: האָט דער אויבערשטער מיך ניט געשיקט (זעט במדבר טז, כט); פינפטנס: הערט נאָר איר ווידערשפּעניקער; זעקסטנס: און אָט זייט איר אויף גע־שטאַנען אויף דעם אָרט פון אייערע עלטערן, אַ געזינדל פון זינדיקע מענטשן. זיינען אברהם, יצחק און יעקב דען געווען זינדיקע, אַז דו זאָלסט רעדן אַזוי צו זייערע נאָך קומענדיקע?" זאָגט משה: „אָ, האַר פון די וועלטן! איך האָב עס געלערנט פון דיר; דו האָסט דאָך געזאָגט: די פייערפלאַנען פון די דאָזיקע וועלכע האָבן פאַרזינדיקט". אָבער דער אויבערשטער ענטפערט אים: „איך האָב געזאָגט: 'וועלכע האָבן פאַרזינדיקט מיט זייערע נפשות', אָבער ניט מיט זייערע עלטערן".

משה בעט ווייטער און זאָגט: „אָ, האַר פון דער וועלט! שטעה אויף פון דיין ריכטער שטול און זעץ דיך אויף דער שטול פון חסד. שטראָף מיך, האַר, פאַר מיינע זינד מיט קערפּערלעכע יסורים".

ווען משה, פאַר וועמען אַפילו די מלאכים מיכאל און גבריאל האָבן מורא געהאַט, וועמענס פאָדערונגען דער אַלמעכטיקער אַליין האָט געמוזט נאָך גיבן, פאַר וועמענס וועגן די גאַנצע וועלט איז בעשאַפן געוואָרן, האָט געזען אַז זיינע תפילות ווערן ניט פאַרנומען, האָט ער זיך געווענדט צו די הימלען און צו דער ערד, זיי זאָלן בעטן פאַר אים. אָבער די הימלען וועלכע משה האָט אַ מאָל געמאַכט שווייגן, און די ערד וועלכע איז אַ מאָל פאַרשטומט געוואָרן פאַר אים, האָבן אים אָפּגעזאָגט. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַזוי ווי זייער עקזיסטענץ איז אויך קיין אייביקע, וועלן זיי ליבער בעטן פאַר זיך אַליין. משה האָט זיך דאַן געווענדט מיט דער זעלבער ביטע צו די שטערן, צו די פּלאַנעטן, צו די בערג, אָבער אַלע האָבן אָפּ געזאָגט אים אויפן זעלבן גרונט.

משה איז דענצמאָל אַוועק צום ים ער זאָל בעטן גנאָד פאַר אים. זאָגט דער ים צו אים: „ביזט דו ניט עמרם׳ס זון, וועלכער האָט מיך געשפּאָלטן מיט זיין שטעקן אויף צוועלף טיילן?״ ווען משה האָט דערמאָנט זיך אין זיינע אַמאָליקע מעשים, האָט ער אויס געבראָכן אין אַ גרוים געוויין. פון דאָרט איז ער אַוועק צו דעם שר הפנים ער זאָל איינטרעטן פאַר אים. יענער אָבער זאָגט צו אים: „רבי משה! צו וואָס די גאַנצע מי? איך האָב געהערט פון הינטער דעם פרגוד, הימלישן פאָרהאַנג, אַז דיינע תפילות ווערן ניט פאַרנומען״.

משה לייגט זיינע הענט אויפן קאָפּ און שרייט און וויינט. ער פּאָלט אלעזר׳ן צו די פיס ער זאָל בעטן פאַר אים. אָבער סמאל כאַפּט אים אָן ביים האַלז און לאָזט אים ניט. מיט אַ ביטער געוויין געהט משה אַוועק צו כלב בן יפונה, פון אים צו די פירשטן פון ישראל, צו אַלע האָרן, צו די זיבעציק זקנים און ענדלעך צו גאַנץ ישראל. ער זאָגט צו זיי: „ווען דער אויבערשטער האָט געצאָרנט אויף אייך פאַרן גאָלדענעם קאַלב האָב איך זיך אָנגענומען פאַר אייך ביז די גזרה איז בטל געוואָרן. איצט זאָלט איר בעטן פאַר מיר״. ווען דאָס פאָלק האָט געזען משה׳ס נידערגעשלאָגנקייט, האָבן אַלע ווי איינער זיך צונויף געזאַמלט פאַרן אוהל מועד צו בעטן פאַר משה׳ן. אָבער מלאכי חבלה זיינען אַרונטער פון דעם הימל. נעבן יעדן אידן האָט זיך געשטעלט אַ מלאך און האָט ניט געלאָזט אים בעטן. „צו וועמען זאָל איך מיך איצט ווענדן״, שרייט משה אויס. זאָגט דער אויבערשטער צו אים: „משה! צוויי שבועות האָב איך געשוואוירן: ביידע שבועות מבטל זיין קאָן איך ניט. ווילסט דו לעבן, מוז ישראל פאַרניכטעט

ווערן". דערויף האָט משה געענטפערט: „זאָלן ליבערשט משה און טויזנט זיינס גלייכן שטאַרבן, איידער איינער פון ישראל".

משה פּרובירט אָבער ווייטער בעטן. אויף דעם אויבערשטנס פראַגע פאַר וואָס ער נעמט זיך דעם טויט אַזוי צום האַרצן, ענטפערט ער, אַז ער האָט מורא פאַר די מלאך המות וויינען. „שטראָף מיך", זאָגט ער, „אָבער גיב מיך ניט איבער צו דעם מלאך המות". דער אויבערשטער האָט אים צוגעזאָגט צו דערפילן די דאָזיקע בקשה און האָט געזאָגט צו אים: „דיין צייט איז פאַראיבער; די צייט פון דיין תלמיד יהושע איז געקומען". זאָגט משה: „אויב איך מוז שטאַרבן נאָר כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר יהושע'ן, לאָז מיך ווערן יהושע'ס תלמיד". דער אויבערשטער איז איין פאַרשטאַנען דערמיט.

איז משה אַוועק צו יהושע'ן. ער האָט געטראָפן אים זיצן און לערנען מיט די אידן. יהושע האָט ניט געזען אים. אַ טייל אידן זיינען אַוועק צו משה'ן, ער זאָל זיי אונטער ריכטן. ווען זיי האָבן געהערט, אַז משה איז געגאַנגען צו יהושע'ן, זיינען זיי אויך געגאַנגען אַהין. ווען זיי האָבן געזען ווי יהושע זיצט און משה שטעהט, האָבן זיי געזאָגט צו יהושע'ן: „וואָס פעלט דיר עפּעס איין! אונזער רבי משה שטעהט, און דו זיצסט?!"

אַזוי גיך ווי יהושע האָט דערזען משה'ן, האָט ער צעריסן זיינע קליידער, אָנגעהויבן צו וויינען, און ער האָט אויסגעשריען: „מיין רבי, מיין רבי! מיין פאָטער! מיין פאָטער און מיין האַר!" ישראל ווענדעט זיך צו משה'ן און זאָגט: „משה, אונזער רבי! לערן מיט אונז תורה". „איך האָב קיין רעכט", ענטפערט משה. „מיר לאָזן דיך ניט אָפּ", זאָגן זיי. אַ בת קול געהט אַרויס פון הימל און זאָגט: „זעצט זיך און לערנט תורה פון יהושע'ן". יהושע זעצט זיך אויבנאָן, משה ביי זיין רעכטער האַנט און אהרן'ס זין ביי זיין לינקער האַנט, און ער לערנט מיט אַלעמען. נאָך דעם אונטעררעכט זאָגן די אידן צו משה'ן: „ער האָט אונז ניט געמאַכט קלאָר די תורה". „איך קאָן ניט ענטפערן", זאָגט צו זיי משה. און ער ווענדעט זיך צום אויבערשטן און זאָגט: „אַ האַר פון די וועלטן! ביז איצט האָב איך געבעטן לעבן, איצט גיב איך דיר איבער מיין נשמה".

משה און יהושע זיינען געגאַנגען צום אוהל מועד. אריין קומענדיק האָט אַ וואָלקן זייל זיך אַרונטער געלאָזט אַזוי, אַז יהושע איז געבליבן אינעווייניק און משה אין דרויסן. נאָך דעם ווי דער וואָלקן זייל איז פאַרשוווּנדן, האָט משה זיך דערקונדיקט וועגן דער גילוי שכינה, וואָס די שכינה האָט געזאָגט יהושע'ן.

יהושע, אָבער, האָט אים געענטפערט: „האָב איך עפּעס אַ סך געוויסט ווען דעם אויבערשטנס וואָרט האָט זיך אַנט-פּלעקט צו דיר? וואָס ער האָט גערעדט מיט דיר?" דערויף האָט משה אויסגעשריען: „בעסער הונדערט מאָל שטאַרבן, איידער איין מאָל מקנא זיין".

ווען משה האָט געזען אַז קיין געשעפּ קאָן ראַטעווען אים פון דעם טויט, האָט ער געזאָגט די ווערטער: „דער פעלז, זיין ווערק איז גאַנץ, ווייל אַלע זיינע וועגן זיינען רעכט; אַן אַל-מעכטיקער פון געטריישאַפט און אָהן אומרעכט, גערעכט און רעכטפאַרטיק איז ער".

ער האָט געבענטשט גאַנץ ישראל, און זיי האָבן זיך מוחל געווען קעגנזייטיק. ער האָט דערמאָלט גענומען די מגילה און אויפגעשריבן דעם שם המפורש. ער האָט נאָך ניט געהאַט געענדיקט „דאָס בוך פון דעם ליד" (דברים לב, א-מד) איז שוין דער אויגנבליק פון זיין פטירה געקומען.

משה און דער מלאך המות סמאל

„נו", זאָגט דער אויבערשטער צום מלאך גבריאל, „גבריאל, געה, און ברייננ משה'ס נשמה".

„האַר פון דער וועלט", ענטפערט ער, „ווי קאָן איך צוזען דעם טויט פון דעם, וועלכער איז גלייך ווי די זעקס הונדערט טויזנט אידן? און ווי קאָן איך בעהאַנדלען מיט צאָרן דעם יעניקן, וועלכער באַזיצט אַזעלכע מדות?"

ווענדעט זיך דער אויבערשטער צו מיכאל'ן און זאָגט צו אים: „מיכאל, געה און ברייננ משה'ס נשמה". ענטפערט מיכאל: „האַר פון דער וועלט! איך בין געווען זיין רבי, ער איז געווען מיין תלמיד, איך קאָן ניט צוזען זיין טויט".

ווענדעט זיך דער אויבערשטער צו דעם רשע סמאל און זאָגט צו אים: „סמאל, געה און ברייננ משה'ס נשמה".

אין איין סעקונדע נעמט סמאל זיך אָן מיט צאָרן, טוט אָן די שווערד, וויקלט זיך איין אין גרויזאַמקייט און געהט צו משה'ן.

ווען ער איז געקומען און האָט געזען ווי משה זיצט און שרייבט דעם שם המפורש, דער גלאַנץ פון זיין פנים איז גלייך

ווי דער זון שיין, און ער אַליין זעט אוים ווי אַ מלאך, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר אים און געזאָגט: „אמת, מלאכים קאָנען ניט נעמען די נשמה פון משה'ן".

אָבער נאָך איידער סמאל האָט זיך געוויזן פאַר משה'ן, האָט משה שוין געוווּסט אַז ער איז געקומען. אַזוי גיך ווי סמאל האָט דערבליקט משה'ן האָט אים, סמאל'ן, אָנגעכאַפּט אַ ציטערן און אַ טרעסלען, ווי אַ געווינערין, און ער האָט ניט געקאָנט אָנהויבן צו רעדן. ביז משה האָט זיך ענדלעך אָן גערופן צו אים און געזאָגט: „קיין פרידן, זאָגט דער אויבערשטער, צו די רשעים. וואָס ווילסט דו דאָ?"

סמאל: „איך בין געקומען נעמען דיין נשמה".

משה: „ווער האָט דיך געשיקט?"

סמאל: „דער וועלכער האָט באַשאַפן אַלע בעשאַפענישן".

משה: דו וועסט ניט באַקומען מיין נשמה".

סמאל: „די נשמות פון אַלע וועלט באַוואוינער זיינען מיר איבער געגיבן".

משה: „איך האָב מעהר קראַפט פון אַלע וועלט באַוואוינערס".

סמאל: „אין וואָס באַשטעהט דיין קראַפט?"

משה: איך בין עמרם'ס זון און בין געוואָרן געבאָרן גע'מל'ט. אין דעם טאָג פון מיין געבאָרן האָב איך געקאָנט גלייך רעדן און געהן, און איך האָב גערעד מיט מיין פאָטער און מיט מיין מוטער, און איך האָב אפילו געזויגן קיין מילך. ווען איך בין אַלט געוועזן דריי חדשים, האָב איך שוין נביאות געזאָגט, אַז איך וועל מקבל זיין דאָס געזעץ פון פייער פלאַמען. איך בין געגאַנגען אין דעם קעניגס פּאַלאַץ, און האָב אַראָפּגענומען די קרוין פון זיין קאָפּ. ווען איך בין אַלט געוועזן אַכציק יאָר האָב איך געטון צייכנס און ווינדערס אין מצרים. איך האָב אַרוים געפירט זעקס הונדערט טויזנט אידן פון דאָרט פאַר די אויגן פון אַלע מצריים. איך האָב געשפּאַלטן דעם ים סוף אויף צוועלף טיילן און האָב פאַרוואַנדלט דאָס ביטערע וואַסער אין זיסע. איך בין אַרויף געשטיגן און באַטרעטן דעם וועג פונעם הימל. איך האָב געפירט קריג געגן די מלאכים און האָב מקבל געוועזן די תורה פון פייער. איך האָב געוווילט אונטער דעם טראָן פון פייער. איך האָב מיך פאַרבאָרגן אונטער אַ פייער זייל און גערעד מיטן אויבערשטן פנים אל פנים. איך האָב געזיגט אין דער הימלי־שער פאַמיליע און אַנדעקט זייערע געהיימנישן צו די מענטשן־

קינדער. איך האָב דערהאַלטן דאָס געזעץ פונעם אויבערשטנס רעכטער האַנט און עס געלערנט דעם פאָלק ישראל. איך האָב געפירט קריג מיט סיחון'ען און מיט עוג'ן, די העלדן-קעניגע פון דער וועלט, וועלכע זיינען געווען אַזוי הויך, אַז אין דער צייט פון דעם מבול האָט דאָס וואַסער דערגרייכט נאָר ביז צו זייערע קנעכל. איך האָב געהייסן דער זון און דער לבנה שטעהן שטיל, און מיט דעם שטעקן אין מיין האַנט האָב איך זיי דער'הרג'ט. ווער פון די באַוואוינער פון דער וועלט האָט באַוויזן אַזעלאכס? געה אַוועק פון דאַנען, דו רשע! האָסט קיין רעכט אַזוי צו רעדן! געה, פלי פון מיר! איך גיב דיר ניט מיין נשמה".

סמאל קעהרט זיך אום צום אויבערשטן און זאָגט: „האַר פון דער וועלט! ווען דו זאָלסט מיר באַפעהלן צו איבער קערן דאָס גיהנם קאָן איך עס טון. אָבער עמרם'ס זון קאָן איך ניט ביי-קומען. איך בעט דיך, שיק מיך ניט צו אים". „דו רשע", זאָגט צו אים דער אויבערשטער, „פון גיהנם פייער ביזט דו בעשאַפן און אין גיהנם פייער וועסט דו צוריק פאַרוואַנדלט ווערן. צוערשט ביזט דו געגאַנגען פול מיט שמחה, און נאָך דעם ווי דו האָסט געזען זיין גרויסקייט ביזט דו צוריק געקומען. געה און ברייננ זיין נשמה!"

האָט סמאל באַלד אַרויס געצויגן זיין שווערד פון דער שייד, און ער איז אַוועק צו משה רבינו. משה איז געוואָרן אין כעס. ער האָט געכאַפּט דעם שטעקן, אויף וועלכן עס איז געווען אויס געקריצט דער הימלישער נאָמען, און ער האָט דערלאַנגט סמאל'ן מיט זיין גאַנצן כוח, און סמאל איז פון אים אַוועק געפלויגן. משה איז נאָך געלאָפען אים מיט דעם שם המפורש, מיטן הימלישן נאָמען. ער האָט אַוועק גענומען פון סמאל'ן דעם גלאַנץ פון זיינע אויגן. און דער שלעכטער מלאך איז געוואָרן בלינד.

משה'ס לעצטע מינוט

בלויז נאָך איין אויגנבליק האָט משה געהאַט צו לעבן. אַ הימלישע שטימע איז אים מודיע: „דיין סוף איז שוין דאָ".

רעד משה צום אויבערשטן און זאָגט: „האַר פון דער וועלט! געדענק דעם טאָג ווען דו האָסט דיך באַוויזן צו מיר אין דעם דאָרן בוים און געזאָגט צו מיר: 'איצטער וועל איך דיך שיקן צו פרעה'ן און פיר אַרויס מיין פאָלק, די קינדער פון ישראל, פון מצרים!' געדענק דעם טאָג ווען איך בין געשטאַנען

אויפֿן באַרג סיני פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט. איך בעט דיך, גיב מיך ניט איבער אין די הענט פֿון דעם מלאך המות".

אַ הימלישע שטימע רופֿט זיך אָן און זאָגט: „האָב קיין מורא. איך אַליין וועל מיך באַשעפֿטיקן מיט דיר און מיט דיין קבורה". משה האָט זיך דאַן אויף געהויבן, זיך געהייליקט ווי די שׂרפֿים, די ברענענדיקע מלאכים. דער אויבערשטער האָט זיך אַראָפּ געלאָזט פֿון די הויכע הימלען צו אויף נעמען די נשמה פֿון משה רבינו. די דריי מלאכים, מיכאל, גבריאל און זגזגאל, זיינען געוועזן ביי זיין זייט. מיכאל האָט צוגעגרייט די מטה. גבריאל האָט פֿאַרשפּרייט דאָס בעט געוואַנט צו קאָפּנס און זגזגאל צו פֿיסענס. מיכאל איז געשטאַנען פֿון איין זייט און גבריאל פֿון דער צווייטער זייט.

רעד דער אויבערשטער צו משה'ן: „מאַך צו דיינע אויגן". און משה מאַכט צו די אויגן. „לייג אַרויף דיינע הענט אויף דיין ברוסט". און משה לייגט אַרויף די הענט אויף זיין ברוסט. „לייג דיינע פֿיס איינעם אויפֿן אַנדערן". און ער לייגט זיינע פֿיס איינעם אויפֿן אַנדערן. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט דער אויבערשטער גערופֿן די נשמה פֿון משה'ס קערפּער מיט די דאָזיקע ווערטער: „מיין טאָכטער! הונדערט און צוואַנציק יאָר האָב איך באַשטימט פֿאַר דיר צו זיין אין משה'ס קערפּער. איצט איז געקומען די צייט אַז דו זאָלסט אַרויס געהן פֿון זיין קערפּער".

„האַר פֿון דער וועלט", ענטפֿערט די נשמה, „איך ווייס, אַז דו ביזט דער אַלמעכטיקער פֿון אַלע גייסטער און אַלע נשמות, און אַז אַלע נשמות פֿון אַלע לעבעדיקע און טויטע זיינען אין דיין האַנט. דו האָסט מיך באַשאַפֿן, און דו האָסט מיך געלאָזט וואוינען הונדערט און צוואַנציק יאָר אין משה'ס קערפּער. און איצט, איז דען פֿאַראַן אין דער וועלט אַ ריינערער קערפּער פֿון משה'ס, אין וועלכן עס איז פֿאַראַן קיין שלעכטער גערוך, קיינע ווערים, קיין פֿוילקייט? דערפֿאַר האָב איך אים ליב און איך וויל נישט אַרויס געהן פֿון אים.

„נשמה, קום אַרויס!" זאָגט דער אויבערשטער צו איר.

„פֿאַרצי נישט. איך וועל לאָזן דיך אַרויף שטייגן אין די אויבערשטע הימלען. איך וועל דיך לאָזן וואוינען אונטער דעם טראָן פֿון מיין הערלעכקייט, נעבן די כּרובים און שׂרפֿים".

ענטפֿערט די נשמה און זאָגט: „האַר פֿון דער וועלט! פֿון דיין שכינה, פֿון אויבן זיינען געקומען אַראָפּ צוויי מלאכים,

עזה און עזאל, א). זיינען די טעכטער פון דער ערד זיי געפעלן געוואָרן, און זיי האָבן פאַרדאָרבן זייער וועג אויף דער ערד, ביז דו האָסט געלאָזט זיי שוועבן צווישן הימל און ערד. עמרם'ס זון, אָבער, האָט פון דעם טאָג אין וועלכן דו האָסט דיך צו אים באַוויזן אין דעם דאָרן בוים ניט פאַרקעהרט מיט זיין ווייב. איך בעט דיך, לאָז מיך איבער אין משה'ס קערפּער".

אין דער דאָזיקער מינוט האָט דער אויבערשטער אַ קוש געטון משה'ן, און מיט דעם קוש האָט ער אַרויס געצויגן די נשמה פון אים.

אַזוי איז משה רבינו, וועלכער האָט געאָפּפערט זיין גאַנץ לעבן פאַר דעם פאָלק ישראל, נפטר געוואָרן דעם זיבעטן טאָג אין אדר, ב), אום שבת, אין עלטער פון הונדערט און צוואַנציק יאָר. דער אַלמעכטיקער אַליין האָט אים מקבר געווען אין דעם קבר, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בין השמשות פון דעם זעקסטן טאָג פון דעם וועלט באַשאַף. דעם קבר האָט דער אויבערשטער אַוועק געשטעלט אַנטקעגנאיבער זיך. ווערים האָבן איבער אים קיין שליטה. און זיין נשמה היט אָפּ דער אויבערשטער אונטער דעם כסא הכבוד, אונטער דעם הימליש'ן טראָן.

א) זעט „אהרן ראָזמאַרין'ס תנ"כ ענציקלאָפּעדיע", אָנהויב צווייטן באַנד, אויסגאַבע אום.

ב) סדר עולם רבה פרק י; סוטה יב, ב; תוספתא פרק יא (פערגלייכט אגדות התנאים, עדיציע היגער זייט 109); קידושין לח, א; מגילה יג, ב; מגילת תענית, אויסגאַבע וואַרשע זייט 40; מדרש תנחומא ואתחנן ו; מדרש תנחומא באָבער זייט 13; דברי הימים של משה רבינו, ע"ה, יעללינעק זייט 11; מדרש פטירת אהרן, יעללינעק זייט 91; מדרש פטירת משה רבינו, ע"ה, יעללינעק, זייט 122; סדר הדורות זייט 92; תרגום יונתן דברים לד, ה; מדרש ילמדנו ואתחנן 11; מדרש תנאים עדיציע האָפפמאַן 227; מכילתא דרבי שמעון בן יוחאי, עדיציע האָפפמאַנן, 80; ילקוט ראובני הברכה קפג, א; מדרש לקח טוב (פסיקתא זוטרתא) שמות 114; זעט מדרש הגדול שמות, 180; שלשלת הקבלה יד, א; ילקוט שמעוני שמות רמז רסו, דברים רמז תתכא, און רמז תתקסה, יהושע רמז א; רבינו בחיי מסעי 86 און וילך 86; מדרש לקח טוב דברים 135; נזיר יד, א און רש"י דאָרט; אגדת אסתר, באָבער, פרשה ג, ו; ספרי דאגדתא באָבער 99; דרש לפטירת משה רבינו, ע"ה מח, א.

אין תענית ט, א שטעהט אַז משה איז נפטר געוואָרן אין חודש אדר, און עס זאָגט נישט אין וויפלטן טאָג אין אדר.

אין מכילתא בשלח ויסע ה, עדיציע מאיר איש שלום אויסגאַבע אום האַלט רבי יהושע אַז משה איז נפטר געוואָרן דעם אַכטן אדר, און רבי אלעזר המודעי האַלט דעם זעקסטן אדר.

אין ילקוט שמעוני שמות רמז רסא און אין יהושע רמז טו האַלט רבי אליעזר אַז משה איז נפטר געוואָרן דעם זיבעטן שבט.

לויט מדרש אסתר רבה פרשה ז און רלב"ג חוקת איז משה נפטר געוואָרן דעם ערשטן טאָג אין אדר.

זעט מיין בוך „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה", אין דייטש, זייט 146, נאָטע 612.

אַלץ און אַלע האָבן געטרויערט אויף משה׳ן. אין דער טרויער צייט זיינען פאַרגעסן געוואָרן דריי טויזנט הלכות. דער אַלמעכטיקער, כביכול, האָט געוויינט און געזאָגט: „ווער וועט זיך אויפהויבן פאַר מיר געגן די שלעכטע? ווער וועט זיך אויף שטעלן פאַר מיר געגן די וועלכע טוען אומרעכט?" דער רוח הקודש האָט געזאָגט: „און עס איז ניט אויפגעשטאַנען אין ישראל נאָך אַזאַ נביא ווי משה". די הימלען האָבן געוויינט און געזאָגט: „פאַרשווינדן איז דער פרומער פון דעם לאַנד". די ערד האָט געוויינט און געזאָגט: „און קיין גערעכטער איז דאָ צווישן די מענטשן". און ווען יהושע האָט געזוכט זיין רבי׳ן און האָט אים ניט געפונען, האָט ער געוויינט און געזאָגט: „העלף, אָה האַר! ווייל אַהין אַוועק איז דער פרומער, די טרייע זיינען פאַר־שווינדן פון די מענטשן". די מלאכי השרת האָבן געזאָגט: „די גערעכטיקייט פונעם אויבערשטן האָט ער געטון". און ישראל האָט געזאָגט: „און זיינע משפטים מיט ישראל".

אַלע צוזאַמען האָבן געזאָגט: „עס געהט צו פרידן דער, וועלכער האָט געוואַנדערט אין גלייכע וועגן. (די גערעכטע) רוען אויף זייער געלעגער".

אָט אַזוי איז נפטר געוואָרן משה רבינו, ע״ה.

אברהם אבינו'ס לעבן און שאַפונג

אַ פולשטענדיגע ביאָגראַפיע

לויט תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, קבלה ליטעראַטור, ראשונים און אחרונים

אינהאַלט

פאַר אברהם'ס געבורט — נמרוד . . 19
אברהם'ס געבורט 24
אברהם'ס קינדהייט 26
אברהם און זיין מוטער אמתלאי . . 29
נמרוד'ס מורא פאַר אברהם'ן . . . 31
אברהם פּראָקלאַמירט אחדות הבורא,
דעם גלויבן אינעם איינציקן אויבערשטן 32
גמרוד אַנערקענט דעם אויבערשטנס
איינציקייט 34
אברהם באַקערט געצנדינער צום
אויבערשטן 35
אברהם און זיין פאָטערס אָפּגעטער . 37
אברהם פאַרניכט זיין פאָטערס
אָפּגעטער 38
אברהם ביים קעניג נמרוד 40
אברהם אין טורמע 42
אברהם אינעם קאַלך־אויוון 45
אברהם האָט חתונה מיט שרה'ן . . 51
נמרוד'ס חלום 51
אליעזר ראַטעוועט אברהם'ן פון טויט 53
אברהם אין חרן 54
אברהם אין כנען 57
אברהם מיטן וואַנדער־שטעקן אין האַנט 59
אברהם און דער הונגער 62
רקיון, דער ערשטער פרעה אין מצרים 64
אברהם'ס צוג קיין מצרים 66
אברהם אין מצרים 68
שרה אין פרעה'ס פּאַלאַץ 70
אברהם און שרה פאַרלאָזן מצרים . 73
אברהם און לוט 74
דער אויבערשטער זאָגט צו אברהם'ן
ארץ ישראל 77
לוט אין געפאַנגענשאַפט 79
אברהם באַזיגט די מלכים,
באַפרייט לוט'ן 81
אברהם און שם, נח'ס זון . . . 86
אברהם און ברע, קעניג פון סדום . 88
אברהם'ס מורא 89
דער אויבערשטער זאָגט צו אברהם'ן
אַ זון 92
דער בונד צווישן די שטיקער
(בין הבתרים) 95
שרה גיט אברהם'ן איר דינסט הגר . 99
הגר און דער מלאך 101
אברהם און מצות מילה 103
די נעמען אברם און שרי ווערן געביטן 104
אברהם'ס ברית 107
די שכינה ביי אברהם'ן 109
אברהם און די דריי מלאכים . . . 110
די בשורה וועגן יצחק'ס געבורט . 114
די זינד פון סדום און עמורה . . 116
אברהם אַפּעלירט פאַר סדום . . . 123
די מלאכים ביי לוט'ן 128
די מלאכים ראַטעווען לוט'ן מיט זיין
פאַמיליע 131
די פאַרניכטונג פון סדום און די
אַנדערע שטעט 132
אבימלך נעמט אַוועק שרה'ן פון
אברהם'ן 134
אברהם בעט פאַר אבימלך'ן . . . 138
יצחק'ס געבורט 139
יצחק'ס ברית 141
אברהם שיקט אַוועק הגר'ן מיט
ישמעאל'ן 142
הגר אין דער מדבר 143
אברהם באַזוכט ישמעאל'ן 145
אברהם'ס צווייטער באַזוך ביי
ישמעאל'ן 146
דער אברהם און אבימלך בונד . . 148
דער שטן קלאָגט אָן אברהם'ן . . 150
דער צענטער נסיון 151
אויפן וועג צו דער עקידה . . . 154
די עקידה 158
שרה'ס פּטירה 165
אברהם קויפט די מערת המכפלה . . 167
אברהם בעט אַלטקייט 170
די צען נסיונות 171
אליעזר ברענגט רבקה'ן 172
יצחק און רבקה 177
אברהם האָט חתונה מיט קטורה'ן . 178
אברהם'ס צוואה 179
אברהם'ס פּטירה 180

אהרן ראָזמאַרין׳ס תנ״כ ענציקלאָפּעדיע
פּערזענלעכקייטן

לויט תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, קבלה ליטעראַטור, ראשונים און אחרונים

פראַגעס און ענטפערס
ערשטער באַנד

דאָס איז דאָס סאַמע ערשטע ווערק פון דעם מין, סאָרט, אין אידיש און אין אַנדערע שפּראַכן.

אינהאַלט

א.

אבגיל, אבגתא, אבי, אבי עלבון, אביאל, אביאסף; אביגיל, דוד המלך׳ס אַ שוועסטער; אביגיל, דוד המלך׳ס אַ ווייב; אבידן, אבידע; אביה, בנימין׳ס אַן אייניקל; אביה, שמואל הנביא׳ס אַ זון; אביה, אַ כהן אין דוד המלך׳ס צייטן; אביה, שלמה המלך׳ס אַן אייניקל; אביה, דעם מלך ירבעם׳ס אַ זון; אביה, אַ כהן אין נחמיה׳ס צייטן; אביה, חצרון׳ס [יהודה׳ס אייניקל] ווייב; אביה, זכריה׳ס אַ טאָכטער, דעם מלך אחז׳ס ווייב, און דעם מלך חזקיהו׳ס מוטער; אביהוא און נדב, אביהוד, אביהיל, אביחיל [אסתר המלכה׳ס פּאָטער], אביטוב, אביטל, אבים, אבימאל, אבימלך אין אברהם אבינו׳ס צייטן, אבימלך אין יצחק אבינו׳ס צייטן, אבימלך אין ירובעל׳ס [גדעון׳ס] צייטן, אבימלך אין דוד המלך׳ס צייטן, אבינעם, אבינר, אביסף, אביעזר, אבירם, אבירם און דתן משה רבינו׳ס געגנערס, אבישג, אבישוע, אבישור, אבישי, אביתר, אבנר, אבצן, אברהם אבינו.

ב.

ביאָגראַפּיעדיגס וועגן מחברים וועמענס ספרים עס ווערן דערמאָנט אין דעם דאָזיגן באַנד. ר׳ אברהם אבן עזרא, א״ע; ר׳ אברהם ב״ר דוד, ראב״ד; ר׳ אברהם גומבינער, זית רענן; ר׳ אברהם, טריסקער מגיד; ר׳ אברהם שמואל בנימין, כתב סופר; ר׳ אליהו ב״ר שלמה זלמן, ווילנער גאון; ר׳ גדליה ן׳ יחייא, שלשלת הקבלה; ר׳ דוד אַלטשול, דער מצודת דוד;

ר׳ דוד ב״ר יוסף, אבודרהם; ר׳ דוד קמחי, רד״ק; דון יצחק אברבנאל; ר׳ הערש לייב וואָלאָזשינער; ר׳ חיים העליר; ר׳ חיים יוסף דוד אַזולאי, חיד״א; ר׳ חיים ן׳ עטר, אור החיים; ר׳ יהודה אריה (לעאָן) דע מודינאַ; ר׳ יהודה אריה לייב, שפת אמת; ר׳ יהודה החסיד; ר׳ יהודה רוזאַניס, משנה למלך; ר׳ יהונתן אייבשיץ, יערות דבש; ר׳ יוסף ראָזין, דער ראָגאַטשאָווער; ר׳ יחיאל היילפרין, סדר הדורות; ר׳ יחיאל מיכל אַלטשול, דער מצודת ציון; ר׳ יעקב ב״ר אשר, בעל הטורים; ר׳ יעקב ב״ר מאיר, רבינו תם; ר׳ יעקב יוסף; ר׳ יעקב עמדין; ר׳ יעקב קראַנץ, דובנער מגיד; ר׳ יצחק מאיר, חידושי הרי״מ; ר׳ ישעיה הורוויץ, של״ה; ר׳ ישראל אלנקאוה, מנורת המאור; ר׳ ישראל בעל שם טוב; ר׳ ישראל מאיר הכהן, חפץ חיים; ר׳ ישראל נאַגאַרא [נאַדזשאַראַ]; ר׳ ישראל, קאָזשעניצער מגיד; ר׳ לוי בן גרשון, רלב״ג; ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער; ר׳ מאָטעלע טשער־נאָבילער; ר׳ מאיר לייב בן ר׳ יחיאל מיכל, מלבי״ם; ר׳ מאיר שמחה, אור שמח, משך חכמה; ר׳ מנחם בן סרוק; ר׳ מנחם ב״ר בנימין, רקאַנטי; ר׳ משה ב״ר חיים, אלשיך; ר׳ משה ב״ר מיימון, רמב״ם; ר׳ משה ב״ר נחמן, רמב״ן; ר׳ משה חיים אפרים סאַדילקאָווער, דגל מחנה אפרים; ר׳ משה טייטעלבוים, ישמח משה; ר׳ משה סופר, חתם סופר; ר׳ נחום׳טשע טשערנאָבילער; ר׳ עזריה פיגו, בינה לעתים, גדולי תרומה; ר׳ פנחס מנחם אלעזר יוסטמאַן, שפתי צדיק; רבינו בחיי; ר׳ שבתי משורר, ב״ס, שפתי חכמים; ר׳ שלמה ב״ר יצחק, רש״י; ר׳ שמואל אידלש, מהרש״א; ר׳ שמואל ב״ר מאיר, רשב״ם; ר׳ שמחה ב״ר שמואל, מחזור ויטרי.

ג.

אברהם אבינו׳ס לעבן און שאַפונג

אַ פולשטענדיגע ביאָגראַפיע

לויט תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, קבלה ליטעראַטור, ראשונים און אחרונים

לכבוד שבת

אייגנאַרטיגע געדאַנקען אויף אַלע פיר און פופציג סדרות, און אויף מאַנכע ימים טובים, וואָס שפרודלען מיט תורה און חכמה פון אונזערע חכמים, גאונים און גדולי התורה ז״ל, און אַנטהאַלטן הונדערטער אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון גדולי ישראל, משלים, מאמרי חז״ל און גלאַט גוטע ווערטלעך.

„...עס האָט אַלע פאָלקסטימלעך־רעליגיעזע חן׳ען...

דר. א. מוקדוני

„...דורכגעפלאָכטן מיט טרעפלעכע מעשיות, צוגעפּאַסטע אַנעקדאָטן און גלייך־ווערטלעך... האַלט דעם לייענער געשפּאַנט...״

יעקב גלאַטשטיין

„...אַ ספר אָנגעפּיקעוועט מיט מעשה׳לעך ווי אַ מילגרוים מיט קערנער...״

חיים ליבערמאַן

„...אַן אוצר פון מאמרי חז״ל, מעשיות, משלים און גלייך־ווערטלעך ...אַ שלל מיט אויסטייטשן און חסידישע מאמרים...״

א. פעטשעניק

„...דאָס בוך הייסט טאַקע „לכבוד שבת״, אָבער עס וואָלט באַדאַרפט הייסן „לכבוד אַלע טעג פון דער וואָך״... ווייל וועלכן טאָג אין דער וואָך איר זאָלט דאָס בוך לייענען, וועט איר דערפילן דעם הויך פון שבת׳דיקייט...״

אהרן ניסענזאָן

* * *

די שעהנקייט פון אידענטום

דאָס בוך באַהאַנדלט אויף אַ פּאָפּולערן אופן אַזעלכע וויכטיגע און אינטערעסאַנטע טעמעס ווי וואָס די אידישע לערע האָט צו זאָגן וועגן: אמת און ליגן, אויפריכטיקייט און חנופה, לשון הרע, ליבשאַפט, און פיינטשאַפט, רחמנות און גרויזאַמקייט, גמילות חסד און פּראָצענט, צדקה, פאַרגינען און מקנא זיין, רעספּעקטירן און באַליידיגן, באַשיידנקייט און חוצפה, געדולד און אויפרעגונג, אייניקייט און צעשפּליטערטקייט, בילדונג און עם הארצות, לערער און פירער, אַרבעטער און אַרבעט גיבערס, די פרוי, שלום און מחלוקת, דעמאָקראַטיע און נאָך וויכטיגע טעמעס.

„...דאָס בוך איז וואַרעם און מיט באַגייסטערונג געשריבן... און די וואַרעמקייט פאַרכאַפּט אייך, און ציט אייך אַריין אין אַ וועלט פון ברודערלעכקייט, פון ליבע, רחמים און מענטשלעכקייט...

דר. ראָזמאַרין לייגט אויס סיסטעמאַטיש די גאַנצע אידישע עטיק... און דער לייענער באַקומט אַ קלאָרן און פולן באַגריף וועגן דעם מהות פון דער אידישער עטיק...״

דר. א. מוקדוני

„...זייענדיג אַ בקי אין אידישן וויסן און אין אידישער טראַדיציע, אַזוי גוט ווי אין וועלטלעכן וויסן, און זייענדיג אַ שריפטשטעלער מיט אַ היפּשער מאָס פון פּאָעטישער אויפפאַסונג פון לעבן, האָט דער מחבר אַרויסגענומען דאָס שעהנסטע און דאָס תמצית׳דיגע פון דער אידישער לערע און אידישער וועלטאַנשויאונג, און אויפגעשטעלט אַ בנין אין אַ פשוט׳ער, זאַפטיגער אידישער פאָלקס־שפּראַך, וואָס פאַרכאַפּט אייך מיט זיין שעהנקייט...״

אהרן ניסענזאָן

„...אויף אַ זעהר פּאָפּולערן, לייכט פאַרשטענדלעכן אופן גיט איבער דער פאַרפאַסער די וויכטיגסטע מאָראַלישע לערעס פון אידנטום...״

חיים ליבערמאַן

געדאַנק און חכמה

טייטשט אויס אַלע סדרות פון אַ גאַנץ יאָר, ווי אויך די קריאה פון מאַנכע ימים טובים. דאָס בוך איז פול מיט אינטערעסאַנטע מדרשים, מאמרי חז״ל, משלים פון גדולים, עפּיזאָדן פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן, שאַרפזיניגע ווערטלאַך.

* * *

אַן ענטפער

(צו דער פּאָלעמיק אַרום דעם אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר).

* * *

GOLDEN RULES

CONTENTS: *Fundamentals in Judaism, Truth and Falsehood, Sincerity and Flattery, Love and Hatred, Compassion and Cruelty, Free Loans and Usury, Envy and Contentment, Respect and Contempt, Meekness and Arrogance, Patience and Impatience, Unity and Discord, Erudition and Ignorance, Teachers and Leaders, Employer and Employee, The Status of the Jewish Woman, Strife and Peace, Democracy.*

This, authoritative, informative, yet popular presentation of the teachings of Jewish ethics shows how the Jew has acted, and how he should act, according to the precepts of Judaism. It convinces the reader that a strictly religious life plus knowledge of the religious and ethical teachings of Judaism would best protect the existence of the Jews as a Jewish people and would simultaneously serve as an impregnable fortress against antisemitism in its multifarious forms and shades.

* * *

DO YOU KNOW THIS ONE?

The Jewish Quiz Book For Old And Young.

* * *

MOSES IM LICHTE DER AGADA

...erreichte Vollstaendigkeit. —**Prof. Samuel Kraus**

...ein widerspruchlos einheitliches Bild von Moses. —**Prof. Bernard Heller**

...eine reiche Fundgrube darstellt. —**Prof. Paul Fiebig**

...Exhausted all sources on the subject. —**Prof. Israel Davidson**

...A valuable contribution. —**Prof. Ch. Tchernowtiz**

...An exhaustive study. —**New York Sunday Times**

OM PUBLISHING CO.
22 Ludlow St., New York 2, N. Y.
Tel.: ALgonquin 4-6087

ספרים, ביכער פון אום פּאַבלישינג קאָ.

משניות מיט **פארגרעסערטע** אותיות, מיט די פירושים תפארת ישראל, ברטנורא, עיקר תוספות יום טוב, און מיט די קונטרסים זרע אמונה, דבר בעתו, חוסן רב, אבי עזר, דרוש אור החיים, חומר בקודש, יבקש דעת, מסגרת זהב, אין זעקס פּראַכטפולע בענדער, קנאַפּע פיר טויזנט זייטן.

פרקי רבי אליעזר, מיט דעם פירוש הרד״ל פון גאון ר׳ דוד לוריא ז״ל.

מכילתא, הוצאת מאיר איש שלום, איינער פון די עלטסטע הלכה׳שע מדרשים, פאַרפאַסט פון די תנאים.

ספרא (תורת כהנים), מיט דעם פירוש פון ראב״ד ז״ל, און מיט דער מסורת התלמוד.

ספרי, הוצאת מאיר איש שלום, אַן אַלטער מדרש, פאַרפאַסט פון די תנאים.

פסיקתא דרב כהנא, הוצאת שלמה באָבער, אַן אַלטער מדרש.

מדרש תהלים, המכונה שוחר טוב, הוצאת באבער, פון וועלכן די שפּעטערע מדרשים האָבן געשעפּט.

ספר האמונות והדעות, פון רבינו סעדיה גאון, ז״ל.

מורה נבוכים, פון רמב״ם ז״ל מיט די פירושים „שם טוב״, „אפודי״, „קרשקש״, „אברבנאל״, „ביאור הנרבוני״.

ביאור הנרבוני, מאת משה נרבוני, אַ פירוש אויפן רמב״מ׳ס מורה נבוכים.

ספר הכוזרי, פון ר׳ יהודה הלוי ז״ל מיט די פירושים „קול יהודה״ און „אוצר נחמד״.

פירוש התורה לרשב״ם, עדיציע דוד ראזין.

ציון לדרש, פון ר׳ שרגא פייבש פרענקעל ז״ל, אַנטהאַלט אַלע מאמר חז״ל פון תלמוד בבלי און ירושלמי.

שאלות ותשובות עונג יום טוב אויף אורח חיים, יורה דעה, חושן משפט, אבן העזר, פון ר׳ רפאל יום טוב ליפמן היילפרין, ז״ל.

הכתב והקבלה, פון ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג ז״ל. עס איז אַ גענִיאַלער פירוש וואָס דערקלערט די תורה לויט דרש און הלכה און אַנטהאַלט אַן אונערשעפּלעכן קוואַל פון וויסן.

חיי היהודי על פי התלמוד, פון ר׳ יצחק סובאַלסקי ז״ל, אַ וואונדער־באַרע באַשרייבונג פון דעם אידנ׳ס לעבן אין אַלע צווייגן פון לעבן, באַזירט אויף איבער דריי טויזנט מאמרי חז״ל.

לפלגות ראובן, על כל סדר נזיקין, מאת ר׳ זעליג ראובן בענגיס ז״ל.

חסידות און עטיק, פון הרב נפתלי האָראָוויץ.

געקליבענע פּערל, דרשות אויף אַלע סדרות, מגילות און ימים טובים, פון דר. ישראל וו. מאַרקוס ז״ל.

קולומבוס היהודי, ערשטער בוך אין העברעאיש פון שאול ספּיר.

דער בעל תשובה, אַ בוך וועגן ווילנער גאון ז״ל, פון שאול ספּיר.

דער ווילנער גאון, פון פסח מאַרקוס.

ספרים, ביכער פון הרב דר. אהרן ראָזמאַרין

משה רבינו׳ס לעבן און שאַפונג
לויט תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, קבלה ליטעראַטור, ראשונים
און אחרונים [אין אידיש]

אברהם אבינו׳ס לעבן און שאַפונג
לויט תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, קבלה ליטעראַטור, ראשונים
און אחרונים [אין אידיש], זעט ענדע פון דעם ספר

אהרן ראָזמאַרין׳ס תנ״כ ענציקלאָפּעדיע, פּערזענליכקייטן פראַגעס און ענטפערס
לויט תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, קבלה ליטעראַטור, ראשונים
און אחרונים [אין אידיש], זעט ענדע פון דעם ספר

געדאַנק און חכמה
געדאַנקען אויף אַלע סדרות [אין אידיש]

לכבוד שבת
דרשות אויף אַלע סדרות [אין אידיש]

דער תנ״ך דערצעהלט
[אין אידיש]

אַן ענטפער
צו דער פּאָלעמיק אַרום דעם אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר
[אין אידיש]

די שעהנקייט פון אידענטום
[אין אידיש]

GOLDEN RULES
אינהאַלט דער זעלבער ווי אין „די שעהנקייט פון אידענטום״
[אין ענגליש]

DO YOU KNOW THIS ONE?
פראַגעס און ענטפערס פאַר אַלט און יונג [אין ענגליש]

MOSES IM LICHTE DER AGADA
אַ פולשטענדיגע ביאָגראַפיע פון משה רבינו לויט תלמוד, מדרש,
אגדה, זהר, קבלה ליטעראַטור, ראשונים און אחרונים [אין דייטש]